STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06213

SOTSIALIZM UN RUZVELTIZM

A. H. Bialin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

SOCIALISM AND ROOSEVELTISM

BY

A. H. BIALIN

A Historic Social-economic Treatise

Copyright, 1956
by
A. H. Bialin
New York, N. Y.

סאָציאַליזם און רוזוועלטיזם

אַ היסטאָרישע סאָציאַל-עקאָנאָמישע אָפּהאַנדלונג

פון

א. ה. ביאַלין

פאַרלאַג בידערמאַן

ניו יאָרק 1956

אינהאַלט

	זייט
פאָרוואָרט	5
אויך אידעען ווערן אַלט	11
סאָציאַליזם	18
מאַרקסיזם	35
סאָציאַליזם און די אינטעליגענץ	57
טרעיד יוניאָנס	62
פראָפיט	67
די רעוואָלוציע	82
דער סאָציאַליסטישער עקספערימענט	88
סטאַלין	95
סטאַליניזם: 1. טאָטאַלער כוח, 2. די פראָצעסן, 3. דער פויער און סאָציאַליזם, 4. דער פאַקט	102
רוזוועלטיזם	122
וואָל סטריט	139
מאַרשאַל־פּלאַן	151
סאָציאַליזם קאָן פאַרגרעסערן עקספּלואַטאַציע	155
כינע	175
די ענדערונגען	186
דער גורל פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד	207
קאָלעקטיוויזם	212

פאַרוואָרט

אָנשרייבן אַ בוך איז אַן אַרבעט, אַ שווערע אַרבעט. איבער־הויפּט אַזאַ בוך וואָס ליגט דאָ פֿאַר אייך. מען קאָן ניט זאָגן, אַז די פֿעאיקייט צו שרייבן פֿאַרלייכטערט אַ סך די אַרבעט, ווייל די פֿעאיקייט איז דאָ ניט אַזוי וויכטיק, ווי דאָס וואָס מען דאַרף וויסן און פֿילן וואָס מען שרייבט. מען דאַרף אַוועקגעבן אַ סך צייט, ניט בלויז מיט שרייבן נאָר מיט שטודירן, פֿאָרשן און טראַכטן. יאָ, מען דאַרף זיך גאָר אַ סך אַריינטראַכטן, ווייל אויב ניט קאָן מען פֿאַרפּירט ווערן טאַקע פֿון די ביכער און פֿאָרשער וועלכע מען לייענט און מען שטודירט.

ביכער לעבן ניט אייביק, נאָר ביכער האָבן אַ טבע צו ווירקן ניט נאָר ווען די מחברים לעבן ניט מער, נאָר אַפֿילו ווען די ביכער אַליין האָבן שוין אָפּגעלעבט זייער צייט. מען דאַרף האָבן אַ סך כוח אַרויסצוטרעטן קעגן איינעם וואָס איז זייער באַרימט, אַז זיין באַרימטקייט איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע. ווי קום איך צו זאָגן אויף אַזאַ איינעם, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. די האַנט האָט מיר באַדאַרפֿט ציטערן שרייבנדיק. איך וויל זיך דאָ ניט באַרימען, אַז איך בין אַזאַ העלד; איך האָב אָבער גאָר אַ שטאַרקן געפֿיל קעגן שקלאַפֿעריי, אויך קעגן געדאַנקען־שקלאַפֿעריי; איך האָב דערפֿאַר ניט ליב ווען אימיצער ברענגט צופֿיל ציטאַטן און דערציילט מיר, וואָס דער און יענער האָט געזאָגט. איך היט זיך פֿאַר מענטשן, וואָס אויב זיי לייענען עפּעס קאָנען זיי זיך פֿון דעם געלייענטן ניט באַפֿרייען.

אַ מענטש וואָס שרייבט אַ בוך, און ווערט אַפֿילו באַרימט צוליב דעם בוך, קאָן אויך האָבן געמאַכט אַ טעות. די גרויסע, באַרימטע פֿאָרשער, וואָס האָבן מיט אַזוי פֿיל זיכערקייט און ברייטקייט אַנטוויקלט זייערע געדאַנקען זיינען פֿונדעסטוועגן קיין נביאים ניט געווען; וויסן פֿאָראויס, אַלץ וואָס וועט פּאַסירן שפּעטער האָבן זיי ניט געוואוסט. מען האָט אָבער מורא צו שרייבן קעגן זיי, און עס איז דאָ פֿאַרוואָס מורא צו האָבן, ווייל דער עולם האַלט מיט דעם שטאַרקן. דער שטאַרקער אין דעם פֿאַל איז דער אַלטער, דער באַרימטער און דער לאַנג־פֿאַרשטאָרבענער.

אַ יידיש בוך איז אין אַ באַזונדער שווערער לאַגע, ווייל עס זיינען דאָ ווייניק יידיש־לייענער. דער יינגער דור לייענט ניט קיין יידיש; פֿאַר אַן עלטערן ייד איז גענוג אַ היינטיקע יידישע צייטונג, וואָס איז רייך אין

פאַרשיידנאַרטיקן לייען־מאַטעריאַל. דער וואָס שרייבט אויף יידיש האָט מורא, אַז ניט נאָר וועט זיין בוך פאַרשוויגן ווערן, נאָר עס וועט ניט גע־לייענט ווערן. דאָס איז אַ ביטערער געפיל, ווייל אַ שרייבער וואָס שרייבט אַ בוך איז בבחינה פון אַ מענטש וואָס איז אין געפאַר און שרייט, דורך זיין בוך, מען זאָל אים ראַטעווען, אָדער מען זאָל ראַטעווען די וועלט, צי דעם אַרבעטער־קלאַס — וואָס איז די זעלביקע זאַך. יעדער גרויסער פּאָעט, יעדער פילאָזאָף, יעדער וויסנשאַפטלער און דערציילער וויל עפּעס אויפ־קלערן, וויל ראַטעווען. אויב ער ווייסט פאָראויס, אַז עס איז מעגלעך, צוליב פאַרשיידענע סיבות, זיין בוך זאָל ניט געלייענט ווערן איז עס אַ קול קורא במדבר וואָס קאָן אים אַריינברענגען אין פאַרצווייפלונג, ווייל ער וועט זיך ניט קאָנען ראַטעווען, דערפאַר ווייל קיינער וועט אים ניט הערן.

טאָמער געפינט זיך יאָ אַ ייד וואָס וואָלט געלייענט דאָס נייע יידישע בוך ווייסט ער ניט, אַז אַזאַ בוך איז דערשינען. אויב מען שרייבט ניט וועגן דעם בוך און מען אַנאָנסירט ניט אין די צייטונגען, ווייסט מען ניט וועגן דעם. ווער קאָן זיך דערלויבן אַזאַ לוקסוס צו אַנאָנסירן אין צייטונגען.

אויב עס ווערן פאַרקויפט יידישע ביכער — צי מען לייענט זיי איז מען ניט זיכער — ווערט עס געטאָן דורך געזעלשאַפטן. די געזעלשאַפטן פאַרקויפן אָבער נאָר אַזעלכע ביכער, וואָס זיינען אין איינקלאַנג מיט זייער אידעאָלאָגיע. ווי איז אָבער, אַז דאָס ניי־געשריבענע בוך איז אַן אַפּיקורסיש בוך — ווי עס איז דאָס דאָזיקע בוך — דאַן וועט קיין געזעלשאַפט זיך ניט צורירן דערצו. אַן אַפּיקורס ביי יידן האָט אַלע מאָל שלעכט אָפּגעשניטן. אַ מענטש וואָס שרייבט אַ בוך וואָס איז קעגן דער אָנגענומענער מיינונג פון דער געזעלשאַפט, איז אין געפאַר צו ווערן אַרויסגעשטויסן פון דער געזעלשאַפט, ווי יידן האָבן זיך אַלע מאָל געפירט מיט אַן אַפּיקורס.

טאָ פאַרוואָס טו איך עס? איך ווייס אַליין ניט. אפשר איז עס אַ משוגעת. עס קאָן זיין, איך האָף, אַז צווישן די וואָס וועלן קריגן דאָס בוך אומזיסט, וועט זיך געפונען איינער, וואָס וועט לייענען דאָס בוך, און ווען ער וועט מיך דערנאָך טרעפן, וועט ער צו מיר זאָגן: ביאַלין, איך האָב געלייענט אייער בוך. איך דענק אַז עפּעס איז דאָ אין דעם.

איז פאַר דעם „עפּעס איז דאָ אין דעם“, וואָס איך בין ניט זיכער צי עמעצער וועט עס זאָגן, האָב איך אָוועקגעגעבן אַזוי פיל מי, אַרבעט און געלט? היינטיקע צייטן קאָנען דאָך די אויסגאַבן פון אַ בוך רואינירן אַ מענטש.

איך וויל ניט צופיל טראַכטן וועגן דעם, ווייל איך קאָן אָנהויבן גלויבן: איך וואָלט ניט באַדאַרפט וואַרטן עמעצער זאָל מיר זאָגן, עס איז אַ משוגעת, איך האָב באַדאַרפט האָבן גענוג שכל עס אַליין צו פאַרשטיין. אַחוץ דעם איז אָנשרייבן אַ בוך אויך ריזיקאַליש. איך ווייס, וואָס עס

איז געשען מיט צוויי יידישע שרייבער, נאָכדעם ווי זייערע ביכער זיינען דערשינען, וואָס איך קאָן ניט פאַרגעסן. איין שרייבער, וואָס האָט געשריבן לידער איז ניט געווען באַוואוסט. פון די שרייבער וואָס דרוקן זיך אין די קליינע ליטעראַרישע זשורנאַלן.

ער האָט די לידער אַרויסגעגעבן אין אַ בוך און דערוואַרט מען זאָל עפּעס זאָגן וועגן זיי. אים איז ניט איינגעפאַלן מען וועט זיין בוך אינגאַנצן איגנאָרירן. מען האָט אים אָבער יאָ איגנאָרירט, קיינער האָט גאָרניט געשריבן וועגן זיין בוך. ער האָט עס זיך אַזוי גענומען צום האַרץ דאָס ער איז באַלד דערנאָך געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַנפאַל. אַ צווייטער שרייבער איז שוין יאָ געווען באַרימט און אָנערקענט. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וואָס איז געווען זיין לעבנס־ווערק. ער האָט אַ סך יאָרן אַוועקגעגעבן עס צו דערגרייכן. ווען דאָס בוך איז דערשינען האָט אַ קריטיקער געשריבן אַן אָפּהאַנדלונג אין איינע פון די טאָג־צייטונגען אין ניו־יאָרק. דער קריטיקער האָט דאָס בוך מערדערלעך אַראָפּגעריסן. ער האָט געמאַכט דערפון אַש און בלאָטע. דער שרייבער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַנפאַל.

מעגלעך, אַז די צוויי שרייבער וואָלטן סיי ווי געשטאָרבן, איך קאָן אָבער ניט פאַרגעסן די נאָענטקייט פון זייער טויט צו דעם וואָס עס איז געשען פריער. הייסט עס, אַז ניט נאָר איז אַ בוך פאַרבונדן מיט יאָרן אַרבעט און מיט געלט נאָר אויך דאָס לעבן איז אין געפאַר.

פון דעם אַלעם איז געדרינגען, אַז די קלוגסטע זאַך וואָס אַ מענטש קאָן טאָן איז — ניט שרייבן קיין בוך.

פאַרוואָס האָב איך עס געטאָן? פאַרוואָס האָב איך אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס מער ווי צרות קאָן איך פון דעם ניט דערוואַרטן. ווייס איך דען ניט וואָס פאַר אַ דערציאונג און וואָס פאַר אַן אידעען די יידן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך קיין אַמעריקע? ווייס איך דען ניט ווי פאַרהאַסט דאָס וואָרט קאַפּיטאַליזם איז ביי זיי? ווען איך וועל זאָגן איין גוט וואָרט פאַר קאַפּיטאַליזם, אַפילו צו איינעם וואָס איז דאָ רייך געוואָרן, וואָס איז אַליין אַ קאַפּיטאַליסט און וועט זיכער באַקעמפן אַ סאָציאַליסטישן אויפשטאַנד, וועל איך אַרויסרופן צו זיך די גרעסטע פאַראַכטונג.

איך ווייס דאָס אַלעס און וואָלט זיך זיכער ניט געווען אַריינגעלאָזט אין אַזאַ צרה. שולדיק אין דעם וואָס דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן איז אַ געשעעניש, וואָס איז פאַרלאָפן סוף 1940. איך בין געווען אין וואַשינגטאָן, געשטאַנען קעגנאיבער דעם ווייסן הויז, וואו דער פּרעזידענט וואוינט און געזען אַ דעמאָנסטראַציע. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געטראָגן אויפשריפטן און אויסגעשריגן „סלאָגאַנס״ וואָס האָבן פאַרלאַנגט: אַמעריקע זאָל ניט

העלפן ענגלאַנד אין דער מלחמה קעגן היטלערן, ווייל עס איז ניט קיין אונטערשייד, ווער עס וועט געווינען די מלחמה צי דאָס נאַציסטישע דייטשלאַנד צי דאָס אימפּעריאַליסטישע ענגלאַנד. צווישן די דעמאָנסטראַנטן האָב איך געזען גאָר אַ גרויסע צאָל יידן.

עס איז נויטיק צו וויסן אין וואָס פאַר אַ לאַגע די וועלט האָט זיך דעמאָלט געפונען. היטלער האָט שוין געהאַט איינגענומען גאַנץ אייראָפּע. ער איז געשטאַנען ביים ענגלישן קאַנאַל צו באַפאַלן און איינעמען ענגלאַנד. נאַצישע עראָפּלאַנען האָבן געוואָרפן באָמבעס און חרוב געמאַכט ענגלישע שטעט. וואָלט היטלער איינגענומען ענגלאַנד וואָלט ער געווינען די מלחמה. אַמעריקע וואָלט דאַן געווען מאַכטלאָז. נאָך זיין זיג וואָלט זיך היטלערס איינפלוס פאַרשפּרייט איבער דער וועלט. אַלע שוואַרצע כוחות אין אַלע לענדער אַפילו אין אַמעריקע וואָלטן מיט דער הילף פון די נאַציס אָנגעהויבן הערשן און רעגירן. פאַר יידן וואָלט עס געמיינט דער סוף.

אין אַזאַ צייט האָב איך געזען ווי יידישע יונגעלייט האָבן דעמאָנסטרירט און געשריגן מיט אַלע כוחות, מען זאָל ניט העלפן ענגלאַנד; פונקט דאָס, וואָס היטלער האָט געוואָלט. ווען איך האָב דאָס געזען האָב איך פשוט מיינע אויגן ניט געגלויבט. איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך.

די יידישע יונגעלייט זיינען ניט געווען עפּעס פּראָסטע, אומוויסנדיקע מענטשן. זיי זיינען געווען אויסגעשטודירטע אוניווערסיטעט־מענטשן; די מערסטע פון זיי לערער. און זיי זיינען אַלע געווען סאָציאַליסטן — קאָמוניסטן זיינען דאָך אויך סאָציאַליסטן נאָר וואָס גלויבן, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בויט זיך סאָציאַליזם. דאָס וואָס די קאָמוניסטן האַלטן פון רעוואָלוציעס, מאַכט זיי ניט פאַר אויס סאָציאַליסטן. די קאָמוניסטן ווי די סאָציאַליסטן ווילן אַראָפּוואָרפן קאַפּיטאַליזם און איינפירן סאָציאַליזם. זייער ציל איז דער זעלביקער.

ווען איינער פון די יונגעלייט איז געוואָרן מיד, זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט בין איך צו אים צוגעגאַנגען. איך האָב געוואָלט אויסגעפונען צי מיינט ער אויף אַן אמת, אַז עס איז ניט קיין אונטערשייד ווער עס וועט געווינען די מלחמה, דאָס דעמאָקראַטישע ענגלאַנד אָדער דאָס נאַציסטישע דייטשלאַנד. איך האָב ניט געקאָנט גלויבן, אַז ער מיינט טאַקע, אַז עס איז ניט קיין אונטערשייד. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער איז געווען אַזוי איבערצייגט אין דעם, דאָס עס האָט ניט געהאַט קיין זין צו דעבאַטירן מיט אים. יעדער איינער וואָס האָט געדענקט אַנדערש איז ביי אים געווען אַ פינצטערער רעאַקציאָנער.

איך האָב אויסגעפונען, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ סאָציאַליסט נאָך

אין דער אַלטער היים, אין פּוילן. ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער געוואָרן דאָ טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דער פֿאָטער געוואָרן אַ קאָמוניסט צוזאַמען מיט דעם זון און ביידע זיינען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דער פֿאָטער איז אַלט האָט ער ניט געקאָנט פֿאָרן קיין וואַשינגטאָן, אָבער ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז דער זון זאָל פֿאָרן און דעמאָנסטרירן קעגן דעם, מען זאָל העלפֿן ענגלאַנד, ווייל אויך דער פֿאָטער האַלט אַז עס איז ניט קיין אונטערשייד ווער עס וועט געווינען די מלחמה.

איך בין אַוועק פֿון דער דעמאָנסטראַציע אַ צעבראָכענער. איך בין נעכט ניט געשלאָפֿן און געטראַכט, ווער איז שולדיק אין דעם וואָס אַזאַ יונגערמאַן מיט העכערע בילדונג, מיט אַ סאָציאַליסטישער דערציאונג און זיין פֿאָטער פֿון פּוילן, וואָס ווייסט דעם טעם פֿון אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען זאָלן טאָן אַזעלכעס וואָס העלפֿט היטלערן, וואָס האָט געקאָנט פֿירן — אויב מען וואָלט זיך צוגעהערט צו זיי — צום גרעסטן אומגליק פֿאַר דער וועלט און אונטערגאַנג און טויט פֿאַר אַלע יידן.

וואָס פֿאַר אַ פֿאַדעם פֿאַרבינדט די יידן, ערלעכע מענטשן, אידעאַליסטן מיט אַ האַנדלונג וואָס איז אומזיניק, שעדלעך און פֿאַרברעכעריש? וועמענס שולד איז עס?

עס איז לעכערלעך צו זאָגן לעניק אָדער סטאַלין איז שולדיק. פֿונוואַנען קומט צו אַזאַ איינעם, וואָס איז געבוירן אין פֿרייען אַמעריקע, וואו אין 1940 האָט דער אַרבעטער געהאַט אַ סך פֿאַרזיכערונגען און אַ בעסער לעבן פֿון אַלע אַרבעטער אין דער וועלט, אַז סטאַלינס אַ וואָרט זאָל האָבן אויף אים אַזאַ איינפֿלוס. די גאַנצע זאַך איז דאָך געווען אַ משוגעת, ווייל עס איז דאָך זיכער ניט געווען אין די אינטערעסן פֿון די סאָוועטן, אַז היטלער זאָל געווינען די מלחמה. און ניט נאָר קאָמוניסטן נאָר אויך סאָציאַליסטן ווי נאָרמאַן טהאָמאַס זיינען געווען קעגן דעם, מיר זאָלן העלפֿן ענגלאַנד. טהאָמאַס, אַ סאָציאַליסט, אַ קעגנער פֿון די קאָמוניסטן האָט אויך געשריגן, עס איז ניט קיין אונטערשייד ווער עס וועט געווינען די מלחמה.

אויף אַ רגע איז מיר איינגעפֿאַלן, אפֿשר איז עס די שולד פֿון סאָציאַליזם, אפֿשר טראָגט סאָציאַליזם אין זיך אַזאַ מיקראָב וואָס קאָן פֿירן צו אַזאַ האַנדלונג. איך האָב זיך דערשראָקן פֿאַר דעם געדאַנק. איך אַליין האָב געקראָגן אַ סאָציאַליסטישע דערציאונג, ווי קאָן מיר גאָר איינפֿאַלן אַזאַ זאַך. דער געדאַנק האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט, האָב איך באַשלאָסן זיך מער צו פֿאַרטראַכטן וועגן דעם, וואָס עס מיינט סאָציאַליזם פֿאַר אונז היינט.

און דאָס איז צו וואָס איך האָב זיך דערטראַכט: אַ בוך וועגן סאָציאַליזם, קאָמוניזם, סטאַליניזם און רוזוועלטיזם.

אויך אידעען ווערן אַלט

אידעען קאָנען ווערן אַלט און אָפּגעלעבט. סאָציאַליזם איז היינט אַזאַ אידעע — אַלט און אָפּגעלעבט.

מער ווי הונדערט יאָר עקזיסטירט אַן אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. הונדערטער פּאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן, קליינע און גרויסע, איינצואָרדענען אַ לעבן אויף סאָציאַליסטישע יסודות; אָבער עס האָט זיך ניט איינגעגעבן — אַלע פּאַרזוכן זיינען דורכגעפאַלן. דער לעצטער פּאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן אויף אַ זעקסטל פון דער וועלט, אין רוסלאַנד. אַ רעוואָלוציע, מיט אַ סך קרבנות, וואָס האָט געזאָלט שאַפן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג האָט זיך אויך ניט איינגעגעבן — קיין סאָציאַליסטיש לאַנד איז דער סאָוועטן־פּאַרבאַנד ניט! סאָציאַליזם מיינט פרייהייט און גלייכהייט; סאָציאַליזם איז אַ סיסטעם וואָס שאַפט אָפּ רייכע און אָרימע; אַ לאַנד, וואו אַ טייל וואוינען אין פּאַלאַצן און אַנדערע אין קליינע אָרימע שטובלעך; וואו עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס פאָרן אין אויטאָמאָבילן, האָבן באַדינער און אַנדערע, וואָס זיינען די באַדינער און מוזן גיין צופיס; אַ לאַנד וואָס האָט לחלוטין אָפּגעשאַפט פרייהייט און גלייכהייט — אַזאַ לאַנד איז ניט קיין סאָציאַליסטיש לאַנד. נאָך הונדערט יאָר פון אָרגאַניזירטע, אַגרעסיווע, רעוואָלוציאָנערע פּאַרזוכן איז סאָציאַליזם נאָך אַלץ געבליבן אַ טעאָריע, וואָס האָט, ביז היינט, ניט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן.

צוויי לענדער האָבן געוואָרפן אַ ניי ליכט אויף דער אידעע פון סאָציאַליזם — דער סאָוועטן־פּאַרבאַנד און די פּאַראייניקטע שטאַטן. דער סאָוועטן־פּאַרבאַנד האָט באַוויזן, אַז סאָציאַליזם ווי אויסגעחלומט פון אַלע סאָציאַליסטן־אידעאַליסטן האָט ניט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן. די פּאַראייניקטע שטאַטן האָבן באַוויזן, אַז צו פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע איז ניט נויטיק קיין סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. אונטער אַ דעמאָקראַטיש אינדוסטריעל אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם קאָן זיך דעם אַרבעטערס לאַגע פונקט אַזוי גוט פאַרבעסערן.

צוויי מענטשן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַט דער אומגעהויער וויכטיקער ענדערונג, וואָס האָט געוואָרפן אַ ניי ליכט אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג אין דער געשיכטע פון עקאָנאָמישע ענדערונגען, סטאַלין און רוזוועלט.

סטאַלין האָט זיך, ניט ווילנדיק, אָפּגעקערט פון סאָציאַליזם ווייל ער איז געווען געצוואונגען, ווייל דער סאָציאַליסטישער סיסטעם האָט ניט ריכטיק געאַרבעט, ניט ווי מען האָט זיך פאָרגעשטעלט. רוזוועלט האָט אָפּגעוואָרפן דעם סאָציאַליסטישן וועג ווייל ער האָט עס געוואָלט, ווייל סאָציאַליזם איז אים ניט געווען צום האַרצן; דער עקספּערימענט אין רוסלאַנד האָט אים אָפּגעשראָקן. רוזוועלט האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון רעפאָרמירטן קאַ־פּיטאַליזם, וואָס האָט געמאַכט אומנויטיק אַ סאָציאַליסטישע איבערקערעניש.

עס איז דאָ אַ סך געמיינשאַפטלעכעס צווישן די צוויי לענדער, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, זיי זיינען די רייכסטע לענדער אין דער וועלט, אומגעהויער רייך אין נאַטירלעכע אוצרות און אין פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן.

אין 1917 איז רוסלאַנד געווען פאַרוויקלט אין אַ גרויסער, שווערער מלחמה, צו וועלכער זי איז ניט געווען ריכטיק צוגעגרייט. דער קאָרופּטער צאַרישער רעזשים האָט עס ניט געקאָנט איבערטראָגן און איז צוזאַמענגעב־בראָכן; דער צאַר האָט אַבדיקירט און זיין רעזשים איז געפאַלן. דאָס איז געשען אין פעברואַר 1917. אין זעלביקן יאָר אין מאָנאַט אָקטאָבער האָבן די באָלשעוויקעס אַריינגעקריגן די מאַכט. זיי האָבן אָפּגעשאַפט די קאַפּיטאַ־ליסטישע אָרדענונג, אויסגעריסן קאַפּיטאַליזם מיטן וואָרצל און גענומען איינפירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג. פיר יאָר האָט זיך דאָס לאַנד געמאַטערט מיט סאָציאַליסטישע איינפירונגען, פון יאָר 1917 ביז 1921. דאָס לאַנד איז דורך דער צייט ממש דערפירט געוואָרן צו אַ כאַאָס. ווען עס וואָלט ווייטער אַזוי אָנגעהאַלטן, וואָלט עס געפירט צו דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין דער געשיכטע, אַ לאַנד פון הונדערט און אַכציק מיליאָן מענטשן וואָלט צוזאַמענגעבראָכן און איינער וואָלט געשאָכטן דעם צווייטן.

לענין, דער הויפּט־אָנפירער פון דער רעוואָלוציע, האָט עס איינגעזען. ער האָט אַליין געמוזט קומען צו דער פאָליט־ ביוראָ, און זאָגן: „עס קאָן ווייטער אַזוי ניט גיין, מיר מוזן גיין צוריק, צוריק צו קאַפּיטאַליזם." לענין האָט עס אָנגערופן „נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק"; אין תוך האָט עס געמיינט די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיע, ניי איז עס בלויז געווען דערפאַר, ווייל לענין אַליין האָט עס פאָרגעשלאָגן. צוריק איז מען געגאַנגען, די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק האָט אויפגעלעבט דאָס לאַנד.

ווען לענין איז געשטאָרבן, אין יאַנואַר 1924, האָט עס געהאַלטן דער־ביי: אָדער מען זאָל אָנגיין מיט דער נייער פּאָליטיק, וואָס וואָלט געמיינט, אַז דאָס לאַנד וואָלט ביסלעכווייז צוריקגעגאַנגען צו קאַפּיטאַליזם און וואָלט געוואָרן אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, ווי אַלע אַנדערע לענדער; אָדער מען זאָל אָפּשאַפן דעם „נעפּ", צוריקגיין צום פאַרזוך, איינצופירן סאָציאַליזם, ווי

אין 1917 נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, וואָס וואָלט זיכער צוריקגעפירט צום פריערדיקן כאָאָס. פאַר די וואָס האָבן באמת געוואָלט סאָציאַליזם איז קיין שום אויסוועג ניט געווען.

סטאַלין האָט געהאַט אַ נייעם פּלאַן: אויפגעבן דעם „נעפּ", איינפירן אַ שטרענגע דיקטאַטור, אויסראָטן די שטערער און קעגנער און אינדוסט־ריאַליזירן דאָס לאַנד מיט צוואַנג, דורך פינף יאָר פּלענער. די פּאָליט־ביוראָ האָט אָנגענומען סטאַלינס פאָרשלאָג. פאַרשטייט זיך, אַז דעם טריט וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט איצט געמאַכט איז ניט געווען איין טריט צוריק ווי דער „נעפּ" איז געווען נאָר אַ מיליאָן טריט צוריק. מען האָט אָפּגעשאַפט אַזעלכע פרייהייטן וואָס מענטשן האָבן שוין געהאַט אויסגעקעמפט אין די ביבלישע צייטן.

די נייע אָרדענונג, וואָס האָט אָנגעהויבן עקזיסטירן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, רוף איך „סטאַליניזם" אויף דעם נאָמען פון דעם וויכטיקסטן פאַרשטייער פון דער אָרדענונג, יאָסעף סטאַלין.

אין 1933 איז אַמעריקע געווען פאַרוויקלט אין אַן אויסערגעוויינטלעכן שווערן קריזיס. עס האָט אויסגעזען, אַז די לעצטע שעה פון קאַפּיטאַליזם האָט געשלאָגן און אַז דער קאַפּיטאַליזם האַלט ביים פאַלן. רוזוועלט איז דעמאָלט דערוויילט געוואָרן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. רוז־וועלט האָט געזען און פאַרשטאַנען, ווי שלעכט עס איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד, און געוואוסט, אַז ווארטן טאָר מען ניט, מען מוז באַלד עפּעס טאָן. ער האָט פאַרוואָרפן די איינפירונגען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַז די רעגירונג זאָל זיך ניט מישן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד. ער האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון די אַמאָליקע מערקאַנטעליסטן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, די רעגירונג זאָל אַרויסהעלפן און פאַרלייכטערן די אַנטוויקלונג און עקאָנאָמישע פאַרזיכערונג פון לאַנד. רוזוועלט האָט ניט ווייסנדיק אָנגענומען קאַרל מאַרקס' אַ פּרינציפּ, אַז אַ סיסטעם מוז זיך צופּאַסן צו די מיטלען פון דער פּראָדוקציע. מאַרקס האָט דערפון געדרונגען, אַז קאַפּיטאַליזם מוז אונטערגיין, ווייל קאַפּיטאַליזם פּאַסט זיך ניט צו צו די היינטיקע מיטלען פון פּראָדוקציע. רוזוועלט האָט געהאַלטן, אַז דער קאַפּיטאַליזם קאָן זיך יאָ צופּאַסן צו די היינטיקע מיטלען פון פּראָדוקציע; מען דאַרף נאָר דעם קאַפּיטאַליזם רעפאָרמירן. און רוזוועלט האָט דעם קאַפּיטאַליזם רעפאָרמירט. פאַרשידענע געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין קאָנגרעס, אונטער רוזוועלטס פירערשאַפט, וואָס האָבן דעם קאַפּיטאַליזם רעפאָרמירט און אַרויסגעשלעפּט פון דעם שווערן קריזיס. ער האָט דערפירט דאָס לאַנד צו דער גרעסטער שטופּע פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג און צום העכסטן לעבנס סטאַנדאַרד, וואָס קיין לאַנד האָט ביז איצט ניט דער־

גרייכט. די אָרדענונג וואָס רוזוועלט האָט איינגעפירט איז געווען אַזוי ניי און געוואַגט, אַז עס מעג מיט רעכט אָנגערופן ווערן אויף זיין נאָמען רוזוועלטיזם. רוזוועלט אַליין האָט זיינע נייע איינפירונגען גערופן זייער באַשיידן „דער נייער דיל"...

די צוויי לענדער, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן אָנגעהויבן גיין אויף נייע וועגן צוגעפאַסט צו זייערע לענדער און צו דער נייער צייט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, אונטער דער פירערשאַפט פון סטאַלינען, האָט אָנגעהויבן אין יאָר 1926, ווען טראָצקי, זינאָוויעוו, ראַדעק און אַנדערע סאָוועטישע פירער זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאָליט־ביוראָ און סטאַלין איז געבליבן דער וויכטיקסטער פירער אין לאַנד. די פאַראייניקטע שטאַטן, אונטער דער פירערשאַפט פון רוזוועלטן, האָט אָנגעהויבן מיט זיבן יאָר שפּעטער, אין יאָר 1933, ווען רוזוועלט איז דערוויילט געוואָרן פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיט סטאַליניזם האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פעריאָדע אין די סאָוועטישע לענדער; ניט דורכן פרייען סאָציאַליזם נאָר דורך דעם טאָטאַליטאַרישן סטאַליניזם האָט מען גענומען בויען און אינדוסטריאַליזירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די פעלקער האָבן אונטער דעם נייעם סיסטעם אַ סך געליטן. זיי זיינען געווען אונטערגעוואָרפן אַ שטרענגען, ברוטאַלן רעזשים, וואָס האָט פון זיי צוגענומען אַלע פרייהייטן. זיי האָבן געלעבט אין אָרעמקייט. אַלץ האָט אויסגעפעלט; עס האָבן געפעלט וואוינונגען, קליידער און עסן. זיי האָבן געלעבט ווי אין אַ תפיסה, ניט געטאָרט אַרויספאָרן אָן אַ דערלויבעניש און געווען געצוואונגען צו טאָן זאַכן קעגן זייער ווילן.

פאַרוואָס האָבן די סאָוועטישע פעלקער אַזוי פיל געליטן? פאַרוואָס איז קיין איין מאָל ניט געהאַט געווען קיין אויפשטאַנד פון עפעס אַ באַדייט, וואָס זאָל האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף די פירערשאַפט און דער רעגירונג? האָבן די צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן מורא געהאַט פאַר איין מענטש, פאַר סטאַלינען? עס האָט ניט געקאָנט זיין סטאַלינס פערזענלעכער כוח. סטאַלין איז ניט געווען די מאַגנעטישע פערזענלעכקייט, וואָס זאָל באַצויבערן מענטשן, ער איז ניט געווען דער גרויסער רעדנער, וואָס האָט געקאָנט באַאיינפלוסן מאַסן! ער איז אַפילו ניט געווען דער הויפט פון דער רעגירונג. נאָך לענינס טויט איז ריקאָוו געוואָרן דער פרעמיער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר קאָנען דורך פאַרשידענע וועגן אויסגעפונען די לאַגע אין לאַנד, ווי אַזוי עס לעבט דער סאָוועטישער מענטש; אָבער ווי אַזוי ער פילט? דאָס בלייבט אַ סוד, אין דעם קאָנען מיר ניט זיין זיכער. עס קאָן מעגלעך זיין, אַז די פעלקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן גאָרניט אַזוי שטאַרק געהאַסט סטאַלינען ווי מיר מיינען. זיי זיינען אפשר גאָרניט

געווען אַזוי שטאַרק קעגן אים. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, קאָן זיין, איז אַ תפיסה אָבער ניט קיין אמתע. אין אַן אמתער תפיסה זיצן מענטשן אינעװייניק, קוקן אַרויס און זען ווי אַלע אַנדערע זיינען פריי, פילן זיי זיך אומגליקלעך. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וואו קיינער איז ניט פריי, און וואו מען קאָן ניט אַרויסקוקן צו אַנדערע וואָס לעבן פריי, הערט עס אויף צו זיין אַ תפיסה, עס ווערט אַן אופן פון לעבן. דאָס וואָס די פעלקער האָבן אַזוי לאַנג געליטן און געשוויגן, קאָן זיין, האָט צו טאָן מיט זייער פאַרגאַנגענהייט וואָס איז געווען מער באַאיינפלוסט פון מזרח ווי פון מערב. דער מזרח־מענטש איז פאַסיוו, ער האָט ליב רואיקייט, גייסטיקע און קערפּערלעכע, ער וועט אַוועקגעבן אַלץ אין דער וועלט, ער זאָל ניט דאַרפן זאָרגן. אויב עס איז דאָ אַ רעגירונג וואָס זאָרגט פאַר אים איז ער צופרידן, ווען אַפילו ער לעבט אַן אָרעם לעבן. די סאָוועטישע רעגירונג, וואָס פירט אָן מיט דער גאַנצער פּראָדוקציע פון לאַנד מוז באַזאָרגן יעדן איינעם פון דער באַפעלקערונג, ווייל אַלץ איז דאָך אין די הענט פון דער מלוכה. די רעגירונג ווענדט אויך אָן פּראָפּאַגאַנדע צו מאַכן גלויבן, אַז בעסערע צייטן קומען אָן. און צוליב דעם, וואָס די רעגירונג פאַרזאָרגט יעדן איינעם מיט אַרבעט און ברויט, מעג אַפילו זיין מיט וויניק ברויט, און די האָפנונג אויף בעסערע צייטן, דאָס האָט געקאָנט אין משך פון פערציק יאָר אויפהאַלטן דעם סאָוועטישן רעזשים.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז היינט, מיליטעריש, דאָס שטאַרקסטע לאַנד אין דער וועלט, אינדוסטריעל זייער הויך אַנטוויקלט, דאָס צווייטע נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן. אין צאַרס צייטן איז רוסלאַנד געווען, אינדוסטריעל, זייער הינטערשטעליק און זיך גערעכנט אַלס דאָס זעכצנטע לאַנד אין דעם פּרט. איצט איז דער סאָוועטישער האַנדלס בלאָק מער סטאַביל און איז ניט פיל שוואַכער ווי דער סטערלינג בלאָק כאָטש פיל קלענער אין אומזאַץ. די סאָוועטן האָבן דעם פאַרצוג וואָס זיי קאָנען אַ סך קויפן אין דער צייט וואָס ענגלאַנד קאָן אַ סך פאַרקויפן אָבער וויניק וואָס קויפן.

קרעדיט פאַר דעם אַלעם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאַרף מען געבן דעם סטאַליניזם.

דער מערב־מענטש איז אַקטיוו. ער וואָלט, נאַטירלעך, אויך געווען צופרידן מען זאָל פאַר אים זאָרגן, אָבער ניט פאַר דעם פּרייז פון פרייהייט; פאַר פרייהייט וועט ער אַלץ אַוועקגעבן, פאַר פרייהייט איז דער מערב־מענטש גרייט אַוועקצוגעבן זיין לעבן. אויב מען דאַרף זאָרגן, זאָגט ער זיך ניט אָפּ אַליין עס צו טאָן. קיין אַמעריקע זיינען געקומען די אַקטיווסטע און די געוואַגטסטע מענטשן פון אייראָפּע. זיי וואָלטן קיין טאָטאַליטאַרישן

רעזשים ניט געקאָנט פאַרטראָגן. סאָציאַליזם אַפּעלירט צו זיי אַמווינציקסטן, ווייל דער גאַנצער ענין פון דער פאַרזיכערונג, וואָס סאָציאַליזם זאָגט צו, האָט ניט פאַר דעם אַמעריקאַנער יענעם צויבער וואָס ער האָט פאַר דעם מזרח־מענטש, וואָס איז פיל מיט מורא און פּאַסיוו. רוזוועלט וואָס איז געווען זייער אַקטיוו און געוואָגט איז פאַר אַמעריקע געווען דער בעסטער און צוגעפּאַסטסטער פאַרטרעטער; און רוזוועלטיזם — אַ באַוועגונג וואָס האָט אַרויסגעראָטעוועט אַמעריקע פון איר שווערסטער עקאָנאָמישער לאַגע און געוויזן אַ נייעם וועג ווי אַזוי צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די מאַסן — די נאַטירלעכסטע און בעסטע באַוועגונג.

דער דורכפאַל פון סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געשאַפן אַ פּוסטקייט אין די סאָציאַליסטישע רייען איבער דער וועלט. עס האָט צוריקגעוואָרפן די סאָציאַליסטן צו טעאָרעטישער סאָפּיסטיק. מען קאָן זיך ווידער פּילפּולען אָן אַ שעור וועגן סאָציאַליסטישע טעאָריעס, וועגן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם און וועגן מאַרקסיזם. די פּוסטקייט האָט אַרומגעכאַפּט פיל מער ווי בלויז סאָציאַליסטן; די סאָציאַליסטישע אידעע איז שוין געהאַט אַריינגעדרינגען אין די העכערע ספערן פון דענקנדיקע און פילאָזאָפירנדיקע קרייזן.

אַז סטאַליניזם איז ווייט פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל פון וועלכן סאָציאַליסטן האָבן געחלומט, האָט מען גיך אויסגעפונען. מען האָט גענומען אַנטלויפן פון די קאָמוניסטישע רייען מיט אַזאַ אימפּעט, פּונקט ווי מען איז פריער געלאָפן צו זיי. אַ סך האָבן זיך געשעמט און געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט, געזוכט אַ תירוץ ווי אַזוי זיך אָפּצושיידן פון די קאָמוניסטן. לאַנג האָט מען ניט באַדאַרפט וואַרטן; עס זיינען אָנגעקומען די מאָסקווער פּראָצעסן, די רציחות ביי דער קאָלעקטיוויזאַציע אין די דערפער און דער פּאַקט מיט היטלערן. די פרייע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטיש געשטימטע מענטשן זיינען אַוועק פון די קאָמוניסטן. עס האָט זיך געשאַפן אַ וואַקיום, אַ שווערע ליידיקייט וואָס דריקט דעם דענקענדיקן און באַוואוסטזיניקן מענטשן.

מיר שטייען איצט פאַר דער שווערער דילעמאַ — וואוהין גייט מען? וועלכער וועג איז דער ריכטיקער וועג? דער אַלטער סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישער וועג האָט געפירט צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און צו סטאַליניזם. ווער קאָן דען זיין זיכער, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אַן אַנדער לאַנד וועט ניט פירן צו די זעלביקע רעזולטאַטן וואָס אין רוסלאַנד?... אַ וועג מוז אָבער געפונען ווערן. מער ווי אַלע מאָל איז דער מענטש היינט אין געפאַר, אַז אַ שלעכטער שריט קאָן אים פירן צום אָפּגרונט און צו אונטערגאַנג. דאָס איז ניט מער קיין פראַזע אָדער אַ פיגוראַ־

טיוו וואָרט; מיט אַטאָם־ און היידרידזשן־באָמבעס ווערט דאָס וואָרט אונטערגאַנג געפערלעך רעאַליסטיש. אַ נייער און פאָרזיכטיקער צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון אונדזער היינטיקער צייט איז נויטיק. אין דער אויסגעליידיקטער וועלט, אין דעם וואַקיום שאַפט זיך אַ נייע אידעע, וואָס וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון סאָציאַליזם.

די דאָזיקע אידעע רופט איך „קאָלעקטיוויזם". דאָס וואָרט איז ניט קיין ניי וואָרט און אויך דער טערמין „קאָלעקטיוויזם" איז שוין באַנוצט געוואָרן פאַר אַ סך באַוועגונגען. איך וויל דאָס זעלביקע וואָרט באַנוצן פאַר אַ נייער אידעע. עס איז אַן אידעע וואָס ווערט געשאַפן אין דער לעצטער צייט, די צייט פון אַטאָם־ און היידרידזשן־באָמבעס, די צייט פון „ניו דיל" און מאַרשאַל פּלאַן און די צייט ווען עס קומט פאַקטיש פאָר אַן איבערקערעניש אין אַלע ביז איצטיקע עקאָנאָמישע טעאָריעס.

עפּעס אויסערגעוויינטלעכעס פּאַסירט אין אונדזער צייט וואָס דאַרף אויפגעקלערט ווערן.

די געפאַר איז גרויס, ווייל דער מענטשלעכער מוח באַוועגט זיך אַ סך לאַנגזאַמער ווי דער גאַנג פון דער געשיכטע אין אונדזער צייט. קייזער ווילהעלם האָט אין יאָר 1914 געדענקט ווי עס וואָלט געווען 1870 — ביסמאַרקס צייטן. לענין האָט אין יאָר 1917 געדענקט און געהאַנדלט ווי ער וואָלט געלעבט אין יאָר 1848. היטלער האָט אין יאָר 1933 געהאַנדלט ווי ער וואָלט געלעבט אין מיטלאַלטער. טרומאַן האָט אין יאָר 1946, ווען מען האָט באַדאַרפט אָנווענדן אַ נייעם צוגאַנג צו די געשעענישן אין כינע, צוגעפּאַסט צום היינט, געדענקט ווי אין יאָר 1916 און פאַרלוירן. די סאָציאַליסטן וואָס לעבן אין אַמעריקע אין יאָר 1956 דענקען נאָך אַלץ ווי זיי וואָלטן געלעבט אין רוסלאַנד אין יאָר 1905. אין די לעצטע פופציק יאָר האָט זיך די וועלט איבערגעקערט, עס איז צייט, אַז אויך די מענטשלעכע מוחות זאָלן זיך אַ ריר טאָן.

סאָציאַליזם

1.

מיט סאָציאַליזם איז געשען אַ מערקווירדיקע זאַך. די אידעע פון סאָציאַליזם איז געוואָרן אַלט און אָפּגעלעבט איידער זי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

וואָס איז געווען די קאַרדינאַלע אורזאַך, וואָס האָט געמאַכט סאָציאַליזם אַזוי וויכטיק, אַזוי אומפאַרמיידלעך? די אורזאַך איז געווען, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן געדענקט, דאָס עס איז אוממעגלעך צו פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. די איינציקע מעגלעכקייט ווי אַזוי מען קאָן פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע איז דורך געזעלשאַפטלעך אייגנטום, ווען די פּראָדוקציע און מיטלען פון פּראָדוקציע וועט איבערגיין אין געזעלשאַפטלעכע הענט, אין די הענט פון פאָלק. זיי האָבן זיך פּשוט אויסגעלאַכט פון די טרעיד־יוניאָניסטן, וואָס האָבן יאָ געגלויבט, אַז מען קאָן פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. ווי לאַנג די פּאָליטישע מאַכט ליגט אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן — האָבן די סאָציאַלסטן געטענהט — וועט מען דעם אַרבעטערס לאַגע ניט קאָנען פאַרבעסערן. די קאַפּיטאַליסטן וועלן מיט גוטן די מאַכט פון זייערע הענט ניט אַרויסלאָזן; פאָלגלעך, וועט עס מוזן קומען צו אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד פון די אַרבעטער מאַסן; דאָס איז געווען די ליניע פון די סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטישע סימפּאַטיקער ביז דער אָקטאָבער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

אין אַמעריקע האָבן די סאָציאַליסטן ביטער באַקעמפט גאָמפּערסן, דעם טרעיד־יוניאָניסט און פירער פון דער „אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר", אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ פאַררעטער צום אַרבעטער־קלאַס. זיי האָבן ווירקלעך געגלויבט, אַז די וואָס קעמפן פאַר צייטווייליקע פאַרבעסערונגען ברענגען שאָדן און שטערן די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. דאָס האָבן די סאָציאַליסטן געלערנט פון מאַרקסן, ווייל מאַרקס האָט אויך אַזוי געדענקט.

סאָציאַליסטן זיינען געווען טעטיק אין יוניאָנס און האָבן אַליין געבויט יוניאָנס מיט דעם צוועק, צו האָבן אַן איינפלוס אויף די אַרבעטער; דורך

די יוניאָנס אַריינקריגן פּאָליטישע מאַכט. די סאָציאַליסטן האָבן געקאָנט, דורך די יוניאָנס וואָס זיינען געווען אונטער זייער איינפלוס, אַרויסרופן סטרייקס אין גרונט־ אינדוסטריעס און אַזוי אַרום אויפברויזן און רעוואָ־לוציאָניזירן דאָס לאַנד. זיי האָבן זיך ווייניק גערעכנט מיט די מאָמענטאַלע פּאַרבעסערונגען, וואָס אַ סטרייק קאָן ברענגען, זיי האָבן זיך זייער שטאַרק גערעכנט מיט דער פּאָליטישער ווירקונג פון אַ סטרייק.

היינט איז די אידעע פון סאָציאַליזם אַלט. מיט יאָרן פריער, אין 19־טן יאָרהונדערט און אויך אין אָנהויב 20־סטן איז סאָציאַליזם געווען די פּאַרט־געשריטנסטע אידעע אין דער וועלט.

דער סאָציאַליסטישער געדאַנק איז אַנטשטאַנען צוליב מאָראַלישע מאָ־טיוון; אַ געפיל פון רחמנות האָט זיך דערוועקט אין מענטש. די אידעע פון סאָציאַליזם איז ניט געקומען פון די אַרבעטער־רייען נאָר פון דער העכערער געזעלשאַפט, פון די רייכע, פון דער אינטעליגענץ; געקומען פון דעם קלאַס וואָס דער סאָציאַליזם וויל פּאַרניכטן — פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. ענגעלס און מאַרקס, לענין און טראָצקי שטאַמען פון בורזשואַזן קלאַס, ראָבערט אוען איז געווען אַ פּאַבריקאַנט, סעינט סימאָן איז געווען אַן אַדעליקער; זיי זיינען אַלע מיט גאָר אַ קליינער אויסנאַם געקומען פון בורזשואַזן קלאַס. אונטער דער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער און מאַטעריאַליסטישער באַגרינדונג פון מאַרקסן איז אַלץ דער סאָציאַליזם געבליבן שטיין אויף אַ הומאַניטאַרן יסוד, אויף דעם רחמנות־געפיל. פּאַרוואָס זאָל אַ גרויסע צאָל מענטשן שקלאַפן פּאַר אַ קליינער גרופּע, וואָס האָט אַריינגעקריגן אין די הענט, דורך פּאַרשי־דענע, גלייכע און קרומע וועגן, אַלע מיטלען פון פּראָדוקציע. דער אַרבעטער האָט ניט קיין אַנדער ברירה ווי זיך פּאַרקויפן, ווייל אויב ניט, וועט ער אויסגיין פון הונגער.

ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן עקזיסטירן איז דער צושטאַנד פון די אַרבעטער געווען זייער שלעכט. די לוין־אַרבעטער זיינען פּאַקטיש געווען לוין־שקלאַפן; ניט ווי אַמאָל אין שקלאַפן־סיסטעם, ניט ווי אין פעאָדאַלן סיסטעם; קיינער האָט דעם אַרבעטער ניט פּשוט געקויפט, און קיינער האָט אים נישט געצוואונגען עפּעס צו טאָן, דער אַר־בעטער איז געווען אַ פרייער מענטש, האָט געקאָנט גיין וואו ער וויל, פּאָרן וואו ער וויל און טאָן וואָס ער וויל. אויב ער האָט געוואָלט אויך עסן, האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָבן אַ פּאָר שיך, האָט ער געמוזט דערפּאַר שקלאַפן, צוועלף אָדער פערצן שעה אַ טאָג. ער האָט געמוזט שווער אַרבעטן; געוואָרן געיאָגט, ניט מיט אַ בייטש נאָר דורך מורא צו פּאַרלירן דאָס שטיקל ברויט; וואָס איז געווען פּונקט אַזוי ווייטיקדיק. דער אַרבעטער איז געווען פריי נאָר לפנים, פּאַקטיש איז ער ניט געווען אין אַ פיל בעסערער לאַגע ווי דער אַמאָ־

ליקער שקלאַף; נאָר דעם אַמאָליקן שקלאַף האָט דער האַר געהאַלטן ווי זיין אייגנטום, ער האָט אים אָפּגעהיט און געהאַט צו אים אַ באַציאונג; דער אַרבעטער פאַר דעם פאַבריקאַנט איז בלויז אַ מאַשין וואָס ער דאַרף אויסנוצן, אויסער דעם אינטערעסירט ער ניט דעם אייגנטימער.

דער אַרבעטער אין איראָפּע און אויך אין אַמעריקע איז דאַן געווען אָרעם, געאַרבעט פאַר אַ הונגער־לוין. ער איז געווען אין שטענדיקער שרעק אַרויסצופאַלן פון דער אַרבעט; אָן אַרבעט איז ער געווען פאַרלוירן; ער האָט געמוזט אָנקומען נאָך הילף. ער איז ניט געווען אָרגאַניזירט, שוואַך, מוטלאָז און דערשלאָגן. אַן אַרבעטער מיט אַ פאַמיליע האָט אַליין ניט געקאָנט פאַרדינען גענוג פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. זיין פרוי און נאָך יונגע קינדער האָבן געמוזט אַרבעטן צו שטילן דעם הונגער פון דער פאַמיליע. די וואוינונגען זיינען געווען קליינע, פינצטערע, מיט ווייניק לופט. דירה־געלט איז געווען שווער צו צאָלן, האָט מען געמוזט פאַרדינגען אַ טייל פון דער וואוינונג צו פרעמדע מענטשן. דאָס פריוואַטע לעבן איז דערפאַר געוואָרן צעשטערט, אַ סך טראַגעדיעס זיינען דורך דעם אַרויסגעקומען. דער טאָג אַרבעט איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער. מען האָט געמוזט שווער אַרבעטן; דער פאַבריקאַנט האָט אַליין, אָדער אַנגעשטעלט אַנדערע, זיי זאָלן פון דעם אַרבעטער אַרויסיאָגן די נשמה. די מאַשינען האָבן אָפּטמאָל פאַרקריפּלט די אַרבעטער, געמאַכט זיי פאַר קאַליקעס. דער אַרבעטער האָט זיך געמוזט יאָגן איבער זיינע כוחות. ער האָט זיך זייער יונג אויסגעאַרבעט; די שטערבלעכקייט צווישן אַרבעטער איז געווען גאָר אַ גרויסע. די פאַבריקן, ענגע, פאַרשטיקטע לעכער, אָן זון און אָן ליכט. שווינדזוכט האָט געקאָסט דעם אַרבעטער ווי אַ קאָסע היי. אין צייט פון אַ קריזיס איז דער אַרבעטער געווען גאָר פאַרלוירן. ער האָט געוואָלט אַרבעטן פאַר יעדן פּרייז אום צו דערהאַלטן די נשמה און קיין אַרבעט ניט געפונען. עס איז אַפילו געווען שווער צו קריגן שטיצע. מען האָט אים געוואָרפן פון דער דירה, ער האָט געמוזט אָנקומען נאָך הילף ווי אַ בעטלער, אָדער ער איז אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אין יענער צייט זיינען געשריבן געוואָרן די לידער פון עדעלשטאַט, באָווששאָווער, ראָזענפעלד און אַנדערע. עדעלשטאַט שרייבט: „ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן און טראָגן די שענדלעכע קייט. ווי לאַנג וועט איר גלענצנדע רייכטימער שאַפן, פאַר דעם וואָס באַרויבט אייער ברויט“. ראָזענפעלד באַקלאָגט דעם אַרבעטער וואָס קאָן זיין אייגן קינד ניט זען וואַכענדיק, ווייל די אַרבעט טרייבט אים פרי אַרויס און ברענגט אים שפּעט צוריק. אין דייטשלאַנד האָט גערהאַרד האַופּטמאַן דאַן אָנגעשריבן די באַרימטע דראַמע „די וועבער“, וואו ער שילדערט די טרויערי־

קע לאַגע פון די אָרעמע וועבער־אַרבעטער. אין ענגלאַנד האָט טאָמאָס הוד אין „ליד פון העמד" באַקלאָגט די נויט פון די אַרבעטער. אויף דער גאַנצער וועלט האָבן זיך געהערט ווײ־געשרייען פון שרייבער, וואָס האָבן גע־שילדערט די ביטערע נויט פון די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן ביטער געקעמפט; אין זייער פּאַרצווייפלונג האָבן זיי צעבראָכן מאַשינען. זיי האָבן אין זייער אומוויסנקייט געמיינט די מאַשין איז זייער ערגסטער שונא; נעמט צו זייער ברויט. מאָמענטאַל איז עס אַזוי געווען, דורך די מאַשינען זיינען אַרבעטער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון די פאַבריקן. עס איז געקומען צו בלוטיקע אויפשטאַנדן. אין דער צייט ווען מאַרקס איז געקומען זיך באַזעצן אין לאָנדאָן איז די לאַגע פון דעם אַרבעטער אין דעם אינדוסטריעלן ענג־לאַנד געווען זייער שלעכט; דער אַרבעטער איז געווען הפקר. קיין יוניאָנס האָבן פאַקטיש נאָך ניט עקזיסטירט; עס איז די אַרבעטער געווען פאַר־באָטן זיך צו אָרגאַניזירן און שטעלן פאָדערונגען. ערשט אין יאָר 1871 איז די אַרבעטער געוואָרן דערלויבט זיך צו אָרגאַניזירן אין יוניאָנס.

אין יענער צייט האָט די אידעע פון סאָציאַליזם געוואַלדיק אַפּעלירט; עס האָט געמיינט אויסלייזונג פון שקלאַפעריי, אַרויסרייסן דעם אַרבעטער פון די נעגל פון מלאך־המות, עס איז געווען אַ האָפנונג פאַר דעם מאַרגן און אַ גלויבן אין אַ בעסערער וועלט. סאָציאַליזם האָט ניט אויסגעזען צו זיין אַ פאַנטאַזיע נאָר אַ רעאַלע נויטווענדיקייט. ווי אַזוי די סאָציאַליסטן האָבן געשילדערט עס וועט אויסזען דאָס לעבן אונטער אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק. עס האָט דעמאָלט אויסגעזען, אַז קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפעריי איז ניטאָ קיין אַנ־דערע עצה ווי אַ רעוואָלוציע. דאָס איז געווען די סאָציאַליסטישע רפואה: רעוואָלטירן, זיך באַפרייען; און כדי ווידער ניט ווערן קיין שקלאַפן דאַרף מען ענדערן דעם סיסטעם.

די אידעע פון סאָציאַליזם האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט; די באַוועגונג איז געוואַקסן. די צייט איז געווען רייף פאַר נייע אידעען; אַ צייט פון זוכעניש און רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט ווי אַ פייער אויפגעפלאַקערט, איז ניט איינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן; פונקען זיינען געבליבן, וואָס האָבן געגליט אינם באַוואוסטזיין פון ליבעראַלן און פאָרטגעשריטענעם מענטש. סאָציאַליזם, אין זיינע אַלע שאַטירונגען: פון דעם אַנאַרכיזם פון באַקונין ביז צום נאַציאָנאַליסטישן סאָציאַליזם פון משה העס, האָט געגעבן אויסדרוק צו די שטימונגען פון יענער צייט. די עקאָנאָמישע טעאָריעס, אויף וועלכע מאַרקס האָט אַזוי שווער געאַרבעט איז געווען אַ בײ־זאַך; פאַר געלערנטע זיך צו גריבלען. די אידעע פון סאָ־ציאַליזם האָט אַפּעלירט אָן די אַלע שווערע, האַר־שפּאַלטנדיקע טעאָריעס.

איינער פון די פירער פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אויגוסט ווילִיטש, האָט געהאַט טענות „צו וואָס די אַלע טעאָריעס, אַז די זאַך איז אַזוי פשוט און פאַרשטענדלעך".

2.

דער נאָמען „סאָציאַליזם" איז ניט אַלט. דער ערשטער וואָס האָט זיך באַנוצט מיט דעם נאָמען איז געווען ראָבערט אוען. אין יאָר 1817 אין אַ רעדע, וואָס ראָבערט אוען האָט געהאַלטן אין פּאַרלאַמענט וועגן דעם געזעץ פאַר די אָרעמע האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם וואָרט סאָציאַליזם.

אָבער די אידעע פון סאָציאַליזם איז זייער אַלט. ווי מיר ווייסן האָט, דרייצן הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן, ליקאָרגוס פאָרגעשלאָגן זיין קאָנסטי־טוציע פאַר ספּאַרטאַ, וואָס איז געווען באַזירט אויף סאָציאַליסטישע יסודות; אַזוי איז פלאַטאָס „אידעאַלער שטאַט", אַ סאָציאַליסטישער שטאַט; באַ־זייטנדיק זיין אָנערקענונג פון שקלאַפעריי. די קריסטלעכע קאָמונעס אין יהודה און שומרון, ווי אויך אין אַנדערע שטעט, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין די ערשטע צייטן פון קריסטנטום, זיינען געווען סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטן. דאָס לעבן אין די קלויסטערס אין מיטלאַלטער איז געווען געבויט אויף סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע יסודות.

אין ענגלאַנד האָט אין די יאָרן 1478—1535 געלעבט סער טאָמאַס מאָר, איינער פון די זעלטענע אידעאַליסטישע מענטשן, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר זיין אידעאַל. ער איז געווען אַ ריכטער, אַ דיפּלאָמאַט און אַ שרייבער. ער איז געווען אַ ליבלינג פון הענרי דעם אַכטן, וואָס האָט אים דערנאָך געשיקט אויף דער גיליאָטינע, ווייל ער האָט ניט געוואָלט איינ־שטימען צו הענריס קאַמף מיט דער קאַטוילישער קירכע. ער האָט אָנגע־שריבן אַ בוך מיט דעם נאָמען „אוטאָפּיע", וואו ער ברענגט אַרויס זיינע סאָציאַליסטישע געדאַנקען. אין דעם בוך שילדערט ער ווי וואונדערלעך עס וועט זיין צו לעבן אין אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם. דאָס בוך איז באַרימט געוואָרן, און דער נאָמען „אוטאָפּיסטן" ווערט באַנוצט פאַר אַלע סאָציאַליסטן־אידעאַליסטן פון מאָרס שניט.

שפּעטער איז אין ענגלאַנד באַרימט געוואָרן דער אויבן־דערמאָנטער ראָבערט אוען, אַ רייכער פאַבריקאַנט, אַ גרויסער פילאַנטראָפּ און אַ רע־פאָרמער. ער איז געווען אַ קעמפער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, פאַר פאַר־בעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער, געלעבט אין די יאָרן 1771—1858. ער האָט אין ניי לאַנאַרק אויסגעבויט אַ גרויסע פאַבריק וואו ער איז געווען ווי אַ פאָטער צו די אַרבעטער. זיי האָבן געלעבט אונטער גוטע באַדינגונגען, גע־

אַרבעט ווייניקער שעהן און געקריגן מער באַצאָלט. דאָס שטעטל ניי לאַנאַרק איז געוואָרן באַרימט צוליב דעם; טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט זיינען געקומען זען, ווי אַזוי עס לעבט זיך די אַרבעטער אין ניי לאַנאַרק. ניקאָלאַי דער ערשטער, וועלכער ער איז נאָך געווען אַ רוסישער פּרינץ, איז געווען איי־נער פון די טוריסטן. אוען האָט זיך מיט דעם ניט באַנוגנט, ער האָט געוואָלט אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב גרינדן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. ער האָט אַריינגעלייגט אַ סך געלט אין אַ קאָלאָניע, וואָס ער האָט גערופן „ניי האַר־מאָניע", אין דעם שטאַט אינדיאַנאַ אין אַמעריקע. אין דער נייער סאָציאַ־ליסטישער קאָלאָניע „ניי האַרמאָניע" איז געווען זייער ווייניק האַרמאָניע, און נאָך צוויי יאָר עקזיסטענץ איז די קאָלאָניע אונטערגעגאַנגען. אוען האָט פאַרלוירן זיין מאַיאָנטעק און האָט, פינאַנציעל, מער ניט געקאָנט קומען צוריק. ראָבערט אוען איז באַרימט אַלס דער ערשטער באַוואוסטזיניקער סאָציאַליסט, וואָס האָט געקעמפט פאַר סאָציאַליזם, געבויט אויף קאָאָפּעראַ־טיווע יסודות.

אין פראַנקרייך האָט אין די יאָרן 1760—1825 געלעבט סעינט סימאָן, אַן אַדעליקער, אַן אַריסטאָקראַט, געשטאַמט פון אַ משפחה פון מאַרקיזן און דיוקס. ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט און האָט, ווי אוען, געוואָלט גרינדן סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס. ווי עס פּאַסט פאַר אַ פראַנצויז איז ער געווען אַ טרוימער, אַ ראָמאַנטיקער מיט אייגנאַרטיקע אייגנשאַפטן. זיין דינער האָט אים יעדן אינדערפרי געמוזט אויפוועקן מיט די ווערטער: „געדענק הער דיוק! אַז דו האָסט גרויסע זאַכן אויפצוטאָן!" ער האָט געהאַט פאַר־שידענע פאַנטאַזיעס ווי בויען קאַנאַלן, שאַפן אַ נייע רעליגיע און ברענגען סאָציאַליזם. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט ער גאָר שפּעקולירט מיט לאַנד און געמאַכט אַ מאַיאָנטעק. ער האָט דערנאָך אַלץ פאַרלוירן און זיך אויפגעהאַלטן ביי זיינס אַ געוועזענעם דינער.

סעינט סימאָן האָט געהאַט אַ קליינע צאָל איבערגעגעבענע אָנהענגער, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נביא. ער ווערט באַטראַכט פאַר דעם ערשטן פראַנצויזישן סאָציאַליסט.

אין די יאָרן 1772—1837 האָט אין פראַנקרייך געלעבט טשאַרלס פוריע, אַ סאָציאַליסט וואָס האָט געשטעלט דעם הויפּט געוויכט אויף פריי־הייט. ער איז געווען קעגן אויטאָריטעטן, פאַר אינדיווידועלע פרייהייט אַזוי ווייט ווי מעגלעך. ער האָט געגרינדעט פאַרשידענע סאָציאַליסטישע גרופּעס, וואָס ער האָט גערופן „פאַלאַנזשעס". נאָך זיין טויט האָבן אַ לענגערע צייט עקזיסטירט גרופּעס סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך גערופן פוריעריסטן. זיין טעטיקייט האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק אין פראַנקרייך.

באַבעף, אַ קעמפער און רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געלעבט אין די יאָרן 1764—1797 האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס מיט זיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין פראַנקרייך. מאַרקס האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם וואָס האָט מער פון אַנדערע פאַרשטאַנען די אידעע פון סאָציאַליזם. ער איז דערנאָך אומגעבראַכט געוואָרן אויף דער גיליאָטינע.

לואיס בלאַנק, געלעבט אין די יאָרן 1811—1882, איז געווען אַ וויכטיקער קעמפער, אַ רעוואָלוציאָנער וואָס האָט געהאַלטן פון טעראָר, אַ סאָציאַליסט — אַ רעאַליסט וואָס האָט פאָרגעשלאָגן פראַקטישע סאָציאַליסטישע ענדערונגען. ער איז געווען זייער אַקטיוו און באַרימט אין פראַנקרייך. ער האָט אין אַ בוך „די אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט" אַנטוויקלט זיינע סאָציאַליסטישע אידעען.

אין דייטשלאַנד האָט קאַרל ראָדבערטוס געלעבט אין די יאָרן 1805—1875, אין דער זעלביקער צייט פון מאַרקסן, אַנטוויקלט דעם געדאַנק פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם נאָך פאַר מאַרקסן. ער האָט זיינע סאָציאַליסטישע טעאָריעס אַנטוויקלט אין בריוו און אין עסייען. זיין פאָטער איז געווען אַ פּראָפעסאָר און ער, דער זון, האָט שטודירט פאַר אַדוואָקאַט אין בערלין. ער איז געווען עלטער פון מאַרקסן מיט דרייצן יאָר. ער איז איינמאָל דערוויילט געוואָרן צו דער פרייסישער נאַציאָנאַל אַסעמבלי. נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פרייסן האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער. ער האָט געגלויבט, אַז מיט דער צייט וועט סאָציאַליזם ממילא קומען. אַ סך האַלטן, אַז מאַרקס האָט זיינע טעאָריעס גענומען פון ראָדבערטוס.

אין דעם יאָר ווען די רוסן האָבן באַזיגט נאַפּאָלעאָנען אין 1812 איז געבוירן געוואָרן משה העס. ער איז געווען עלטער פון מאַרקסן מיט זעקס יאָר. ער איז שוין געווען אַ סאָציאַליסט ווען מאַרקס האָט נאָך געהאַט וויניק סימפּאַטיע מיט סאָציאַליסטן. משה העס איז אונדז באַזונדערס נאָענט, ווייל ער איז געווען אַ וואַרעמער ייד, אַ נאַציאָנאַליסט, דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט ביי די סאָציאַליסטן אין יענער צייט. מיט איין אַרטיקל „די פילאָזאָפיע דער טאַט" איז ער געוואָרן באַרימט. ער איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון ספּינאָזע, העגעל און פּרודאָן. ער האָט אַ נייגונג צו אַנאַרכיזם און ווערט לויט דאָקטאָר סירקין, פאַררעכנט פאַר דעם באַגרינדער פון דייטשן אַנאַרכיזם. ביי אונדז איז ער באַרימט מיט זיין בוך „רוים און ירושלים" איבערזעצט פון דאָקטאָר סירקין, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „טביה גראַהאַר". ער איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון ענגעלס און מיטגעווירקט, אַז דאָס רייכע זונדל, ענגעלס, זאָל ווערן אַ סאָציאַליסט. מאַרקס האָט אַ קליינע צייט מיטגעאַרבעט מיט העסן; דערנאָך האָט ער אים באַקעמפט סיי פאַר

זיינע אַנאַרכיסטישע און סיי פאַר זיינע נאַציאָנאַליסטישע נייגונגען. העס איז געשטאָרבן אין 1875 אין פּאַריז. לויט זיין וואונטש האָט מען אים אַריבערגעפירט קיין דייטשלאַנד צו ליגן לעבן זיינע עלטערן.

3.

דער גלויבן פון די סאָציאַליסטן, אַז עס איז אוממעגלעך צו פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע אונטער קאַפּיטאַליזם און אַז די רעגירונגען, וואָס ווערן, לויט זייער מיינונג, אין אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם קאָנטראָלירט פון די קאַפּיטאַליסטן, וועלן ניט וועלן פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט ריכטיק.

דעם ערשטן שריט צו פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע אין אייראָפּע האָט געמאַכט איינער פון די גרעסטע רעאַקציאָנערן, דער אייזערנער קאַנצלער פון דייטשלאַנד, פאָן ביסמאַרק. דער אייזערנער קאַנצלער האָט געהאַט אַן אייזערנעם קאָפּ אויף זיך און פאַרשטאַנען, אַז דער אַרבעטער אונטער סאָציאַליזם, וועט ניט זיין דער גאַנצער בעל־הבית איבער זיך. ער וועט אויך אין אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם האָבן רעגירער, וואָס וועלן אים באַפעלן וואָס צו טאָן; האַנדלט עס זיך בלויז וועגן אַ בעסער לעבן, מער פאַרזיכערונג. דאָס קאָן אויך אַ קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם געבן דעם אַרבעטער. אין יאָר 1883 האָט די דייטשע רעגירונג, נאָך ביסמאַרקס רעקאָמענדאַציע, אָנגענומען דעם קראַנקענקאַסע געזעץ, וואָס האָט פאַרזיכערט דעם אַרבעטער צו זיין באַשיצט אין פאַל פון קראַנקהייט. אין יאָר 1884 איז אָנגענומען געוואָרן דער „אָנפאַלפאַרזיכערונגס"־געזעץ, וואָס פאַרזיכערט דעם אַרבעטער מיט אַ לוין אין פאַל פון אַן אומגליק, ווען ער ווערט אומפעאיק צו אַרבעטן. אין ענגלאַנד איז אָנגענומען געוואָרן דער „דאָל" און פענסיע געזעץ, וואָס גיט דעם אַרבעטער אַרבעטסלאָזע און עלטער־פאַרזיכערונג. די אַרבעטער האָבן באַדאַרפט שטאַרק קעמפן פאַר אַזעלכע געזעצן, ווייל די קאַפּיטאַליסטן זיינען אַלע מאָל געווען קעגן. די רעגירונגען האָבן סוף־כל־סוף איינגעזען, אַז אַזעלכע געזעצן, וואָס פאַרלייכטערן דעם אַרבעטערס לאַגע, מוזן געמאַכט ווערן.

וואָס מער אַ לאַנד איז געוואָרן אינדוסטריעל אַנטוויקלט, אַלץ מער מעגלעכקייטן איז געווען צו פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע. דער אַרבעטער האָט מיט דירעקטער אַקציע, דורך סטרייקס, אָדער דורך פּאָליטישן איינפלוס, מיט זיין וואָל־רעכט געווירקט זיין לאַגע זאָל פאַרבעסערט ווערן. די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן באַוויזן, אַז דאָס וואָס עס איז מעגלעך פאַר אַן אַרבעטער צו קריגן פאַר זיין אַרבעט קאָן ער אויך קריגן

אונטער קאַפּיטאַליזם. די אַרבעטער האָבן עס פאַרשטאַנען און זיך אָפּגע־זאָגט אַנטייל צו נעמען אין אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

די סאָציאַליסטישע תורה האָט ניט געווירקט אויף די אַמעריקאַנער אַרבעטער, ווייל די אַלע גוטע זאַכן וואָס די סאָציאַליסטן האָבן צוגעזאָגט דעם אַרבעטער: אַ גרעסערן לוין, וויניקער אַרבעטס־שעהן, אַרבעטסלאָזע־און עלטער־פאַרזיכערונג האָט דער אַרבעטער געקריגן אָן אַ בלוטיקע רעוואָלוציע און אָן סאָציאַליזם. געזעצן זיינען געמאַכט געוואָרן, וואָס האָבן פאַרבעסערט די לאַגע פון אַרבעטער, טראָץ דעם וואָס די אַרבעטער האָבן ניט געהאַט קיין איינציקן פאַרשטייער אין קאָנגרעס. עס מוזן זיין אור־זאַכן פאַרוואָס אַזעלכע אומדערוואַרטעטע זאַכן געשען. עס איז איינס פון די צוויי: אָדער, ווען די עקאָנאָמיק פון לאַנד פאָדערט דאָס דעם אַרבעטערס לאַגע זאָל פאַרבעסערט ווערן, וועלן עס טאָן אַפילו אַזעלכע וואָס פאַר־טרעטן ניט דירעקט דעם אַרבעטער, אָדער אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד האָבן די אַרבעטער־מאַסן אַן איינפלוס אויף די פאַרשטייער, וואָס ווערן דערוויילט אין זייערע דיסטריקטן דורך זייערע שטימען. עס איז אַלענ־פאַלס זיכער דאָס די סאָציאַליסטן זיינען געווען אומגערעכט, ווען זיי האָבן געדענקט דאָס דעם אַרבעטערס לאַגע קאָן זיך ניט פאַרבעסערן אונטער קאַפּיטאַליזם.

סאָציאַליזם איז אַלט און אָפּגעלעבט, ווייל וואָס סאָציאַליזם קאָן געבן דעם אַרבעטער קאָן אויך געבן דער מאָדערנער דעמאָקראַטיש־קאַ־פּיטאַליסטישער סיסטעם. דאָס וואָס דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם קאָן ניט געבן דעם אַרבעטער, וועט סאָציאַליזם אויך ניט געבן. דעם אַרבעטערס ווערט באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ער אַרבעט אויס מיט זיינע אייגענע כוחות. אויב עס זיינען דאָ אַנדערע וואָס העלפן אים אַרויס מיט געלט אָדער שכל, דאַרפן די אַנדערע באַצאָלט ווערן. אָפּטמאָל זיינען די כוחות פון די אַנדערע וויכטיקער, ווייל זעלטענער און שווערער צו קריגן, ווי די כוחות פון אַרבעטער, וואָס איז לייכט צו קריגן.

רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם איז ריזיקאַליש און פאָדערט אַ גרויסן פּרייז. וואָס עס קאָן געשען נאָכדעם איז קיינער ניט זיכער. אַלץ האָט זיך אַזוי געענדערט, אַז קוקן היינט אויף סאָציאַליזם ווי מיט פופציק יאָר צוריק איז פאַלש און קאָן אויך זיין שעדלעך.

היינט האָט זיך די לאַגע געענדערט. עס האָט זיך געענדערט דער־מיט, וואָס יעדער סאָציאַליסט מוז איינזען, דאָס מען קאָן דעם אַרבעטערס לאַגע פאַרבעסערן אויך אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. אויב מען האָט געקאָנט ביז היינט פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע מיט אַזוי פיל, איז ניטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס מען זאָל ניט קאָנען דעם אַרבעטערס לאַגע

נאָך מער פאַרבעסערן. אויב מען האָט געקאָנט אויספירן, אַז אַרבעטער זאָלן ניט מער אַרבעטן ווי זיבן שעה אַ טאָג און פינף טעג אַ וואָך איז ניטאָ קיין אורזאַך, פאַרוואָס מען זאָל ניט קאָנען אויספירן, אונטער דעם זעלביקן סיסטעם, אַז אַרבעטער זאָלן מער ניט אַרבעטן ווי פינף שעה אַ טאָג און פיר טעג אַ וואָך.

אויב די לאַגע האָט זיך אַזוי געקאָנט ענדערן האָט דאָך דער הויפּט־מאָטיוו פון סאָציאַליזם — דאָס אונטער קאַפּיטאַליזם קאָן מען דעם אַר־בעטערס לאַגע ניט פאַרבעסערן — פאַרלוירן יעדן ווערט. די סאָציאַליסטן און אונדזערע בונדיסטן האָבן געקעמפט, געגאַנגען אויף דעמאָנסטראַציעס און איינגעשטעלט זייער לעבן, כדי צו פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס בי־טערע לאַגע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען ניטאָ קיין אַרבעטער וואָס האָבן ניט צו עסן, אַפילו ווען זיי אַרבעטן ניט. עס זיינען אָבער דאָ אַ סך אַרבעטער, וואָס קאָנען זיך ניט דערלויבן צו קויפן אויטאָמאָבילן, נו, ווען די סאָציאַליסטן און בונדיסטן גיין קעמפן און איינשטעלן זייער לעבן פאַר דעם, אַז די אַרבעטער מוזן דווקא האָבן גענוג געלט צו קויפן אוי־טאָמאָבילן? די מאָראַלישע באַזע פון סאָציאַליזם, וואָס איז אַרויס אין קאַמף קעגן אונטערדריקונג האָט פאַרלוירן דעם באָדן אין אַמעריקע. דאָס וואָס די סאָציאַליסטן כאַפּן זיך אָן אין דער שטרוי פון קאָנטראָל און זאָגן, אויב די אַרבעטער־מאַסן וועלן דורך דער רעגירונג האָבן דעם קאָנטראָל, וועט דעם אַרבעטער זיין פיל בעסער, קלינגען היינט ווי לעכערלעכע רייד. וואָס פאַר אַ פּנים האָבן אַזעלכע רייד אַזויפיל יאָר נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואו די רעגירונג האָט דעם פולשטענדיקן קאָנטראָל איבער דער עקאָנאָמיע פון לאַנד? עס האָט אַ פּנים פון חוזק.

עס ווייזט אויס, אַז די ניי געענדערטע לאַגע, דאָס וואָס סאָציאַליסטן מוזן צוגעבן, אַז מען קאָן פאַרבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער אויך אונטער קאַפּיטאַליזם, האָט געענדערט די שטעלונג פון די סאָציאַליסטן. זיי האָבן אויפגעגעבן דאָס וויכטיקסטע וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייער פּראָגראַם, דאָס וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר סאָציאַליסטן, זיי האָבן אויפגעגעבן די רעוואָלוציע. די סאָציאַליסטן זיינען געוואָרן דעמאָקראַטן, הונדערט פּראָ־צענטיקע דעמאָקראַטן, מען דאַרף ניט מער קיין רעוואָלוציע, אויב די מערהייט וועט וועלן מען זאָל ענדערן דעם סיסטעם, וועט מען נעמען און ענדערן, אויב די מערהייט וועט ניט וועלן, וועט מען ניט ענדערן. די באַהויפּטונג, אַז זיי זיינען דעמאָקראַטן און האַלטן ניט פון רעוואָלוציעס איז אין גרונט פאַלש, ווייל אויך דעמאָקראַטן האַלטן פון רעוואָלוציעס, ווען מען זאָל וועלן ביי זיי צונעמען דעמאָקראַטיע. וואָס וועלן די סאָציאַליסטן טאָן, ווען די מערהייט וועט וועלן סאָציאַליזם נאָר אַ מינדערהייט וועט

פאַרכאַפּן די מאַכט און ניט דערלאָזן, וועלן די סאָציאַליסטן אויך דעמאָלט זיין קעגן רעוואָלוציע? די רעוואָלוציע, וואָס מאַרקס האָט פאָראויס געזאָגט, איז אַ רעוואָלוציע פון דער מערהייט קעגן אַ מינדערהייט, וואָס וועט האָבן די מאַכט און ניט וועלן זי אַרויסלאָזן פון אירע הענט.

4.

עס זיינען דאָ אַ פּאָר וויכטיקע פּונקטן, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן ניט געזען. איינער איז, אַז גלייכהייט, דאָס הייסט, אַז יעדער זאָל קריגן לויט זיינע באַדערפענישן איז ניט פּראַקטיש, ניט יושרדיק און ממילא ניט מעגלעך. דער צווייטער איז, אַז פּראָפיט מוז מען ניט מאַכן נאָר דאַן, ווען מען רייסט אַרויס פון אַרבעטער דאָס ברויט פון מויל; מען קאָן מאַכן אַ סך פּראָפיט, ווערן אַ מיליאָנער און עס זאָל דעם אַרבעטער ווייניק וואָס אָנרירן. דער דריטער איז, אַז רייכקייט איז ניט קיין אומגליק, רייכקייט שאַפט רייכקייט. אויב מען וועט אָפּשאַפן רייכקייט וועט דאָס גאַנצע לאַנד ווערן אָרעמער און דער לעבנס־סטאַנדאַרד וועט פאַלן.

דער אידעאַל פון סאָציאַליזם איז געווען גלייכהייט. מענטשן, האָבן זיי געזאָגט, זיינען אין גרונט גוט, די אומשטענדן מאַכן זיי קאַליע. מען גנבהט, מען גזלט מען מאָרדעט צוליב געלט; צוליב דעם ווייל יענער האָט מער און לעבט זיך בעסער. ווען מען וועט עס אָפּשאַפן, ווען מען וועט מאַכן אַלע זאָלן לעבן גלייך, וועט די וועלט ווערן אַ בעסערע וועלט. דאָס האָט שטאַרק אַפּעלירט צו יעדן בעסערן מענטש. וואָלט דער אידעאַל פון גלייכהייט ניט געווען קיין פאַנטאַזיע נאָר אַ רעאַלע מעגלעכקייט, וואָלט סאָציאַליזם געוואָרן דאָס וואָס די סאָציאַליסטן האָבן געדענקט עס איז, אַ האָפנונג פאַר דער מענטשהייט.

דער אידעאַל פון גלייכהייט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ניט מער ווי אַ פאַנטאַזיע. מענטשן קאָנען ניט לעבן גלייך, ווייל זיי זיינען ניט גלייך; איינער איז קלוג, דער צווייטער איז נאַריש, איינער איז פעאיק, דער צווייטער איז אומפעאיק, איינער איז דערפינדעריש, דער צווייטער איז טעמפּ. אויב אַ קלוגער, דערפינדערישער מענטש וועט ניט קאָנען, אויב ער וויל, לעבן בעסער, דערגרייכן מער ווי אַ טעמפּער, נאַרישער מענטש, ווערט דער „אינסענטיוו", די שטויסקראַפט עפּעס צו דערגרייכן אָפּגעטויט און די געזעלשאַפט וועט פאַרלירן. עס איז ריכטיק, אַז אַלע מענטשן זיינען געבוירן גלייך, אָבער עס איז פּונקט אַזוי ריכטיק, אַז אַלע מענטשן זיינען ניט גלייך. די סאָציאַליסטן האָבן געלייקנט, אַז נאָר געלט איז די שטויס־קראַפט צו וועלן אַרבעטן און אויפטאָן. זיי האָבן זיך

באַמיט צו באַווייזן, אַז עס זיינען דאָ אַנדערע אורזאַכן וואָס ווירקן. אַלע באַווייזן האָבן ניט געהאָלפן, ווען עס איז געקומען צו דער ווירקלעכקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָן צוואַנג האָט מען גאָרניט געקאָנט אויפטאָן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אָן צווייפל, אַז געלט, דאָס הייסט, דער ווילן צו לעבן בעסער, איז איינע פון די הויפט־אורזאַכן.

די קאַפּיטאַליסטן האָבן געטענהט, אַז גלייכהייט איז אַן אוממעגלעכ־קייט און ניט־יושרדיק, ווייל עס פירט צו דעם, דאָס דער פעאיקער זאָל אַרבעטן פאַר דעם אומפעאיקן; היינט גיבן עס אויך צו די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן.

דער סאָציאַליסטישער אידעאַל, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב דער אומגערעכטיקייט, וואָס דער אַרבעטער ווערט אַזוי שרעקלעך עקספּלואַ־טירט און דער קאַפּיטאַליסט לעבט אַ לעבן פון לוקסוס, האָט זיך אַרייַנ־געפּאַסט אין אַן עקאָנאָמיע פון באַגרענעצטער פּראָדוקציע, ווען דער קאַפּיטאַליסט האָט פון אַ קליינע צאָל אַרבעטער אַרויסגעריסן פאַר זיך אַ לעבן פון לוקסוס. אַזאַ עקאָנאָמיע האָט עקזיסטירט ווען דער סאָציאַליזם איז אַנטשטאַנען אין מאַרקס׳ צייטן. דאָס האָט זיך אָבער געענדערט שפּע־טער, ווען די אינדוסטריעס האָבן זיך אַנטוויקלט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב און דער איינקונפט פון קאַפּיטאַליסט האָט זיך אַזוי אויסגעברייטערט, דאָס דער קאַפּיטאַליסט מוז ניט אַוועקנעמען פון אַרבעטער זיין ברויט כדי צו ווערן רייך; ער קאָן עס ווערן, ווייל ער באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל אַר־בעטער, און פון דער קליינער סומע וואָס ער פאַרדינט פון יעדן אַרבעטער, וואָס האָט פאַר דעם אינדיווידועלן אַרבעטער ניט קיין גרויסן באַטרעף, קאָן דער בעל־הבית ווערן אַפילו אַ מיליאָנער. ווען מען זאָל דאָס גאַנצע לוקסוס וואָס דער קאַפּיטאַליסט פאַרלעבט פאַר זיך צעטיילן צווישן זיינע גרויסע צאָל אַרבעטער, וועט עס אויסמאַכן אַ לעכערלעכע און אומבאַדייטנ־דיקע סומע. אויב דאָס איז די לאַגע, איז די פראַגע פון עקספּלואַטאַציע ניט אַזאַ אָנגעווייטיקטע פראַגע, וואָס מען זאָל מוזן ענדערן דעם סיסטעם צוליב דעם.

דער בליק אויף רייכקייט, וואָס קומט ניט פון אומברחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע נאָר פון דער גרויסקייט פון דער פּראָדוקציע, מוז זיין אַן אַנדערער. ווען מען קוקט זיך גוט צו זעט מען, אַז דער בליק אויף רייכקייט האָט זיך טיילווייז געענדערט. נעמט צום ביישפּיל די גרויסע מיליאָנערן אין האָליוואוד, די רייכע אַקטיאָרן און דירעקטאָרן, קיינער רעדט ניט קעגן זיי, קיינער קעמפט ניט קעגן זיי; זייער רייכקייט רעגט קיינעם ניט אויף.

פאַרוואָס זאָל עס אַזוי זיין? פאַרוואָס זאָל בינג קראָסבי, אַ שוואַכער

זינגער, יאָ מעגן זיין אַ מיליאָנער און העגרי פאָרד ניט? אַלע וועלן צו־געבן, אַז הענרי פאָרד האָט מער אויפגעטאָן פאַר אַמעריקע ווי בינג קראָס־בי. אויב עס איז דערפאַר, ווייל עס איז אָנגענומען דאָס בינג קראָסבי איז ניט קיין עקספּלואַטאַר, ער קריגט בלויז באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט און הענרי פאָרד איז יאָ אַן עקספּלואַטאָר, ווייל ער פאַרדינט פון דעם וואָס אַנדערע אַרבעטן פאַר אים, מיינט עס דאָך, אַז צו זיין רייך, אַפילו אַ מיליאָנער איז ניט קיין פאַרברעכן, אויב מען ברענגט ניט קיין שאָדן מעג מען זיין רייך. איך גלויב קוים צי עס איז פאַר מיר נויטיק צו באַ־ווייזן, אַז הענרי פאָרד און ענלעכע צו אים האָבן ניט געברענגט קיין שאָדן נאָר אַ סך נוצן. אין דער מאָדערנער גרויס־אינדוסטריעלער אַנט־וויקלונג איז רייכקייט ניט קיין שאָדן. דאָס וואָס עס זיינען דאָ רייכע מענטשן וואָס לעבן אַ רייך, לוקסוריעז לעבן ברענגט, אין אַ לאַנד פון פּאָ־טענציעלער איבערפּראָדוקציע, גרויס נוצן. עס סטימולירט דעם ווילן פון די ניט־רייכע צו דערגרייכן מער און עס הויבט אויף דעם לעבנס־סטאַנ־דאַרד.

רייכקייט שאַפט מער רייכקייט.

רייכע האָבן פאַרלאַנגען וואָס נאָר רייכע מענטשן קאָנען דערגרייכן. גרויסע פּאַלאַצן, רייכע לוקסוס אויטאָמאָבילן, טייערע פוטערנע מאַנטלען, בריליאַנטענע רינגען און יאַכט־שיפן, דאָס זיינען אַלץ אַרטיקלען פאַר רייכע מענטשן. אויב עס וואָלטן ניט געווען קיין רייכע, וואָס זאָלן די אַלע זאַכן פאַרלאַנגען, וואָלט מען זיי ניט געמאַכט. די אַרבעטער וואָס אַרבעטן אויס די אַלע אַרטיקלען פאַר רייכע וואָלטן דאַן געווען אָדער אַרבעטסלאָז און געפאַלן צו לאַסט אויף די איבעריקע אַרבעטער, אָדער זיך באַדאַרפט טיילן מיט דער אַרבעט, וואָס מיינט די זעלביקע זאַך — פאַלן צו לאַסט. דאָס וואָלט געפירט ניט נאָר צו פאַרהאַלטן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד, ער זאָל ניט וואַקסן, נאָר ער זאָל ווערן נאָך נידעריקער. דער לעבנס־סטאַנ־דאַרד פון אַ לאַנד קאָן נאָר וואַקסן פון מער פּראָדוקציע, ניט פון וויניקער פּראָדוקציע. אויב אַ סך מענטשן פאַלן אַרויס פון דער אַרבעט צוליב אָפּ־שאַפן פון רייכע, וועט עס ממילא אַראָפּנידערן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד אין גאַנצן לאַנד.

אַלע ווייסן, אַז גראַד אין דעם לאַנד, וואו עס זיינען דאָ אַ סך רייכע און מיליאָנערן — אין די פּאַראייניקטע שטאַטן — לעבט זיך דעם אַרבע־טער בעסער ווי אומעטום. אין די לענדער וואו עס זיינען דאָ וויניק רייכע, וויניק מיליאָנערן איז דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן נידעריק.

איך גלויב, אַז די ענדערונג וואָס מען האָט געמאַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איינצופירן ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַז אַ טייל

מענטשן זאָלן האָבן אַ גרויסן איינקונפט, וואָס מיינט, עס זאָל זיין אַ קלאַס פון רייכע אין לאַנד, איז צוליב דעם, וואָס זיי האָבן איינגעזען, דאָס מיט דעם פאַרניכטן די רייכע איז דאָס גאַנצע לאַנד אַראָפּגעזונקען צו מער אָרעמקייט.

אויב אַלץ איז אַזוי אַנדערש ווי די סאָציאַליסטן האָבן אויסגערעכנט, טאָ וואָס פאַר אַ זין האָט עס זיך צו האַלטן ביי אַזאַ גוט־מיינענדיקע, אָבער ניט ריכטיקע טעאָריע. ?

אויף דעם זיינען דאָ עטלעכע תירוצים. ערשטנס איז סאָציאַליזם ניט בלויז אַ טעאָריע, עס איז אַ באַוועגונג מיט אויפגעבויטע אינסטיטוציעס, וואָס עקזיסטירן שוין לאַנגע יאָרן. די אינסטיטוציעס און די באַוועגונג עקזיסטירן שוין מיט זייער אייגענעם כוח. די אינסטיטוציע איז אַ רעאַליטעט. די טעאָריע איז ניט מער ווי אַ טעאָריע און מען קאָן זי טייטשן פאַרשידן. טייטשט מען טאַקע אויס די טעאָריע, אַז זי זאָל זיך צופּאַסן צו די נייע ענדערונגען. ביי די סאָציאַליסטן פעלן ניט אַזעלכע „טעאָרעטיקער". אַחוץ דעם האָבן מענטשן זיך אַזוי איינגעלעבט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַז עס איז געוואָרן דער אינהאַלט פון זייער לעבן. כאָטש אַ סך פון די סאָציאַליסטן זיינען רייך געוואָרן און אין דער ווירקלעכקייט וואָלטן זיי באַקעמפט אַ סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, זיינען זיי פונדעסטוועגן אַזוי איינגעלעבט און דורכגענומען מיט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, דאָס אָן דעם אידעאַל וואָלטן זיי זיך געפילט ווי אויסגעליידיקט און פוסט. מען קאָן אויך זאָגן, אַז אַ סך סאָציאַליסטן האַלטן זיך ניט מער מיט דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, זיכער ניט אַזוי ווי אַמאָל. אין אַ טייל לענדער האָבן די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווי עס איז דער פאַל אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אָדער זיי האָבן זיך אַזוי געענדערט דאָס פון אַמאָליקן סאָציאַליזם איז מער ניט געבליבן ווי דער נאָמען. זיי זיינען געוואָרן איינפאַכע דעמאָקראַטישע פאַרטייען; ווען אַפילו זיי קריגן אַריין די פּאָליטישע מאַכט אין זייערע הענט ענדערן זיי ניט דעם סיסטעם.

קלאַסן־קאַמף, וואָס איז לויט מאַרקסן דער תוך פון דער געשיכטע און די טרייב־קראַפט צו סאָציאַליזם איז אין די הויך־סטאַנדאַריזירטע אינדוסטריעל אַנטוויקלטע לענדער, וואו דער אַרבעטער איז דער הויפּט־קאָנסומער, געוואָרן אַ מאַריאָנעטן קאַמף, אַ שפּיל אַזאַ, ווייל אין דער זעלביקער צייט ווען דער קאַפּיטאַליסט העכערט דעם אַרבעטערס געהאַלט, העכערט ער די פּרייזן פון דער פּראָדוקציע. פאַקטיש באַצאָלט דער אַרבעטער אַלס קאָנסומער דעם געהעכערטן פּרייז, וואָס ער האָט אויסגע־

קעמפט ביי דעם קאפּיטאַליסט. דער ציל הײַנט איז: אויסצומיידן אַ קאַמף, אויסמיידן אַ סטרייק.

די ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף דער וועלט אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר מאַכן אַ תּל פון אַלע אַמאָליקע עקאָנאָמישע טעאָריעס. די סאָציאַליסטישע טעאָריע איז ניט אויסגעשלאָסן.

5.

סאָציאַליזם איז ניט קיין וויסנשאַפטלעכע טעאָריע, עס איז אַ טעאָריע באַזירט אויף פאַלשע חשבונות. די סאָציאַליסטן מאַכן דעם חשבון, אַז דער גאַנצער פּראָפיט פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג איז עקספּלואַטאַציע; דאָס מיינט, ווען די אונטערנעמונג וואָלט ניט געווען קיין קאַפּיטאַליסטישע נאָר אַ סאָציאַליסטישע, וואָלט דער גאַנצער פּראָפיט געבליבן ביי די אַרבעטער. דאָס איז ניט ריכטיק. ניין־צענטל פון דעם פּראָפיט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט מאַכט וואָלט סיי ווי ניט אַנגעקומען צום אַרבעטער, ווי עס וועט באַווייזן ווערן אין קאַפּיטל „פּראָפיט”. נאָך אַ טעות מאַכן די סאָציאַליסטן, וואָס זיי גלויבן, אַז פּריוואַט אייגנטום פּראָדוקציע איז אינדיווידועלע פּראָדוקציע; וואָס מיינט, אַז דער פּריוואַט־אייגנטימער איז דער גאַנצער בעל־הבית איבער זיין אונטערנעמונג און קאָן טאָן וואָס ער וויל. דאָס איז אויך ניט ריכטיק. פּריוואַט־אייגנטום פּראָדוקציע איז אין דער אמתן געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע. דער פּריוואַט־אייגנטום פאַבריקאַנט פאַבריצירט דאָך ניט פאַר זיין אייגענעם געברויך, ער מאַכט זאַכן וואָס ער זאָל קאָנען פאַרקויפן, מוז ער מאַכן דאָס וואָס די געזעלשאַפט פאַרלאַנגט. אַ גרויסע פאַבריק אונטער קאַפּיטאַליזם טוט גענוי דאָס זעלביקע, וואָס אַ גרויסע פאַבריק וואָלט געטאָן אונטער סאָציאַליזם — ביידע אַרבעטן פאַרן געזעלשאַפטלעכן געברויך. דער פּראָפיט ווערט אין ביידע פאַלן גענוצט פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן, צו אַנטוויקלען און בויען די אינדוסטריעס; מיט דעם אונטערשיד וואָס געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זיינען ווייניקער עפישענט פון פּריוואַט־אייגנטום אינסטיטוציעס, ווייל דער קאַפּיטאַליסט לעבט מיט דער אילוזיע, אַז אַלץ איז זיין און ער היט עס זייער שטאַרק אָפּ. אין דער ווירקלעכקייט איז זיין דאָס, וואָס ער נוצט פאַר זיין אייגענעם געברויך, וואָס איז זייער ווייניק אין פאַרגלייך מיט די גרויסע פאַרדינסטן וואָס ער מאַכט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו עס איז ניטאָ קיין פּריוואַט־אייגנטום, די פאַבריקן זיינען סאָציאַליזירט, פילט דער אַרבעטער, אַז ער איז דער בעל־הבית און אַלץ איז זיין, ווען ער גייט אַהיים פון דער אַרבעט. ער נעמט אַזוי פיל מיט זיך וויפיל עס לאָזט זיך,

ער באַטראַכט עס ניט פאַר גנבה. ווען ער דאַרף אַרבעטן פילט ער שוין ניט אַז אַלץ איז זיין און וויל ניט אַרבעטן. מען דאַרף אָנווענדן סטאַכאַנאָ־ווישע מיטלען, אים אַרויפשטעלן אויף דער שוואַרצער ליסטע און צווינגען ער זאָל אַרבעטן.

אַ טעאָריע וואָס דער רעזולטאַט איז אַזוי אַנדערש, ווי אָנגענומען אין פאָראויסגעזאָגט, איז זיכער ניט קיין ריכטיקע טעאָריע. מאַרקס האָט פאַרזיכערט, אַז אַ לאַנד וואָס וועט זיין אינדוסטריעל הויך אַנטוויקלט, וועט זיין גרייט פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און איבערגיין צו אַ סאָציאַ־ליסטישן סיסטעם. אַרויסגעוויזן האָט זיך פאַרקערט, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז אינדוסטריעל הויך אַנטוויקלט איז זייער ווייט פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע און כינע, וואָס איז אַ צוריקגעשטאַנען, אומאַנט־וויקלט לאַנד, האָט יאָ געמאַכט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. דאָס זעלביקע איז געשען אין צוריקגעשטאַנענעם רוסלאַנד.

די סאָציאַליסטן האָבן אַ פאַלשן באַגריף וועגן דעמאָקראַטיע. ביי זיי איז דעמאָקראַטיע אונטער קאַפּיטאַליזם ניט פון גרויסן ווערט. זיי האַלטן, ווי די קאָמוניסטן, אַז דאָס איז ניט מער ווי פּאָליטישע דעמאָקראַטיע און ניט קיין אמתע. אמתע דעמאָקראַטיע איז, ווען עס איז דאָ עקאָנאָמישע דע־מאָקראַטיע. די וויכטיקייט פון דעמאָקראַטיע אונטער קאַפּיטאַליזם איז ביי זיי, וואָס מען וועט מיט דעמאָקראַטישער הילף קאָנען אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. ביי סאָציאַליסטן איז אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז דורך דעמאָקראַטיע קאָן מען אַזוי אויסבעסערן דעם קאַ־פּיטאַליסטישן סיסטעם, דאָס מען וועט אים ניט דאַרפן אַראָפּוואַרפן. דאָס איז אַ פאַלשער באַגריף, ווייל אונטער דעמאָקראַטיע קאָן מען יאָ אַזוי אויס־בעסערן דעם סיסטעם, מען זאָל אים ניט דאַרפן אַראָפּוואַרפן. אין פּאָלי־טישע דעמאָקראַטיע איז ממילא איינגעגלידערט עקאָנאָמישע דעמאָקראַטיע. אויב ניט, אויב דורך פּאָליטישער דעמאָקראַטיע קאָן דער אַרבעטער ניט ווירקן צו ענדערן זיין עקאָנאָמישן צושטאַנד איז די גאַנצע דעמאָקראַטיע זינלאָז. דאָס וואָס יעדער אַרבעטער קאָן ניט ווערן אַן אויטאָמאָביל פאַב־ריקאַנט ווען ער וויל, מיינט ניט, אַז ער האָט ניט קיין עקאָנאָמישע דע־מאָקראַטיע פּונקט ווי דאָס וואָס ניט יעדער איינער קאָן ווערן אַ סענאַטאָר אָדער אַ פּרעזידענט ווען ער וויל, מיינט ניט, אַז ער האָט ניט קיין פּאָ־ליטישע דעמאָקראַטיע. דער זין פון דעמאָקראַטיע איז וואָס די מערהייט פון פאָלק קאָן דורכברעכן איר ווילן קעגן אַ מינדערהייט וואָס גייט קעגן די אינטערעסן פון פאָלק. אַזאַ כוח האָט דאָס פאָלק אין אַלע דעמאָ־קראַטישע לענדער. אין ענגלאַנד איז עס אַפילו געקומען צו דעם, דאָס די לייבאָר פּאַרטיי, אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, האָט געוואונען אַ מערהייט

און אַריינגעקריגן די רעגירונג. זי האָט געקאָנט ענדערן דעם סיסטעם, אָפּשאַפן קאַפּיטאַליזם, אָבער זי האָט עס ניט געטאָן. פאַרוואָס? ווייל זי האָט עס ניט געפונען פאַר נויטיק. די אויסבעסערונגען וואָס די לייבאָר־פּאַרטיי האָט געוואָלט מאַכן, האָט זי סיי ווי געקאָנט אַדורכפירן.

אין די לענדער וואו עס איז דאָ פולשטענדיקע דעמאָקראַטיע און אַ באַוואוסטזיניקע אַרבעטער־מאַסע איז סאָציאַליזם ניט נויטיק. אַלץ וואָס עס איז נויטיק און מען קאָן דורכפירן פאַר דעם אַרבעטער קאָן מען עס אויך אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם.

מאַרקסיזם

1.

דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם ווערט גערופן מאַרקסיזם, ווייל מאַרקס איז געווען דער טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

מאַרקס איז געבוירן געוואָרן אין 1818, אין דער שטאָט טריער. אַ דייטשע שטאָט, נאָענט פון דער פראַנצויזישער גרענעץ. זיין פאָטער איז שוין געווען געשמדט נאָר די מוטער האָט זיך ניט געוואָלט שמדן; זי האָט דערצויגן אירע קינדער אַלס יידן. ווען מאַרקס איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר האָט זיין פאָטער, גענומען אים און נאָך זעקס יינגערע קינדער, אַריינגעפירט אין אַן עוואַנגעלישער קירך און אָפּגעשמדט. מאַרקס האָט געשטאַמט פון דור־דורות רבנים. דער גאון ר׳ מאיר פון פאַדואַ איז געווען איינער פון זיינע אור־עלטערן. זיין פאָטער, אַן אַדוואָקאַט, איז געווען אַ וועלטלעך־געבילדעטער מענטש. אין שכנות מיט דער פאַמיליע מאַרקס האָט געוואוינט קאַנצלער פאָן וועסטפאַליען. דער קאַנצלער האָט געהאַט אַ טאָכטער זשעני, וואָס איז געווען די שענסטע מיידל פון שטאָט, זי איז געווען מיט פיר יאָר עלטער פון מאַרקסן און געוואָרן זיין פרוי.

דער פאָטער האָט געוואָלט מאַרקס זאָל שטודירן פאַר אַדוואָקאַט. מאַרקסן האָט עס ניט אינטערעסירט; ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו פילאָזאָפיע. דער פאָטער איז געווען אומצופרידן; פילאָזאָפיע האָט ביי אים געמיינט פילפול, וואָס ער האָט ניט ליב געהאַט. מאַרקס, כאָטש ער האָט ליב געהאַט דעם פאָטער און געווען אָפּהענגיק אין אים, האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט; ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע און געשריבן פּאָעזיע. ער האָט געמיינט, ער וועט זיין אַ צווייטער היינריך היינע, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער באַרימט. די איינציקע וואָס איז געווען באַגייסטערט פאַר זיינע לידער איז געווען זשעני, זיין צוקונפטיקע פרוי. מאַרקס האָט סוף־כל־סוף איינגעזען, אַז ער איז ניט קיין פּאָעט און אויפגעהערט שרייבן לידער.

מאַרקס האָט געלעבט אַן אָרעם און טראַגיש לעבן. וואָס קאָן זיין טראַגישער ווי אַ מענטש וואָס האָט אַ פאַמיליע, אַ פרוי מיט קינדער, און

האָט ניט קיין איינקונפט, האָט ניט פון וואַנען צו לעבן. טייל זאָגן, אַז דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָס מאַרקס איז געווען אַזוי פאַרהאַסט אויף דעם סיסטעם.

מאַרקס האָט פאַקטיש געלעבט פון שטיצע. דער הויפּט־שטיצער זיינער איז געווען ענגעלס. די זשורנאַלן, אין וועלכע ער האָט געשריבן און וועלכע ער האָט רעדאַגירט אין דער יוגנט, האָבן לאַנג ניט עקזיסטירט. אַ קורצע צייט האָט ער געשריבן פאַר דער „ניו יאָרק־טריביון". די מערסטע צייט איז ער אויסגעהאַלטן געוואָרן פון ענגעלסן. ענגעלס איז ניט געווען קיין גרויסער גביר. זיין פאָטער איז געווען רייך. ווי עס האָט זיך דעמאָלט געפירט אין דייטשלאַנד האָט דער פאָטער געקאָנט זיין רייך אָבער דער זון האָט געמוזט אַרבעטן און געקריגן אַ באַגרענעצטן געהאַלט. ענגעלס האָט באַדאַרפט אָפּשפּאָרן פון זיין באַגרענעצטן געהאַלט צו שטיצן מאַרקסן. און מאַרקס האָט געמוזט לעבן אַן אָרעם, מיזעראַבלען לעבן. עס איז שאָקירנד צו לייענען, ווי מען האָט מאַרקסן געוואָלט אַרויסוואַרפן פון דער דירה, ווי די פאַמיליע האָט געמוזט הונגערן, ווייל דער שפּייז־קרעמער האָט מער ניט געוואָלט געבן אויף באָרג, און די סקאַנדאַלן וואָס עס האָבן געמאַכט די אַלע וועמען מאַרקס איז שולדיק געווען געלט.

עס איז שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מאַרקס האָט אַזוי געלעבט. עס איז דאָך אוממעגלעך, אַז אַזאַ געבילדעטער מענטש ווי מאַרקס האָט ניט געקענט געפינען עפּעס אַן אַרבעט צו מאַכן אַ לעבן. נאַטירלעך, ווען מאַרקס וואָלט געטאָן אַן אַרבעט, וואָלט ער ניט געהאַט אַזוי פיל צייט אָפּצוגעבן אויף זיין שטודיום.

עס קאָן זיין, אַז מאַרקס האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ משיח, און אויף זיין שטודיום ווי אויף אַ נייע תורה, וואָס ער גייט ברענגען דער וועלט. צוליב אַ נייער תורה איז אַלץ באַרעכטיקט.

מאַרקס, וואָס האָט געשטאַמט פון רבנים און בעלי־פּילפּול איז אַליין געווען אַ גרויסער בעל־פּילפּול, אַ פּשעטלער, וואָס האָט געקאָנט צוזאַמענ־שטעלן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. מאַרקס איז געווען אַ העגעליאַנער, אַן אָנהענגער פון דייטשן פילאָזאָף העגעל, וואָס איז געווען אַן אידעאַליסט, געהאַלטן, אַז די וועלט ווערט געפירט פון דער אַבסאָלוטער אידעע. די טעאָלאָגיסטן האָבן העגעלן אַריינגענומען אין זייערע רייען. מאַרקס איז שפּעטער געוואָרן אַן אָנהענגער פון דייוויד פרידריך סטראַוס און לודוויג פייערבאַך, וואָס זיינען געווען מאַטעריאַליסטן. פאַר מאַרקסן איז אָבער געווען זייער וויכטיק העגעלס דיאַלעקטישע מעטאָדע, וואָס האָט אים גע־געבן אַ מעגלעכקייט אויפצובויען זיינע טעאָריעס, געבן זיי לפנים אַ וויסנ־שאַפטלעכן הינטערגרונד, וואָס איז אין דער אמתן געווען מער מעטאַפּי־

פיזיש ווי וויסנשאַפטלעך. די דיאַלעקטישע מעטאָדע פון טעזיס, אַנטי־טעזיס און סינטעזיס איז אַ פילאָזאָפישע אַקסיאָמע, ניט קיין וויסנשאַפט־לעכער פרינציפּ. אָננעמענדיק דיאַלעקטיק ווי אַ וויסנשאַפטלעכע מעטאָ־דע, האָט מאַרקסן געהאָלפן צו קומען צו אויספירן וואָס מען קאָן ניט באַשטרייטן. ווען עס האַנדלט זיך וועגן וויסנשאַפט איז דאָך ניט שייך צו זאָגן, מען איז קעגן. קאָן אימיצער זיין קעגן דעם, וואָס די ערד דרייט זיך.

מאַרקס איז געווען אַ גוטער און פּראָדוקטיווער שרייבער. ער האָט ליב געהאַט און געקאָנט אַ סך שרייבן. ער האָט ניט געשריבן קורץ און שאַרף, זיין סטיל איז שווערלעך און איבערפליסיק. דער איבערפלוס פון ווערטער האָבן זיינע געדאַנקען באַשווערט. ענגעלס איז געווען אַ בע־סערער שרייבער. די ווערק וואָסביידע האָבן געשריבן, וואָס עס האָט געמיינט, אַז מאַרקס האָט בלויז אָנגעוואָרפן די געדאַנקען און ענגעלס האָט עס אָנגעשריבן. ווי עס איז דער פאַל מיט דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט, איז בעסער און קינסטלערישער געשריבן.

מאַרקס איז געווען אַ טאַלאַנטפולער פּאָלעמיקער. ער האָט געשריבן ביכער, בלויז צו פּאָלעמיזירן און אָראָפּצורייסן. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך אַראָפּצורייסן פּרודאָנס אַ בוך. ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך קעגן ברונאָ באַוער און ביכער קעגן אַנדערע. ער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין גוטן געשמאַק מיט זיין צו ברוטאַלער פּאָלעמיק. ער האָט געקריגן אַ נאָמען אַלס דער „קאַלב־בייסער“. עס איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין אימיצן, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו מאַרקסן אין די הענט אַריין; יענער האָט געמעגט זיין באַרימט, ווי עס איז געווען פּרודאָן, איז ער היבש אַראָפּגעפאַלן, ווען מאַרקס האָט זיך גענומען צו אים.

מאַרקס׳ כוח איז געלעגן אין זיין וויסן און אינטעליגענץ. אַ סך פון די וואָס האָבן ניט געליטן זיין ברוטאַלקייט צו אַ קעגנער, האָבן אים הויך געשעצט פאַר זיין פילזייטיק וויסן און טיפן פאַרשטאַנד. ער האָט מיט דעם כוח פון פּילפּול, וואָס ער האָט געירשנט פון זיינע פריערדיקע דורות, גע־קאָנט אויפבויען נעצן און אַזוי פאַרפּלאָנטערן אַ קעגנער, יענער זאָל ניט קאָנען אַרויס.

2.

ביי סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן ווערט קאַרל מאַרקס פאַרגעטערט, ווי דער סאָציאַליסטישער משיח. די סאָציאַליסטישע פירער וואָס זיינען געווען פריער, פאַר מאַרקסן האָט מען כמעט פאַרגעסן. מען דערמאָנט זיי

אַמאָל, פאַרבייגייענדיק, מען שטעמפּלט זיי אַלס אוטאָפּיסטן, אַנאַרכיסטן. אַנדערש איז מאַרקס. ער איז דער גרויסער פילאָזאָף, דער וויסנשאַפטס־מאַן, דער פאָרשער און באַגרינדער פון סאָציאַליסטישן געדאַנק. ער האָט געברענגט קלאָרקייט אין די, ביז אים פאַרכמאַרעטע, וועלט־געשיכטע. מיט זיין מאַטעריאַליסטישער אויסטייטשונג איז די וועלט־געשיכטע ניט מער אַ געשיכטע פון קאַפּריזן, ספּאָנטאַנע געשעענישן, ווען קיניגן און גענע־ראַלן האָבן געטאָן וואָס זיי האָט זיך פאַרגליסט. דער היסטאָרישער מאַ־טעריאַליזם, דער נייער צוגאַנג וואָס מאַרקס האָט אַריינגעבראַכט אויסצו־טייטשן געשיכטע, האָט באַוויזן, אַז די וועלט ווערט געפירט מיט אַ שטאַר־קער האַנט — די שטאַרקע האַנט איז קלאַסנקאַמף. אין דער וועלט איז אַלעמאָל פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן קלאַסן, אַ קלאַס פון אונטערדריקער און אַ קלאַס פון אונטעדריקטע. אַלץ פאַר וואָס די אונטערדריקער האָבן געקעמפט איז געווען, זיי זאָלן קאָנען מער אונטערדריקן, אַלץ פאַר וואָס די אונטערדריקטע האָבן געקעמפט איז געווען זיך צו באַפרייען פון די אונטערדריקער. אַלעמאָל ענדיקט עס זיך מיט דעם, וואָס די אונטערדריקטע באַפרייען זיך און וואַרפן אַראָפּ דעם אונטערדריקער. אַזוי איז עס אויך היינט, אין אונדזער צייט; די אונטערדריקער זיינען די קאַפּיטאַליסטן, די אונטערדריקטע זיינען די אַרבעטער. דער סוף וועט דאָס מאָל אויך זיין דער זעלביקער: די אונטערדריקטע אַרבעטער וועלן רעוואָלטירן און אַראָפּ־וואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע אונטערדריקער. דאָס מאָל, האָט מאַרקס נביאות געזאָגט, וועט די רעוואָלוציע פון פּראָלעטאַריאַט אָפּשאַפן קלאַסן; סאָציאַ־ליזם איז אַ סיסטעם אָן קלאַסן און ממילא אָן קלאַסן־קאַמף. דער קאַפּי־טאַליסטישער קלאַס וועט אָפּגעשאַפט ווערן. ווען עס וועט ניט זיין קיין קלאַסן און קיין קלאַסנקאַמף וועט מען קיין רעגירער ניט דאַרפן און די רע־גירונג, ווי אויך דער שטאַט וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן.

מאַרקס איז געווען אַ גוטער סטודענט און האָט פריי גענומען מאַ־טעריאַל ביי די עקאָנאָמיסטן פאַר אים. אין יאָר 1776 איז דערשינען „דאָס אייגנטום פון פעלקער", אַ קלאַסיש בוך איבער עקאָנאָמיע פון אַדאַם סמיט; עס איז געווען פינף און זיבעציק יאָר איידער מאַרקס האָט געשריבן זיין „קאַפּיטאַל". אין דעם בוך האָט אַדאַם סמיט אַנטוויקלט די טעאָריעס פון ווערט, מער ווערט און געלט. ער האָט באַגרינדעט די וויכטיקייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פאַר דער געזעלשאַפט. ער האָט אַרויסגעבראַנגט דעם גוט באַקאַנטן פּרינציפּ פון „לעסעי פעיר" — לאָזן ווי עס גייט; די רע־גירונג זאָל זיך ניט מישן, ניט שטערן די קאַפּיטאַליסטן אין זייער אַנט־וויקלונג. די טעאָריע פון ווערט און מער־ווערט האָט מאַרקס גענומען ביי אַדאַם סמיט.

אין לאָנדאָן האָט געלעבט אַ ייד מיטן נאָמען דייוויד ריקאַרדאָ, אַ געשמדטער ייד; זיינע עלטערן זיינען געקומען פון האָלאַנד, זיינע אור־עלטערן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שפּאַניען. ער איז געווען זייער רייך, האָט געמאַכט אַ סך געלט אויף דער בערזע. אין יאָר 1817 איז דערשינען זיינס אַ ווערק „אַן אָפּהאַנדלונג איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע און שטייערן". ער איז באַלד באַרימט געוואָרן אַלס אַ וויכטיקער עקאָנאָמיסט. ער, ווי סמיט איז אַ פּאַרטיידיקער פון קאַפּיטאַליזם. ריקאַרדאָ איז אָבער שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן די לאַנדאייגנטימער, וואָס באַרויבן די געזעלשאַפט און טאָן גאָרניט פאַר איר. זיינע געזעצן וועגן „רענט" און לוין זיינען באַרימט אין דער עקאָנאָמישער וועלט. לאַסאַלס אייזערנער לוין־געזעץ, אַז דער לוין פון אַרבעטער מוז ווערן רעדוצירט צו דעם וואָס איז אַמנויטיקסטן אויפצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ, איז גענומען פון ריקאַרדאָ. מאַרקס האָט שטאַרק געהאַלטן פון ריקאַרדאָ און האָט זיך זייער פיל באַנוצט מיט זיין מאַטעריאַל.

אַ סך דענקען דאָס מאַרקס האָט זיין טעאָריע וועגן וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם גענומען ביי ראָדבערטוס, אַ דייטש וואָס האָט געלעבט אין זיין צייט און געשריבן וועגן דעם פריער. מאַרקס האָט די טעאָריע בלויז ברייטער אַנטוויקלט.

די דיאַלעקטישע מעטאָדע, האָט מאַרקס גענומען פון העגעלן, און זיין מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון פייערבאַך און שטראַוס. מאַרקס איז ניט געווען אָריגינעל. ער האָט אָבער מייסטערהאַפט אַנאַליזירט די אידעען און טעאָריעס פון זיין צייט, וואָס ער האָט צוגעפּירט צו אַ באַשטימטן אויספיר.

3.

מאַרקס האָט מיט 100 יאָר צוריק געמיינט, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט אָפּגעלעבט זיין צייט. ער און ענגעלס האָבן געדענקט, אַז אָט־אָט, אין אַ צוויי אָדער העכסטנס דריי צענדליק יאָר, וועט דער קאַפּיטאַליזם פאַלן און סאָציאַליזם וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ. שוין באַלד הונדערט יאָר ווען מאַרקס האָט אָנגעשריבן זיין באַרימט ווערק „דאָס קאַפּיטאַל" און מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און גענויעסטער אויסרעכנונג באַוויזן, אַז ווען אַ לאַנד וועט זיך אינדוסטריעל אַנטוויקלען, ווען קאַפּיטאַליזם וועט ווערן אויף דער העכסטער שטופע צענטראַליזירט, מיט גרויסע טראַסטס און מאָנאָפּאָלן, ווען טויזנטער אַרבעטער וועלן זיין צוזאַמען אין איין פאַבריק, פאַראייניקט און אָרגאַניזירט, וועט עס זיין די צייט פאַר אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע. די אַרבעטער וועלן איינזען זייער מאַכט; זיי וועלן מער ניט וועלן

ליידן פון דעם קאַפּיטאַליסט, דעם עקספּלואַטאַטאָר, וואָס רויבט אַוועק די גרעסטע טייל פון זייער לוין און האַלט זיי ווי אין קייטן.

די צייט, אויף וועלכער מאַרקס האָט נביאות געזאָגט האָבן מיר היינט אין אַמעריקע; אויב עס איז דאָ אַ לאַנד וואָס שטימט מיט מאַרקס׳ פאַראויסזאָגונגען איז עס די פאַראייניקטע שטאַטן; אַ לאַנד וואָס איז אויף דער העכסטער שטופע פון אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, וואו דער קאַפּי־טאַליזם איז צו אַ מאַקסימום צענטראַליזירט און די אַרבעטער זיינען צו־נויפגעזאַמלט אין גרויסע פאַבריקן.

איז דאָס לאַנד פון די פאַראייניקטע שטאַטן גרייט איבערצוגיין צו סאָציאַליזם?

יעדער איינער ווייסט, אַז ניין! עס איז פאַרקערט, פון אַלע לענדער שטייען די פאַראייניקטע שטאַטן אַמווייטסטן פון סאָציאַליזם. מאָסקווע, וואָס לעבט מיט טעאָריעס, און האָט געוואַרט אויף דעם גרויסן קריזיס אין אַמע־ריקע, איז מיד געוואָרן וואַרטנדיק. זיי גיבן צו, אויב מען וויל ווייטער לעבן, וועט מען מוזן שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, דאָסביידע עקאָנאָמיעס, די קאָמוניסטישע און די קאַפּיטאַליסטישע, קאָנען לעבן צוזאַמען.

וואָס איז געשען? פאַרוואָס שטימט ניט דער חשבון? פאַרוואָס איז אין דעם אינדוסטריעל אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, וואָס דאַרף זיין גרייט פאַר סאָציאַליזם ניטאָ קיין זכר פון סאָציאַלע רעוואָלוציע? ניטאָ אַפילו קיין סאָציאַליסטישע פאַרטיי וואָס זאָל עס פאָדערן. עס זיינען דאָ קליינע גרופּן וואָס ווילן זיך אויסלעבן אין אַ סאָציאַליסטישער אַטמאָס־פערע; מען לעבט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, מען זינגט רעוואָלוציאָנערע לידער און מען פראַוועט שמחהלעך; מיט דעם ענדיקט זיך די סאָציאַליס־טישע טעטיקייט. די קאָמוניסטישע פאַרטיי אין אַמעריקע, וואָס שפּילט, אגב, אַן אומבאַדייטנדיקע ראָלע, האַלט זיך אויף מיט דעם כוח פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און מיט דער הילף פון אָלרייטניקעס, רייכע וואָס ווילן זיך אויס־לעבן אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן. טייל פון זיי האָבן אַ רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, ווילן זיי אויך איצט — ווען רעוואָלוציעס דאַרפן זיי ניט און ווילן ניט — האָבן אַ רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספערע. צו דער יוגנט אַפּעלירן די שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע פראַזן און די געהיימע טעטיקייט. עס איז דאָ אין דעם אַ סך אַוואַנטוריסטישקייט.

די אורזאַך, פאַרוואָס אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַנדערש ווי מאַרקס האָט פאַראויסגעזאָגט איז, ווייל מאַרקס האָט געוואוסט פון אַלע רעוואָלוציעס און זייערע פאָלגן. פון איין רעוואָלוציע האָט מאַרקס ווייניק געוואוסט. דאָס איז, די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע. ער האָט ווייניק געוואוסט פון דער רעוואָלוציע, ווייל זי האָט זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבן. מען קאָן מאַרקסן

ניט באַשולדיקן וואָס ער האָט ניט געזען וואָס עס וועט זיין אין הונדערט יאָר אַרום. אין די לעצטע הונדערט יאָר האָט זיך די וועלט אַזוי געענדערט, דאָס קיין מענטשלעכע פאַנטאַזיע האָט עס פאָראויס ניט געקאָנט זען.

4.

מאַרקס׳ געדאַנק, אַז אין אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם ווען עס וועלן ווערן אָפּגעשאַפן קלאַסן, וועט מער קיין שטאַט ניט זיין בויטיק, ווייל עס וועלן ניט זיין קיין סיכסוכים און עס וועט ניט זיין איבער וועמען צו רעגירן, איז אַזוי פאַנטאַסטיש, דאָס עס איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ געניאַלער, אַנאַליטישער קאָפּ ווי מאַרקס האָט זיך געקאָנט אַריינלאָזן אין אַזעלכע חלומות.

עס קאָן זיין, מאַרקס האָט געוואָלט מיט אָט די פאַנטאַזיעס אַריבערברענגען די אַנאַרכיסטן אויף זיין זייט. אין מאַרקס׳ צייטן איז דער אַנאַרכיזם געווען אַ ווייט פאַרשפּרייטע אידעע און אַ באַדייטנדיקער געזעלשאַפטלעכער כוח אין אייראָפּע. אין ענגלאַנד האָט אין 1793 גאָדווין אָנגעשריבן אַ בוך אונטער דעם לאַנגן נאָמען „אַ פאָרשונג איבער פּאָליטישע גערעכטיקייט און איר איינפלוס אויף די אַלגעמיינע זיטלעכקייט און גליק״. דאָס בוך האָט פיל בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַנאַרכיסטישער אידעע. פּרודאָן, אַ צייט־גענאָסע פון מאַרקסן, איז אין פראַנקרייך באַרימט געוואָרן מיט זיינע צוויי ביכער „וואָס איז אייגנטום״ און „די פילאָזאָפיע פון אָרעמקייט״. ער אַנטוויקלט און פאַרטיידיקט דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק, אַז אַנאַרכיזם איז די איינציקע רפואה פאַר דער וועלט. אין יאָר 1844 איז אין דייטשלאַנד, מאַקס שטירנער סענסאַציאָנעל באַרימט געוואָרן מיט זיין בוך „דער איינציקער און זיין אייגנטום״ וואָס האָט געפּריידיקט עקסטרעמען אַנאַרכיזם און אינדיווידואַליזם. אין דער זעלביקער צייט האָט דער רוס באַקונין געשריבן און אַגיטירט פאַר דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל. אַנאַרכיזם איז דאַן פאַקטיש געווען אַ וועלט־אידעע. פאַר אונדזער דור איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן האָבן געקאָנט נעמען ערנסט אַן אידעע וואָס פאַראַכטעט דעם שטאַט, מאַכט חוזק פון געזעץ און באַטראַכט מענטשן ווי מלאָכים.

מאַרקס האָט באַקעמפט די אַנאַרכיסטן וואָס האָבן דאַן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער מיט זיינע אויספירן, דאָס דער שטאַט וועט פאַרשווינדן, געוואָלט געווינען די אַנאַרכיסטישע אָנהענגער אויף זיין זייט. עס איז אויך מעגלעך, אַז ווען עס האָט זיך געהאַנדלט

וועגן דער ווייטער צוקונפט איז מאַרקס' פאַנטאַזיע געפלויגן זייער ווייט און ער האָט ווירקלעך פאַנטאַזירט וועגן אַן אָרדענונג אָן רעגירער.

אַזעלכע פאַנטאַזיעס האָט מען נאָר געקאָנט האָבן מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען די פּראָדוקציע איז געווען זייער באַגרענעצט, די מאַסן האָבן געלעבט אין שווידערלעכער אָרעמקייט, פאַרדינט קוים צו דערהאַלטן די נשמה. מען האָט נאָך גאָרניט געוואוסט פון דעם לוקסוס וואָס מיר האָבן היינט. ווען מאַרקס האָט אַנטוויקלט זיין סאָציאַליסטישע טעאָריע האָט ער אין זינען געהאַט די עקאָנאָמיע פון יענער צייט, אַן עקאָנאָמיע פון צו־ווייניק. עס איז דעמאָלט ניט געווען גענוג פאַר אַלע צו לעבן בריווח; אויב די קאַפּיטאַליסטן האָבן געלעבט רייך, האָבן די אַרבעטער געמוזט לעבן זייער אָרעם. דער פּראָפיט, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן דאַן געמאַכט, איז געווען גענוג בלויז פאַר זייער אייגן רייך לעבן. וועגן אַן עקאָנאָמיע, וואָס זאָל אַריינברענגען אַזאַ גרויסן פּראָפיט, דאָס דער קאַפּיטאַליסט זאָל קאָ־נען לעבן רייך, זאָל אינוועסטירן געלט און נאָך אַלץ האָבן איבעריקע געלט, האָט מאַרקס ניט געוואוסט. אַזאַ עקאָנאָמיע האָבן מיר היינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מאַרקס שרייבט אין „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט" „דער היינטי־קער אַרבעטער, אַנשטאָט זיך צו דערהויבן צוזאַמען מיט דעם פּראָגרעס פון דער אינדוסטריע, זינקט ער אַלץ טיפער אַראָפּ אונטער די לעבנס־באַדינגונ־גען פון זיין אייגענעם קלאַס. דער אַרבעטער ווערט אַן אביון און אביונות וואַקסט נאָך שנעלער איידער די באַפעלקערונג און די עשירות". אַזוי טראַכטן האָט מען נאָר געקאָנט מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען דעמאָקראַטיע איז געווען באַגרענעצט, די אינדוסטריעס האָבן זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן אַנטוויקלען, דער אַרבעטער איז געווען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש הילפ־לאָז; אַפילו אין יענער צייט איז אַזאַ געדאַנק געווען אין קעגנזאַץ צו דעם וואָס מאַרקס זאָגט אויף אַן אַנדער אָרט אין דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט: „די בורזשואַזיע, דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט אין די קנאַפּע הונ־דערט יאָר פון איר קלאַסן־הערשאַפט געשאַפן גרעסערע און מעכטיקערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען איידער אַלע פריערדיקע דורות צוזאַמען".

ווי איז דאָס שייך אַז פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוק־טיוויטעט זאָל פאַר די אַרבעטער גאָרנישט אַראָפּפאַלן, אַלץ זאָל פאַרצערט ווערן פון די קאַפּיטאַליסטן. מאַרקס אַקצענטירט זיין מיינונג אַז: „דער דורכשניטלעכער פּרייז פון דער לוין־אַרבעט איז דער מינימום פון אַרבעטס־לוין", דאָס הייסט, די סומע לעבנס־מיטלען, וואָס דער אַרבעטער מוז אומ־באַדינגט האָבן אַנצוהאַלטן זיין לעבן און האָבן כוח צו אַרבעטן. קיינער קאָן ניט זאָגן, אַז אַזאַ מיינונג גילט אויך פאַר דער היינטיקער צייט.

מאַרקס האָט געזען דעם אַרבעטער ווי אַ הילפלאָזן מענטש, וואָס איז אָפּהענגיק אין קאַפּיטאַליסט. ער, דער קאַפּיטאַליסט באַזיצט די פּראָדוציר־מיטלען און קאָן טאָן וואָס ער וויל. אין מאַרקס׳ צייטן איז די וועלט געווען אָפּן און די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן פון איין לאַנד איז געווען לייכט צו פאַרקויפן אין אַן אַנדער לאַנד. אַז עס וועט קומען אַ צייט פון מאַסן־פּראָדוקציע, ווען דער אַרבעטער וועט ניט זיין בלויז אַן אַרבעטער נאָר אויך אַ קאָנסומער, און דער קאַפּיטאַליסט וועט דאַרפן אָנקומען צום אַרבעטער, ער זאָל קויפן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, ווייל אויב ניט וועט דער קאַפּיטאַליסט ניט קאָנען עקזיסטירן; דאָס האָט זיך מאַרקס ניט פאָרגעשטעלט. אָבער דאָס איז דער סיסטעם וואָס מיר האָבן היינט, אַ סיסטעם וואָס אויב די אַרבעטער האָבן ניט גענוג געלט צו קויפן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן מוזן די קאַפּיטאַליסטן באַנקראָטירן.

מאַרקס האָט צופיל גענעראַליזירט: ער האָט געזען דעם אונטערשייד אין קלאַסן און פאַרזען דעם אונטערשייד אין מענטשן. ווען מאַרקס וואָלט געלעבט נאָך פרוידן, וואָלטן זיינע טעאָריעס אַנדערש געווען. לויט די לעצטע פּסיכאָ־אַנאַליטישע טעאָריעס מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דער אונטערשייד פון איין מענטש און אַ צווייטן איז גרויס. די אינדיווידועלע, אייגנאַרטיקע אייגנשאַפטן פון מענטש שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין סאָציאַל עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגען. וואָס קומט אַרויס פון מאַכן אַ רעוואָלוציע, און שאַפן אַ נייע אָרדענונג, ווען די נייע אָרדענונג קאָן אַריינפאַלן אין די הענט פון אַזעלכע מענטשן וואָס וועלן זי פאַרניכטן. וועגן די פירער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָגן די רעכטע סאָציאַליסטן, אַז זיי האָבן פאַרראַטן דעם סאָציאַליזם. די קאָמוניסטן האָבן ביי די „משפטים" אַליין מודה געווען דאָס זייערע פירער זיינען געווען שפּיאָנען און פאַררעטער.

אַ פירער, אַ דעמאַגאָג קאָן טאָן אַ סך שאָדן. היטלער, וואָס האָט געבראַכט אומגליק אויף דער וועלט, האָט אויך געבראַכט אומגליק אויף די דייטשן. וויפיל אמת עס זאָל ליגן אין די אומשטענדן, וואָס האָבן געבראַכט היטלערן צו דער מאַכט, מוז מען צוגעבן, אַז ווען דער פירער פון די דייטשן וואָלט ניט געווען אַזאַ ווילדע חיה, וואָלטן די רעזולטאַטן געווען אַנדערש. ווען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וואָלט אויסגעבראַכן פריער, וואָלט געקאָנט מעגלעך זיין, דאָס דער שפּיאָן אַזעוו, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער פירער ביי די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זאָל ווערן דער פירער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס אויסגעפונען, אַז אַזעוו איז אַ שפּיאָן איז געווען אַ צופאַל.

ווען דאָס בוך איז שוין געווען אין דרוק איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז סטאַלין אַליין איז געווען אַ שפּיאָן.

די געזעלשאַפט מוז זיין פאַרזיכטיק. עס איז אַלעמאָל דאָ אַ געפאַר דאָס אַ דעמאַגאָג זאָל מיט פאַלשע רייד אָפנאַרן די מאַסן. איבערהויפּט איז דאָס מעגלעך אין אַן אומרואיקער צייט, אין צייט פון אַ קריזיס, אַ מלחמה אָדער אַ רעוואָלוציע. די גרינדער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און די פאַרפאַסער פון אונדזער קאָנסטיטוציע האָבן זיך געוואָלט אויסהיטן פון אַזאַ געפאַר. זיי האָבן געוואוסט, אַז אַ מערהייט קאָן אויך אַמאָל זיין אומ־גערעכט, האָבן זיי דערפאַר אַזוי איינגעאָרדנט די געזעצלעכע פּראָצעדור, עס זאָל ניט זיין לייכט אָנצונעמען אַ געזעץ ווען אַ צופעליקע מערהייט וויל עס. אַ געזעץ דאַרף דורכגיין דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז, דעם סענאַט און אונטערגעשריבן ווערן פון פּרעזידענט. נאָך דעם אַלעם קאָן דאָס העכסטע געריכט אומוואָרפן דאָס געזעץ. דאָס אַלץ איז אַ באַוואָרעניש מען זאָל ניט קאָנען אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט פאַרשוועכן אונדזער אויס־געקעמפטער רעכט.

מען דאַרף מורא האָבן ניט נאָר פאַר דעמאַגאָגן נאָר אויך פאַר ער־לעכע אידעאַליסטן, וואָס האָבן אַ פאַלשן באַגריף וועגן די נויטן פון דער צייט. זיי מיינען אַז די רפואה וואָס זיי האַלטן פאַר גוט איז די איינציק מעגלעכע.

עס איז היינט קלאָר דאָס מאַרקס' אויספיר: סאָציאַליזם מוז קומען ווייל דער אַרבעטער וועט גאָרניט האָבן וואָס צו פאַרלירן אויסער זיינע קייטן, איז אַ פאַלשער אויספיר.

צוזאַמען מיט דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג האָט זיך אויך פאַר־בעסערט דעם אַרבעטערס לאַגע. אַן אַרבעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַ סך מער צו פאַרלירן ווי זיינע קייטן; אַ סך אַרבעטער קאָנען פאַר־לירן זייער געלט, זייערע הייזער, זייערע אויטאָמאָבילן און זייער פרייהייט.

ווייל מאַרקס האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען דעמאָקראַטיע איז געווען באַשרענקט, דעם אַרבעטערס רעכט איז געווען זייער באַגרענעצט, דער־פאַר האָט ער געקאָנט שרייבן אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט: „די אויספי־רונגס־מאַכט פון מאָדערנעם שטאַט איז ניט מער ווי אַ קאָמיטעט וועל־כער פאַרוואַלטעט די געמיינשאַפטלעכע געשעפטן פון דעם בורזשואַזנעם קלאַס". דער מאָדערנער שטאַט פון וועלכן מאַרקס רעדט איז היינט ניטאָ מער. דער היינטיקער מאָדערנער, דעמאָקראַטישער שטאַט פאַרוואַלטעט ניט נאָר די אינטערעסן פון בורזשואַזנעם קלאַס נאָר די אינטערעסן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג; געזעצן ווערן אָנגענומען ניט נאָר צום גינסטן די בורזשואַזיע נאָר אויך צום גינסטן די אַרבעטער.

אין מאַרקס' צייטן זיינען געווען אַזעלכע עקאָנאָמיסטן וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט ענדערן דעם סיסטעם צו פאַרבעסערן דעם אַר־

בעטערס לאַגע, זיי האָבן, מיט רעכט, געדענקט דאָס מיט דער אַנטוויק־לונג פון די אינדוסטריעס וועלן מוזן קומען אַרבעטער רעפאָרמען, וואָס וועלן פירן צו דער פאַרבעסערונג פון אַרבעטערס לאַגע. מאַרקס רופט זיי, מיט שפּאָט, בורזשואַזע סאָציאַליסטן. ער שרייבט: „אַ צווייטע, אַ ווייניקער סיסטעמאַטישע אָבער מער פּראַקטישע פאָרם פון סאָציאַליזם, זוכט אָפּ־צואוועדן דעם אַרבעטער־קלאַס פון יעדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, באַווייזנדיק, אַז נוצן קאָן ברענגען דעם אַרבעטער־קלאַס נאָר אַ פאַרענדע־רונג פון די מאַטעריעלע לעבנס־פאַרהעלטענישן, פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, אָבער ניט די אָדער יענע פּאָליטישע פאַרענדערונג". און מאַרקס גיט צו מיט איראָניע: „אונטער אַ פאַרענדערונג פון מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן פאַרשטייט דער סאָציאַליזם ניט חלילה די אָפּשאַפונג פון בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטענישן". — די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום — „וועלכעס איז מעגלעך נאָר אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן; עס מיינט, אַדמיניסטראַטיווע פאַרבעסערונגען, וואָס זאָלן פאָרקומען אויף דעם באָדן פון פּריוואַט־אייגנטום פּראָדוקציע; דאָס הייסט, אַזעלכע פאַרבעסע־רונגען וואָס זאָלן ניט ענדערן די איינשטעלונגען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, נאָר זאָלן אין בעסטן פאַל פאַרקלענערן די הוצאות פון דער בורזשואַזיע, פאַרגרינגערן איר מאַכט צו באַלעבאַטעווען אין דער מלוכה". אין אַ דעמאָ־קראַטיש־פרייַ לאַנד, וואו דער אַרבעטער איבט אויס, דורך פאַרשיידענע וועגן, זיין איינפלוס צו פאַרבעסערן זיין לאַגע זיינען מאַרקס' באַהויפּטונ־גען ניט ריכטיק.

דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט וואָס איז אָנגענומען ביי סאָציאַליסטן ווי אַ מין סאָציאַליסטישע תורה איז היינט אין די אויגן פון אַ מאָדערנעם עקאָנאָמיסט ניט קיין תורה נאָר אַן אַלטע פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז זייער גוט און קינסטלעריש געשריבן, נאָר שטימט נישט מיט אונדזער צייט און אונדזער לאָגיק.

5.

קאַרל מאַרקס האָט, אין זיין „קאַפּיטאַל" אויף וועלכן ער האָט גע־אַרבעט 25 יאָר, אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז סאָציאַליזם מוז קומען צוליב די פאָלגנדיקע אורזאַכן: די ערשטע אורזאַך איז, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס וועט ווערן וואָס אַמאָל קלענער, דער אָנגעזאַמלטער קאַפּיטאַל וועט אַריינפאַלן אין וואָס ווייניקער הענט, דער אַרבעטער־קלאַס וועט ווערן גרעסער, דער מיטלקלאַס וועט ניט קאָנען ביישטיין די קאָנקורענץ פון גרויס־קאַפּיטאַל און מוזן אַריינפאַלן אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט; דאָס

וועט פירן צו דעם, דאָס די אַרבעטער זאָלן מיט פּאַראייניקטע כוחות באַ־זיגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס. די צווייטע אורזאַך איז: וואָס קאַפּיטאַליזם איז אין תוך ניט מער ווי רויבעריי; דער קאַפּיטאַליסט רויבט פּשוט אַוועק די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער; קאָן דעריבער קיין רייד ניט זיין פון אַרבעטן צוזאַמען, פון דורכקומען דורך פאַרהאַנדלונגען; אַ רויבער מיט אַ באַרויבטן פירן ניט קיין פאַרהאַנדלונגען. די עקאָנאָמישע געזעצן וואָס אַרבעטן אין אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, פירן דערצו, דער אַרבעטער זאָל ווערן וואָס אַמאָל אָרעמער, אַרבעטן שווערער און ווערן מער אונטער־דריקט. די צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל פירט דערצו, די אַרבעטער זאָלן זיין צוזאַמען אין גרויסע מאַסן, וואָס וועט פּאַראייניקן און שטאַרקן די אַרבעטער־כוחות, און מעגלעך מאַכן פּטור צו ווערן פון קאַפּיטאַליסטישן רויבער. די דריטע אורזאַך איז: וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם איז ניט קיין סיסטעם נאָר אַ כאַאָס, די קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיע איז ניט פּלאַנירט, זי אַרבעט אַ פּאָר יאָר ביז עס קומט אַ קריזיס. די קריזיסן וועלן ווערן אָפטער און שווערער ביז עס וועט אַמאָל קומען צו אַזאַ גרויסן קריזיס, דאָס דער קאַפּיטאַליזם וועט מער ניט קאָנען אַרויס פון אים און וועט צוזאַמענברעכן. די פערטע אורזאַך איז: וואָס דער קאַפּיטאַליזם שאַפט אַליין דעם כוח וואָס וועט אים צעשטערן; דאָס מיינט, קאַפּיטאַליזם איז באַזירט אויף פּראָפיט. די נשמה פון קאַפּיטאַליזם איז געלט; און וואָס מער מען פּראָדוצירט אַלץ מער פּראָפיט און געלט. עס איז דערפאַר דאָ אַן אינערלעכער כוח וואָס שטויסט דעם קאַפּיטאַליסט צו פּראָדוצירן וואָס מער. פון פּראָדוצירן אַליין קאָן מען נאָך קיין פּראָפיט ניט מאַכן, מען דאַרף אויך עקספּלואַטירן און וואָס מער מען עקספּלואַטירט אַלץ מער פּראָפיט קאָן מען מאַכן. דער סוף וועט זיין, אַז דער קאַפּיטאַליזם, וואָס זיין נאַטור איז צו פּראָדוצירן וואָס מער, וועט אויסגעפונען, אַז ער האָט ניט גענוג קאָנסומערס פאַר זיין פּראָדוקציע, ווייל ער האָט שוין פּראָדוצירט אַ סך מער וויפיל עס איז נויטיק פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, און דער אַרבע־טער, וועמען ער עקספּלואַטירט איז צו אָרעם צו קויפן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן. אָפּשטעלן זיך קאָן ניט דער קאַפּיטאַליזם, דער גאַנצער געבוי זיינער מיט די גרויסע אויסגאַבן איז באַזירט אויף פאַרזעצן די פּראָדוק־ציע. אויב ער וועט ניט קאָנען אַנגיין מיט דער פּראָדוקציע, ווייל ער וועט ניט האָבן וועמען צו פאַרקויפן וועט דער קאַפּיטאַליזם אַליין דערוואָרגן ווערן פון זיינע אייגענע כוחות. דאָס איז, וואָס מאַרקסיסטן רופן, דער ווידערשפּרוך אין קאַפּיטאַליזם.

וואָלט עס פאַקטיש געווען פונקט ווי מאַרקס האָט געלערנט, וואָלט עס געפירט צו אַזעלכע רעזולטאַטן, ווי ער האָט דערפון גערדרונגען. און

היינט, הונדערט יאָר נאָך מאַרקסעס לערע וואָלט דער קאַפּיטאַליזם שוין לאַנג געווען טויט און פאַרגעסן. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז אָבער אַנדערש ווי מאַרקס האָט עס געזען, דערפאַר זיינען די רעזולטאַטן אויך אַנדערע.

מאַרקס האָט, ווי געזאָגט, פאָרמולירט זיינע אידעען אין אַ צייט ווען דעמאָקראַטיע האָט ניט עקזיסטירט, ווען דער פּאָליטישער כוח איז געלעגן אינגאַנצן אין די הענט פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, ווען יוניאָנס האָבן כמעט ווי ניט עקזיסטירט. עס איז געווען נאָך דער פאַרצוימונג פון לאַנד אין ענגלאַנד; ערד־אַרבעטער זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דער ערד; די גרויסע מאַסן אַרבעטער זיינען געווען הילפלאָז און פאַרצווייפלט; זיי האָבן זייער לעבן געמוזט אַוועקגעבן פאַר אַ שטיקל ברויט; אַרבעטס־הענט זיינען געווען ביליק, די עקספּלואַטאַציע איז געווען אָן אַ גרענעץ. דער קאַפּיטאַליזם האָט דאַן געהאַט גרויסע מעגלעכקייטן; דער קאַפּיטאַליסט איז געווען פריי, קיינער האָט אים ניט געשטערט אין דער פּראָדוקציע און די וועלט איז געווען אָפן פאַר אים. אין ענגלאַנד, וואו מאַרקס האט געלעבט האָט מען אָנגענומען די פּאָליסי פון דער „מאַנטשעסטער שול", אַ פּאָליסי פון „פריי האַנדל", אַלע לענדער זאָלן זיך פריי און אָפן פאַר אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, קיין שטערונגען זאָלן ניט געמאַכט ווערן, עס זאָלן ניט זיין קיין גרענעצן פאַר קאַפּיטאַליסטישער אויסשפּרייטונג. דער קאַפּיטאַליזם איז געווען אין זיין בליאונג; ער האָט ניט געהאַט קיין שטע־רונג ניט פון דעם אונטערגייענדיקן פעאָדאַליזם און ניט פון דעם הילפּ־לאָזן, שוואַכן פּראָלעטאַריאַט. ווען מען האָט דעמאָלט געוואָלט באַשטימען עקאָנאָמישע געזעצן, וואָס זאָלן אויך גילטן פאַר דער צוקונפט, האָט מען לייכט געקאָנט אַריינפאַלן אין פאַלשע אילוזיעס.

דער ערשטער וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן מאַרקסן איז געווען אַ מאַרקסיסט. זיין נאָמען איז געווען עדוואַרד בערנשטיין. ער איז געווען דער גרינדער פון די „רעוויזיאָניסטן", אַן אָפּטיילונג פון דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף רעווידירן מאַרקסעס טעאָריעס. בערנשטיין איז געווען אַ מאַרקסיסט. ער האָט געהאַלטן, אַז די רעזולטאַטן, וואָס מאַרקס האָט פאָראויסגעזאָגט, וועלן זיכער קומען. דער וועג אָבער וואָס מאַרקס האָט געזאָגט מען דאַרף גיין, דער רעוואָ־לוציאָנערער וועג, דאַרף זיין אַנדערש, ווייל דיווירקלעכקייט איז אַנדערש. מאַרקס האָט געזאָגט, אַז גרויס־קאַפּיטאַל וועט איינשלינגען קליין־קאַפּיטאַל, וועט איינשלינגען דעם מיטלקלאַס. דער מיטלקלאַס וועט אונטערגיין און אַריבערגיין צו די פּראָלעטאַריער. דאָס איז בלויז טיילוויז ריכטיק. עס איז ריכטיק, אַז גרויס־קאַפּיטאַל שלינגט איין אַ טייל פון מיטלקלאַס, דער

מיטלקלאַס גייט אָבער ניט אונטער, פּראָפּאָרציאָנעל פּאַרמערט ער זיך. מאַרקס האָט ניט געהאַלטן פון קאָלעקטיווע פּאַרהאַנדלונגען, אַז עס איז מעגלעך דאָס קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער זאָלן קאָנען קומען צו אַ פרידלעכן אויסגלייך. די טרעיד־יוניאָנס האָבן באַוויזן, אַז זיי קאָנען עס יאָ טאָן און מיט גרויס דערפאָלג. דער כאַאָס פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וואָס פירט צו קריזיסן איז יאָ עפּעס וואָס איז שווער צו באַשטרייטן. ביז היינט איז מען נאָך ניט פאַרזיכערט צי מען קאָן אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אויסמיידן קריזיסן. אַרבעטסלאָזע פאַרזיכערונג דאַרף זיין אַ גוט מיטל קעגן דעם. אויב אַרבעטער וועלן זיין פאַרזיכערט קעגן הונגער אין צייט פון אַ קריזיס, הערט דער קריזיס אויף צו זיין אַ טויטלעכע געפאַר פאַר קאַפּיטאַליזם. פאַרשטענדלעך, אַז מיט דעם מיטל קאָנען זיך נאָר באַנוצן די רייכע און אַנטוויקלטע לענדער... די פערטע אורזאַך, אַז קאַפּיטאַליזם מוז פּראָדוצירן וואָס מער און עקספּלואַטירן וואָס מער, און ער מוז צוליב דעם אַריינפאַלן אין זיין אייגענער פּאַסטקע, איז בלויז האַלב ריכטיק. ער מוז פּראָדוצירן וואָס מער, אָבער ער עקספּלואַטירט ניט וואָס מער, ער עקספּלואַטירט וואָס ווייניקער. דער אַרבעטער, מיט דער הילף פון דער יוניאָן און דער רעגירונג האָט גענוג כוח ניט צו ווערן איינגאַנצן קאָנטראָלירט פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און ניט ווערן צופיל עקספּלואַטירט.

די מיטלען פון פּראָדוקציע אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן, וואָס אַלע סאָציאַליסטן האַלטן דאָס פאַר דעם הויפּט־כוח פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, און וואָס מאַרקס האַלט אין איין באַטאָנען, אַז די אורזאַך פאַרוואָס די אַרבעטער מוזן ליידן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, איז, ווייל זיי האָבן ניט די מיטלען פון פּראָדוקציע האָט היינט ניט די באַדייטונג וואָס עס האָט געהאַט אַמאָל. אַמאָל האָבן נאָר רייכע מענטשן געהאַט געלט אין דער באַנק, קיין אַרבעטער האָט עס ניט געהאַט; היינט זיינען אין די פאַראייניקטע־שטאַטן, און מסתמאָ אויך אַנדערשוואו, דאָ אַרבעטער וואָס האָבן גענוג געלט זיך איינצושאַפן די מיטלען פון פּראָדוקציע — ניט צו ווערן אויטאָמאָביל־פאַבריקאַנטן, פאַרשטייט זיך, אָבער צו ווערן אייגנטימער פון די קלענערע אינדוסטריעס ביי וועלכע זיי אַרבעטן. אויב איינער האָט אַליין ניט גענוג געלט קאָן ער צונעמען אַנדערע אַרבעטער פאַר שותפים. פאַרוואָס אַזעלכע אַרבעטער ווערן ניט אויס פּראָלעטאַריער — אַ טייל ווערן עס יאָ — האָט גאָרניט צו טאָן מיט די מיטלען פון פּראָדוקציע. עס האָט צו טאָן מיט פעאיקייטן און אונטערנעמונגס־גייסט. ניינציק פּראָצענט פון די יידן וואָס זיינען געקומען קיין מעקסיקע, צענטראַל־ און זיד־אַמעריקע האָבן ניט געהאַט די מיטלען פון פּראָדוקציע

פונקט ווי די געבוירענע אַרבעטער אין יענע לענדער האָבן עס ניט געהאַט. נאָך אַ צוויי צענדליק יאָר זיינען אַלע יידן אין יענע לענדער געוואָרן סוחרים און פאַבריקאַנטן און די דאָרטיק געבוירענע אַרבעטער זיינען געבליבן אָרעמע אַרבעטער. וואָס זאָל עס באַדייטן, אַז די סאָציאַליסטיש־עקאָנאָמישע טעאָריעס זיינען ניט חל אויף די יידן וואָס קומען קיין אַמעריקע?

דער הויפּט־אַרגומענט פון מאַרקסן קעגן קאַפּיטאַליזם איז, וואָס די מיטלען פון פּראָדוקציע שטימען ניט מיט דער אַרבעט פון פּראָדוקציע. די אַרבעט פון פּראָדוקציע איז געזעלשאַפטלעך, ווייל הונדערטער און טויזנטער אַרבעטער זיינען פאַרזאַמלט אין די פאַבריקן, פאַראייניקט אין אַרבעט און נויט, זיי טוען צוזאַמען איין אַרבעט; די אַרבעט איז צעטיילט, איין אַרבעטער מוז אָנקומען צו אַ צווייטן ער זאָל פאַרענדיקן די אַרבעט; די אַרבעטער זיינען פאַראייניקט אין זייער אַרבעט און אין זייערע אינטע־רעסן. די פּראָדוקציע וואָס ווערט פּראָדוצירט איז אויך געזעלשאַפטלעך, ווערט אויסגעאַרבעט ניט פאַר אייגענעם געברויך נאָר פאַר דער געזעל־שאַפט. די מיטלען פון פּראָדוקציע אָבער, דער קאַפּיטאַל, אין וועלכן עס גייען אַריין געלט און מאַשינען איז ניט געזעלשאַפטלעך, איז אינדיווי־דועל, געהערט צו פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, וואָס קאָנען טאָן וואָס זיי ווילן; וואָס מיינט, אַז דער קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע איז אַן אינדיווי־דועלער. דאָס איז ניט נאַטירלעך, זאָגט מאַרקס: אין דער געשיכטע האָט זיך אַלע מאָל די אַרבעט פון דער פּראָדוקציע צוגעפּאַסט צו די מיטלען פון דער פּראָדוקציע; דער ווידערשפּרוך אין קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם מוז פירן צום אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם. דער פּראָלעטאַריאַט וואָס איז די מערהייט און פאַרטרעט די געזעלשאַפט וועט ניט וועלן ליידן, וואָס פּרי־וואַטע קאַפּיטאַליסטן האָבן דעם קאָנטראָל איבער זיי און איבער זייער אַרבעט, וואָס איז געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

די זאַך איז אָבער די, וואָס עס ליגט אין דער נאַטור פון קאַפּיטאַליזם, אַז דאָס וואָס די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן טאָן מוז זיין פאַר דעם בענעפיט פון דער געזעלשאַפט — דאָס איז אַן אַלטער כלל פון די קלאַסיקער־עקאָ־נאָמיסטן וואָס קאָן אויך היינט גילטן. פּריוואַטער קאָנטראָל קאָן ניט זיין אַנדערש, ווי פאַר דעם בענעפיט פון דער געזעלשאַפט, ווייל קאַפּיטאַליסטן פּראָדוצירן ניט פאַר זיך, זיי אַרבעטן אויס סחורות וואָס האָבן אַן אויס־טויש־ווערט, וואָס זיינען צו פאַרקויפן. זיי אַרבעטן פאַר פּראָפיט, און פּראָפיט קאָן נאָר זיין ווען מען פּראָדוצירט דאָס וואָס די געזעלשאַפט באַ־דאַרף און וויל קויפן. דער קאַפּיטאַליסט וואָס פּראָדוצירט ניט פאַר זיך נאָר פאַר דער געזעלשאַפט, קאָן ניט איגנאָרירן דעם ווילן פון דער געזעל־שאַפט; קומט ממילא אויס, אַז קאַפּיטאַליסטישער קאָנטראָל קאָן ניט

שטערן די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע. מאַרקס איז געווען גערעכט ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער סיסטעם דאַרף זיך צופּאַסן צו די מיטלען פון דער פּראָדוקציע. ער איז אָבער געווען אומגערעכט ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פּאַסט זיך ניט צו צו די קעגנווערטיקע מיטלען פון פּראָדוקציע. ווען מאַרקס וואָלט געווען גערעכט, וואָלט קאַפּיטאַליזם שוין לאַנג געווען אונטערגעגאַנגען. קיין סיסטעם וואָלט ניט געקאָנט עקזיסטירן דריי הונדערט יאָר ווען ער וואָלט זיך ניט צוגעפּאַסט צו די מיטלען פון פּראָדוקציע.

6.

דער קאָמוניסטישער סיסטעם האָט זיך גראָד אַריינגעפּאַסט אין די אַמאָליקע פּרימיטיווע צייטן, אַמאָל, ווען מיטלען פון פּראָדוקציע זיינען ניט געווען קאָמפּליצירט, ווען עס איז ניט געווען אַזאַ גרויסער אונטערשייד אין דעם וויסן פון איין מענטש און אַן אַנדערן — מען קאָן זאָגן, אַז אַלע זיינען געווען גלייך אומוויסנד — ווען די געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון קליינע גרופּעס — דער עקאָנאָמישער צושטאַנד איז געווען באַגרענעצט צו געציג און באַגרענעצטער פעלד־אַרבעט — האָט זיך צו זיי צוגעפּאַסט דער סיסטעם פון קאָמוניזם; אַלע האָבן געאַרבעט און זיך איינגעטיילט לויט די באַדערפענישן און לויט די מעגלעכקייטן. אין אַ קליינער גרופּע איז געווען זייער לייכט צו האָבן אַ קאָנטראָל איבער דער אַמאָליקער פּרימיטיווער עקאָנאָמיע.

היינט, ווען מענטשן לעבן ניט אין באַזונדערע גרופּעס נאָר אין לענדער, און אַ לאַנד קאָן באַשטיין פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן, איז פּשוט אוממעגלעך, אַז אַ רעגירונג זאָל קאָנען האָבן אַ ריכטיקן קאָנטראָל איבער אַזאַ אומגעהויער פאַרשפּרייטע און קאָמפּליצירטע עקאָנאָמיע. אַזאַ קאָנטראָל מוז פירן צו טאָטאַליטאַרישקייט אָדער רואינע. עס איז ראַטזאַמער און פּראַקטישער ווען עס זיינען דאָ צענדליקער טויזנטער פּריוואַט־אייגנטימער וואָס רעדן זיך איין, אַז אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן איז זייערס און היטן עס גוט אָפּ — אויף וויפל געהערט אַ פאַבריק צו אַ פאַבריקאַנט ווען די יוניאָן און די רעגירונג צווינגט אים צו צאָלן אַ העכערן געהאַלט, פאַרקירצן די שעהן, ניט קאָנען אָוועקשיקן אַן אַרבעטער און צאָלן פאַר אַרבעטער־פאַרזיכערונג? — דאָס וואָס אַ פאַבריקאַנט קריגט אַרויס פון דער פאַבריק מער געלט פאַר זיין פאַרברויך וואָלט ער געקראָגן ווען אפילו די רעגירונג וואָלט געווען אַ סאָציאַליסטישע און ער וואָלט געווען אַן אָנגעשטעלטער פון דער רעגירונג אָנצופירן מיט דער פאַבריק. דער קאָנטראָל

און די אָרדענונג איז פיל בעסער אונטער אַ פּריוואַט אייגנטימער, וואָס מוז אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד טאָן וואָס די געזעלשאַפט פאַרלאַנגט. אויב עפּעס איז ניט גוט, אויב טייל גרופּן ווערן געקריוודעט, איז עס ניט די שולד פון סיסטעם נאָר פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס אַרבעט ניט ווי גע־העריק. עס איז אָפטמאָל די שולד פון דער אומוויסנקייט פון די באַטרעפנ־דיקע מענטשן, אָדער גרופּעס, וואָס ווייסן ניט ווי אַזוי אויסצונוצן זייער דעמאָקראַטישע רעכט.

מאַרקס׳ טעאָריעס, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ צייט ווען דעמאָקראַטיע האָט כמעט ניט עקזיסטירט, אין בעסטן פאַל געווען זייער באַגרענעצט, האָבן געהאַט אַ זינען און געקאָנט האָבן אַ ווירקונג נאָר אין יענער צייט.

וועגן דער באַרימטער מאַרקס טעאָריע, דער דיאַלעקטישער מאַ־טעריאַליזם, וועל איך ברענגען אַ ציטאַטע פון איינעם פון די גרעסטע פילאָזאָפן אין אונדזער צייט, בערטראַנד ראַסל, אַ סאָציאַליסטיש געשטימ־טער מענטש, ער שרייבט: „איך האַלט, אַז מאַטעריאַליזם אין אַ געוויסן זין, קאָן זיין ריכטיק כאָטש עס איז ניט באַוואוסט, אַז עס איז אַזוי; דער עלעמענט פון דיאַלעקטיק, וואָס מאַרקס האָט גענומען פון העגעלן האָט אים געמאַכט צו קוקן אויף געשיכטע ווי אויף אַ ראַציאָנאַלן פּראָצעס, וואָס פאַקטיש איז עס אַזוי, זייענדיק איבערצייגט אַז אַלע ענדערונגען מוזן אין אַ געוויסן זין זיין פּראָגרעסיוו; וואָס האָט אים געגעבן אַ געפיל פון זיכערקייט אין באַצוג צו דער צוקונפט, פאַר וועלכן עס איז ניטאָ קיין וויסנשאַפטלעכע זיכערקייט; מאַרקסעס טעאָריע פון עקאָנאָמישער אַנט־וויקלונג קאָן זיין ריכטיק, אַפילו ווען זיין מעטאַפיזיק — וואָס מיינט די דיאַלעקטישע מעטאָדע — איז פאַלש, און פאַרקערט, די טעאָריע קאָן זיין פאַלש ווען אַפילו זיין מעטאַפיזיק זאָל זיין ריכטיק; ווען ניט די ווירקונג פון העגעל וואָלט מאַרקסן קיינמאָל ניט איינגעפאַלן אַז אַזאַ ריין עמפּירישער קעגנשטאַנד זאָל זיין אָפּהענגיק אין אַבסטראַקטער מעטאַפיזיק. אין באַצוג צו מאַרקסעס אויסטייטשונג פון געשיכטע, דאַכט זיך מיר, אַז עס איז אין אַלגעמיין ריכטיק און זייער אַ וויכטיקערביישטייער צו סאָציאָ־לאָגיע. איך קאָן פונדעסטוועגן ניט זאָגן, אַז אין אַלגעמיין גענומען איז עס אַזוי, איך בין ניט זיכער, אַז אַלע גרויסע היסטאָרישע ענדערונגען קומען פון רעגולערע אַנטוויקלונגען". קורץ, בערטראַנד ראַסל האַלט, אַז דער גאַנצער מכלומרשט וויסנשאַפטלעכער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם איז ניט מער ווי אַ מעטאַפיזישע אידעע.

איך קאָן נאָר צוגעבן, אַז מיט דער זעלביקער דיאַלעקטיש־מאַטע־ריאַליסטישער מעטאָדע וואָס מאַרקס האָט באַוויזן, אַז סאָציאַליזם וועט

קומען, ווייל סאָציאַליזם איז דער סינטעז, קאָן מען אויך באַווייזן, אַז קאַפּיטאַליזם איז דער סינטעז: מען קאָן אָננעמען דעם פּרימיטיוו־קאָמו־ניסטישן סיסטעם פאַר דעם טעזיס און דעם מאַנאַרכיסטיש אינדיווידועלן סיסטעם וואָס איז געקומען נאָכדעם ווי דער אַנטי־טעזיס און דעם דעמאָ־קראַטיש־קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם פאַר דעם סינטעזיס פון אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוויזם, וואָס האָט געמוזט קומען לויט דעם פּרינציפּ פון דיאַ־לעקטישן־מאַטעריאַליזם.

7.

פאַר איין זאַך דאַרף מען יאָ געבן קרעדיט מאַרקסן און די סאָציאַ־ליסטן, פאַר דעם וואָס זיי האָבן אַריינגעברענגט אַ רעוואָלוציאָנערן אימפּעט אין די אַרבעטער־מאַסן. זיי האָבן געוועקט די אַרבעטער צום קאַמף. ביז יענער צייט זיינען די אַרבעטער געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער קירכע, וואָס האָט די אַרבעטער איינגעשטילט און געמאַכט גלויבן, אַז אַלץ איז באַשערט; עס איז גאָטס ווילן אַזוי. אויב איינער איז רייך, אַ צווייטער אָרעם, קאָן מען זיך גאָרניט העלפן ווייל גאָט וויל אַזוי. די גרויסע מאַסן־אַרבעטער וואָס האָבן אָנגעפילט די קירכעס האָבן שלום געמאַכט מיט זייער גורל. מאַרקס און די סאָציאַליסטן האָבן אויפגעשטו־רעמט די אַרבעטער־מאַסן, זיי האָבן באַוויזן, אַז די רעליגיעזע פירער, וואָס פּרעפּלען גאָטס וואָרט, זיינען פאַרקויפט צום קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס צאָלט זיי פאַר דעם, זיי זאָלן איינשטילן די מאַסן. עס איז פאַלש, האָבן די סאָציאַליסטן געזאָגט, אַז גאָט וויל איינער זאָל זיין אָרעם און אַ צווייטער רייך. אויב עס איז דאָ אַ גאָט איז ער זיכער קעגן די רייכע, וואָס זויגן דאָס בלוט פון די אָרעמע. לויט די ביבל, איז גאָט שטאַרק אויפגעבראַכט אויף די רייכע, וואָס טאָן אומרעכט צו די אָרעמע.

די אַגיטאַציע פון די סאָציאַליסטן האָט ניט געווירקט, אַז אַלע אַר־בעטער זאָלן ווערן סאָציאַליסטן. עס האָט אָבער געווירקט אַרויסצורופן אַ רעוואָלוציאָנערע שטימונג און אויפוועקן די אַרבעטער צו קעמפן קעגן זייערע אונטערדריקער. די סאָציאַליסטן האָבן זייער אַ סך אָפּגעשוואַכט דעם איינפלוס פון דער קירכע.

אויף אַזוי פיל איז די סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישע באַוועגונג גע־ווען אַ שעפערישער כוח אין דער אַרבעטער־וועלט. פאַר דעם בעסערן לעבן וואָס די אַרבעטער האָבן דערגרייכט אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם האָבן זיי אַ סך צו דאַנקען די סאָציאַליסטן און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

8.

מאַרקס האָט קיין פּאָליטישע־עקאָנאָמיע ניט אויפגענומען אין זיינע שול־יאָרן. ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע. ערשט ווען ער איז געקומען קיין פּאַריז, ווען פּרודאָן האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן זיין בוך „וואָס איז אייגנטום" און איז געוואָרן באַרימט, און מאַרקס האָט דערזען, אַז עקאָנאָמישע וויסנשאַפט איז אַ גרויסער ענין, האָט ער זיך גענומען צו דעם. מאַרקס איז אין עקאָנאָמישער וויסנשאַפט געווען אַן אויטאָדידאַקט.

מאַרקס איז געווען אַ גוטער רעדנער, אַ טאַלאַנטפולער שרייבער, אַ שאַרפער פּאָלעמיקער, אַן אָרגאַניזאַטאָר און אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. צוליב די אַלע מעלות האָט ער געקריגן אַ סך פּאַרערער, אַ סך חסידים. מאַרקס האָט וואַרשיינלעך געהאַט אייגנעבוירענע יידישע אייגנשאַפטן פון וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען. ער האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ רבין און אויף די פּאַרערער ווי אויף זיינע חסידים. ווען מען האָט זיך צוגעהערט און געווען באַגייסטערט פאַר אים איז ער געווען צופרידן, טאָמער האָט אימיצער געוואָלט האָבן זיין אייגענעם וועג, האָט עס אים גע־עו־גערט. ער האָט זיך צוקריגט מיט לאַסאַלן בלויז צוליב דעם, ווייל לאַסאַל, וואָס איז געווען טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג.

דער קאַמף קעגן באַקונינען האָט מאַרקסן קיין כבוד ניט צוגעגעבן. מאַרקס און זיין צד האָבן פּשוט געמאַכט בלבולים אויף באַקונינען. מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ שווינדלער, פאַר אַ געלט־אויספּרעסער און פאַר אַ צאַרישן שפּיאָן. מאַרקס האָט אויסגעפירט: מען האָט באַקונינען אויס־געשלאָסן פון אינטערנאַציאָנאַל.

די דערקלערונג וואָס באַקונין האָט געמאַכט נאָכדעם, ווען מאַרקס האָט אים באַזיגט איז אינטערעסאַנט. „זאָל איך זיך מודה זיין אויף די אַלע בלבולים", פרעגט באַקונין און זאָגט: „פון דעם אַלעם וואָס איז געשען בין איך געוואָרן שרעקלעך אַנטוישט אין מענטשן און אין געזעלשאַפטלע־כער אַרבעט. איך האָב עס שוין געהאַט גענוג. נאָכדעם ווי מיין גאַנץ לעבן איז אַוועק אין קאַמף בין איך שוין מיד פון דעם. איך בין זעכציק יאָר אַלט, מיט אַ קראַנק האַרץ, וואָס ווערט וואָס אַמאָל ערגער, וואָס מאַכט מיין לעבן וואָס אַמאָל שווערער. זאָלן אַנדערע, יינגערע איבערנעמען די אַרבעט. איך פיל, אַז איך האָב ניט מער די כוחות און אויך ניט דעם צוטרוי וואָס מען דאַרף צו קאָנען כסדר אָנגיין אין קאָלערן דעם סיסיפוס שטיין. איך צי זיך צוריק און בעט פון מיינע טייערע מיטמענטשן בלויז איין זאַך, מען זאָל מיך פאַרגעסן. איך וועל מער קיינעם ניט באַלעסטיקן און איך בעט, אַז אויך מיך זאָל מען לאָזן לעבן אין פרידן".

די פּשוטע און ערלעכע ווערטער וואָס זיינען דאָן געווען געדרוקט אין דער פּרעסע האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

ווען מאַרקס איז געוואָרן באַקאַנט מיט דעם נייעם שטודיום, מיט וועלכן ער האָט זיך איצט פאַרנומען, מיט פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווען ער האָט זיך שוין געהאַט באַקאַנט מיט די קלאַסישע עקאָנאָמיסטן, ווי סמיט, ריקאַרדאָ און אַנדערע, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז עס איז דאָ אַן אַנדערער וועג, אַ נייער וועג אויף וועלכן די קלאַסישע עקאָנאָמיסטן זיינען ניט געגאַנגען; דאָס איז דער סאָציאַליסטישער וועג. און די וואָס זיינען יאָ געגאַנגען אויף דעם וועג האָבן געהאַט אַ פאַלשן צוגאַנג. מאַרקס האָט דערפילט, אַז ער האָט דעם ריכטיקן וועג, דעם סאָציאַליסטישן און דעם ריכטיקן צוגאַנג, דעם וויסנשאַפטלעכן. דאָס וועט זיין אַ נייע תורה, וואָס ער וועט ברענגען דער וועלט. מאַרקס האָט ניט געהאַלטן בסוד זיין נייע תורה; ווי אַלעמאָל האָט ער זיך געטיילט מיט ענגעלסן. אַלע זיינע פאַרערער האָבן באַלד אויסגעפונען, אַז מאַרקס האָט אַ נייע טעאָריע וואָס וועט באַווייזן דאָס סאָציאַליזם איז ניט אַ מאָראַלישע אידעע נאָר אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. און דער קאַפּיטאַליזם מיט זיינע ווידערשפּרוכן טראָגט אַליין אין זיך דעם כוח וואָס וועט אים פאַרניכטן. די נייע תורה, האָבן מאַרקס און ענגעלס פאַרזיכערט, וועט צונישט מאַכן אַלע פריערדיקע עקאָנאָמישע טעאָרעטיקער. און די וועלט, איבערהויפּט די אַרבעטערוועלט, וועט שטורמען מיט באַגייסטערונג.

עס האָט זייער לאַנג גענומען, מער ווי פינף און צוואַנציק יאָר ביז מאַרקס איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם ערשטן באַנד פון זיין נייער תורה. דער ערשטער באַנד פון „קאַפּיטאַל" איז אַרויס אין 1867. מאַרקס איז שוין דעמאָלט אַלט געווען ניין און פופציק יאָר. ער איז מער ניט געווען קיין געזונטער מענטש. ער האָט געליטן פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן, איבערהויפּט פון אַ לעבער־קראַנקייט.

ווען דער ערשטער באַנד פון „קאַפּיטאַל" איז אַרויס האָבן מאַרקס, ענגעלס און אַלע זייערע פאַרערער געוואַרט אויף דעם שטורעם וואָס דאָס בוך וועט אַרויסרופן ביי אַלע עקאָנאָמיסטן־טעאָרעטיקער, איבערהויפּט ביי די קאַפּיטאַליסטישע טעאָרעטיקער. ווייל דאָס בוך איז דאָך פאַקטיש אַ טויט־אורטייל אויף דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. עס איז אָבער געווען שטיל, אַחוץ ענגעלס אַליין, וואָס האָט געשריבן אונטער פאַרשידענע נעמען, און נאָך אַ פּאָר איינציגע מענטשן, האָט קיינער וועגן דעם בוך ניט געשריבן. די געלערנטע עקאָנאָמיסטן פון יענער צייט האָבן פּשוט געהאַלטן, אַז דאָס בוך איז ניט נאָר ניט קיין וויסנשאַפטלעך בוך נאָר עס איז ניט קיין וויכטיק בוך. זיי האָבן זייער ווייניק געהאַלטן פון מאַרקס'

פּילפּול, וועגן ווערט און מער־ווערט, וואָס איז ניט געווען ניי. זיי האָבן עס אָנגענומען פאַר אַ דילעטאַנטישע אַרבעט, וואָס האָט ניט די ווערט מען זאָל זיך מיט דעם אָפּגעבן. מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך זייער געערגערט צוליב דעם. זיי האָבן עס אויסגעטייטשט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פאַרקויפ־טע נשמות טוען עס, ווייל זיי זיינען שונאים פון אַרבעטער־קלאַס און זיי ווילן ניט די וועלט זאָל זיך דערוויסן פון דעם בוך. שפּעטער, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געוואַקסן און דאָס בוך האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן האָבן זיך שוין יאָ געפונען געלערנטע עקאָנאָמיסטן, וואָס האָבן געשריבן וועגן בוך און עס שטאַרק אַראָפּגעריסן. זיי זיינען ניט געווען קעגן סאָציאַליזם. זיי זיינען געווען קעגן מאַרקסן אַלס אויטאָריטעט אין עקאָנאָמישער וויסנשאַפט.

באַהם באַווערק, אַ געלערנטער עקאָנאָמיסט, אַן אויטאָריטעט פון דער עסטרייכישער שולע האָט אויפגעוויזן, אַז מאַרקס האָט זיך ווידערשפּראָכן. ער האָט אין דריטן באַנד געזאָגט דאָס פאַרקערטע וואָס אין ערשטן באַנד. אין ערשטן באַנד זאָגט מאַרקס, אַז אַרבעטס־צייט איז דער איינציקער קאָנטראָלירנדיקער כוח פאַר ווערט און טויש־ווערט און אין דריטן באַנד זאָגט ער, אַז סחורות מוזן ווערן אויסגעטוישט פּראָפּאָרציאָנעל אַנדערש ווי עס איז די אַרבעטס־צייט, וואָס איז אינקאָרפּאָרירט אין זיי. איינער פון די גרעסטע עקאָנאָמיסטן אין זיין צייט, ווערנער סאָמבאַרט, אַ פּראָפּע־סאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָס איז ניט געווען קעגן סאָציאַליזם האַלט, אַז מאַרקסעס עקאָנאָמישע טעאָריעס צעפאַלן זיך ווען מען נעמט זיי אַנאַליזירן. ער שרייבט: „די מערסטע וואָס וועלן לייענען דעם דריטן באַנד פון „קאַפּיטאַל" וועלן ניט זיין גענייגט צו באַטראַכטן דעם אויספיר פון דעם פלאָנטער פון דורכשניטלעכן אויסגלייך פון פּראָפיט, פאַר אַן אויס־וועג. זיי וועלן דענקען דער קנופּ איז געוואָרן איבערגעהאַקט אָבער אויף קיין פאַל ניט פאַראייניקט. אויב מאַרקס קומט צום אויספיר, אַז דער פּראָ־פיט ווערט באַשטימט לויט דעם קאָסט פון פּראָדוקציע טאָ נאָך וואָס דער גאַנצער טאַראַראַם מיט די טעאָריעס פון ווערט און מער־ווערט". דאָקטאָר דעירינג, אַ פּראָפעסאָר אין בערלינער אוניווערזיטעט, אַליין אַ באַרימטער סאָציאַליסט, האָט געשריבן קעגן מאַרקסיזם. ער האָט מאַרקסעס טעאָריעס צעגלידערט און אָנגעוויזן: אַז דאָס „קאַפּיטאַל" איז פּאַרטייאישער פּילפּול, אימפּאַטענט זיך צו קאָנען קאָנצענטרירן אין אַ לאָגישן סדר, פאַרקריפּלטע געדאַנקען און שלעכטער סטיל, פיל מיט איינרעדענישן און כיטרע, אויס־געליידיקטע קאָצעפּציעס וואָס זיינען פאַקטיש ניט מער ווי ממזרים פון היסטאָרישע און לאָגישע פאַנטאַזיעס, אָפּנאַרערישע דריידלעך, פילאָזאָ־פישע און וויסנשאַפטלעכע צוריקגעשטאַנענקייט". דאָס איז וואָס דאָקטאָר

דעירינג, איינער פון די גרויסע געלערנטע אין עקאָנאָמישער וויסנשאַפט און אַ סאָציאַליסט האָט געדענקט וועגן מאַרקסעס קאַפּיטאַל. דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. ענגעלס האָט נאָכדעם אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך וואָס הייסט טאַקע „אַנטי דעירינג" צו פאַרטיידיקן מאַרקסן.

היינט דאַרף מען זיך מער ניט פּילפּולען וועגן דער וויסנשאַפטלעכ־קייט פון מאַרקסיזם, פאַקטן זיינען וויכטיקער פון טעאָריעס, היינט ווייסן אַלע, אַז אין די לענדער וואו דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך זייער שטאַרק אַנטוויקלט לעבט זיך דעם אַרבעטער צום בעסטן און די אַרבעטער האָבן ניט בדעה צו ענדערן דעם סיסטעם, גראָד אין די צוריקגעשטאַנענע לענ־דער איז יאָ דאָ אַ נייגונג צו רעוואָלטירן. זיי ווילן אַזאַ סיסטעם וואָס זאָל קאָנען דערגרייכן צו דעם וואָס די קאַפּיטאַליסטיש־אַנטוויקלטע לענדער האָבן דערגרייכט. דער חלום פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַלע מאָל געווען און איז נאָך היינט צו טאָג צו דערגרייכן דאָס וואָס פאָרד און די אַרבעטער פון פאָרד האָבן דערגרייכט.

אין גאַנג פון היסטאָרישע פאַקטן זעט דער גלויבן אין מאַרקסיזם אויס ווי גלויבן אין כישוף.

די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציעס וואָס ווערן היינט געמאַכט אין אַזיע איז ניט אַראָפּצואוואַרפן קאַפּיטאַליזם, ווייל דאָרט איז ניטאָ קיין קאַפּיטאַליזם, עס איז צו קאָנען דערגרייכן דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן דערגרייכט.

סאָציאַליזם און די אינטעליגענץ

עס איז מערקווירדיק, וואָס כאָטש סאָציאַליזם איז אַן אַרבעטער־אידעאַל, אַלע טעאָריעס וועגן סאָציאַליזם דרייען זיך אַרום דעם אָרעמען, עקספּלואַטירטן אַרבעטער, זיינען אָבער פון דעם אידעאַל פאַרכאַפּט געוואָרן ניט די אַרבעטער נאָר די אינטעליגענץ. די גרויסע מאַסן אַרבעטער האָבן איגנאָרירט דעם סאָציאַליזם. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די טרעיד־יוניאָנס. די אינטעליגענץ האָט אויפגענומען סאָציאַליזם ווי אַ גרויסן אידעאַל. אַ ניי ליכט האָט פאַר זיי אויפגעלויכטן. סאָציאַליזם איז געוואָרן זייער רעליגיע.

אַ רעליגיע פאָדערט קרבנות. אויך פאַר סאָציאַליזם האָט מען מקריב געווען קרבנות. אין רוסלאַנד האָבן די סאָציאַליסטן אַרויסגעפירט מענטשן צו אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס איז פּאַקטיש געווען, ניט מער ווי אַ מין גאָטעסדינסט, אין דער צייט וואָס מען האָט געוואוסט, אַז עס זיינען אָנגע־גרייט סאָלדאַטן צו שיסן אויף די דעמאָנסטראַנטן. מען האָט פּשוט מקריב געווען מענשלעכע לעבנס צום פּראָלעטאַרישן גאָט. עס זיינען געווען אַזעל־כע וואָס האָבן זיך אַליין מקריב געווען.

עס איז שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס יונגעלייט פון רייכע עלטערן, וועלכע עס איז פאַרגעשטאַנען גוטע קאַריערעס, האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע רייכע היימען, געוואָרן סאָציאַליסטן, איינגעשטעלט זייערע לעבנס, גע־ענדיקט אָפט אין סיביר אָדער אויף דער תליה. ווען רעליגיעזע מענטשן טוען עס, האָט עס אַ זין. עס איז רעליגיע, געטלעכקייט, אַ לעבן נאָכן טויט. מקריב זיין זיך פאַר גאָט האָט מער ווערט, ווי אַ מענטשלעך לעבן. פאַרוואָס זאָל אַ פרייער מענטש אַוועקגעבן זיין לעבן פאַר אַזאַ איינפאַך מאַטעריאַליסטישע אידעע, וואָס באַצוועקט בלויז צו פאַרבעסערן דעם אַר־בעטערס לאַגע? ווען אַרבעטער ווערן אויפגערעגט צו אַזאַ מאָס, דאָס זיי זיינען גרייט איינצושטעלן זייער לעבן קעגן זייערע אונטערדריקער, איז עס פאַרשטענדלעך. זיי ריזיקירן זייער לעבן פאַר אַ ממשותדיקער זאַך — זיי קאָנען ניט מער פאַרטראָגן די צרות. פאַרוואָס זאָל אַ מענטש וואָס ליידט ניט אַליין, בלויז צוליב אַ צווייפלהאַפטע אידעע — יעדע אידעע מוז זיין אַ ביסל צווייפלהאַפט — זיך אַריינאַרבעטן אין אַזאַ צושטאַנד, ער זאָל גרייט

זיין אָוועקצוגעבן זיין לעבן. אַ סך פון די מענטשן, וואָס זיינען אין זייער יוגנט געווען גרייט מקריב צו זיין זייערע לעבנס פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, קוקן דערנאָך, אין זייערע רייפערע יאָרן, אויף דעם ווי אויף קינדערשע נאַרישקייטן, טייל שטאָלצירן מיט דעם, אַנדערע האָבן ממש חרטה.

מען קאָן דאָס פאַרשטיין נאָר, ווען מען פאַרשטייט דעם תוך פון רעליגיע.

רעליגיע איז ניט נאָר אַ טעאָלאָגישע אָדער פילאָזאָפישע אידעע, אַ דראַנג צו פאַרענטפערן פראַגן וועגן וועלט־שאַפונג, וועגן לעבן און טויט, וואָס פריער, וואָס שפּעטער. די גרויסע מאַסן אינטערעסירן זיך ניט מיט די פראַגן. רעליגיע איז ניט נאָר אַ מאָראַלישע אידעע וועגן גוטס און שלעכטס, צדיקים און רשעים, שטראָף און פאַרגיטיקונג, די וועלט און יענע וועלט... די געטער פון די געצנדינערישע רעליגיעס זיינען אַליין געווען גרויסע רשעים. אין די צייטן פון די ביבל האָבן יידן ניט געגלויבט אין אַ יענער וועלט, אין אַ לעבן נאָכן טויט.

רעליגיע איז אַ לעבנס־שטייגער וואָס פאַרנעמט זיך מיט אויספילן די ליידיקייט אין מענטש. ליידיקייט איז אַ שווערע משאַ וואָס קאָן דעם מענטש דערדריקן. אויסגעליידיקטע צייט איז סם, איז אַ תהום וואו דער מענטש קאָן פאַרזונקען ווערן אין אַ גייסטיקן תהו ובוהו.

רעליגיע איז געקומען ראַטעווען דעם מענטש פון אָט־דער פלאָג. און האָט אים געראַטעוועט. רעליגיע איז ניט געקומען מיט אין אַבסטראַק־טע טעאָלאָגישע אידעע נאָר אַ רעאַלן גאָט, אַ מענטשן־ענלעכער גאָט, ווי די ביבל זאָגט: „אין גאָטס פאַרעם איז דער מענטש באַשאַפן", מיט אַ גאָט וואָס מען דאַרף אים דינען. און דאָס דינען איז געווען דער עיקר. „מלא כל הארץ כבודו", — די וועלט איז אויסגעפילט מיט גאָט. גאָט איז אַרום דיר און אין דיר. גאָט איז אַרום דיר האָט געזאָגט דער נביא, גאָט איז אין דיר — האָט געזאָגט דער פילאָזאָף. דער צוועק איז געווען דער זעלביקער: אויספילן די ליידיקייט. אין דער מאָדערנער צייט איז געקומען צו אַן איי־בערברוך אין דעם גייסטיקן לעבן פון אינטעליגענטן מענטש און אין זיין באַציאונג צו רעליגיע. רעליגיע ווי זי ווערט פּראַקטיצירט איז געוואָרן פאַר אים צו פרימיטיוו. פונקט ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, אין אָנהויב פון דער קריסטלעכער עפּאָכע איז די געצנדינערישע רעליגיע געוואָרן צו פרימיטיוו פאַר דעם אַמאָליקן אינטעליגענטן מענטש. וואָס רעליגיע שטעלט מיט זיך פאַר היינט איז פאַר דעם היינטיקן אינטעליגענט קינדיש־נאַאיוו און אָפּטמאָל נאָך ערגער, אומערלעך און קאָרופּט. ער קאָן ניט מיטגיין.

רעליגיעזע אינסטיטוציעס, איינגעפונדעוועטע פון יאָרן האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט אַ טרייסל געגעבן. לוטהער אין דייטשלאַנד, עראַסמוס אין האָלאַנד, קאַלווין אין דער שווייץ, יאָהאַן הוס אין פּראַג, די פּראָטעס־טאַנטן אין ענגלאַנד, די הוגענאָטן אין פראַנקרייך, די אַלע האָבן צעטרייסלט דעם הייליקן טראָן אין רוים. די זינדיקע פּאַבסטן האָבן אויך צוגעהאָלפן פאַרשוועכן די הייליקייט פון רעליגיע. פאַר דעם אינטעליגענטן מענטש האָט רעליגיע אויפגעהערט ווערן אַ זייל אַנצולענען זיין מידע נשמה. די מאַסן פילן נאָך אַלץ אַן די קירכעס און די סינאַגאָגעס, דער אינטעליגענט בלייבט אין דרויסן. אויב ער גייט אַריין אין אַ קירכע, איז בלויז צו באַ־וואונדערן דאָרט די קונסט ; אויב אַ יידישער אינטעליגענט גייט אַריין, אין אַ שוואַכן מאָמענט, אין אַ שול איז בלויז אַרויסצוקומען אַן אַנטוישטער און זיך נאָכאַמאָל איבערצייגן, אַז ער געהערט ניט דאָרטן.

וואָלטעיר איז געוועזן פון די סאַמע ערשטע, וואָס האָט דעם אינטעלי־גענט אַרויסגעשלעפּט פון דעם באַרג פון טעאָלאָגישע חקירות און פאַר־אורטיילן. ער האָט מיט זיין „פילאָזאָפיע פון געשיכטע" אוועקגעשטעלט דעם גאַנג פון געשיכטע אויף אַ נאַטירלעכן באָדן. וואָלטעיר האָט אַרויסגע־פירט דעם אינטעליגענט פון דער קירכע און אים ווי געזאָגט : דאָרט איז ניט קיין פּלאַץ פאַר דיר. לויט באָקל האָט וואָלטעיר געלייגט דעם גרונט פאַר דער מאָדערנער היסטאָרישער וויסנשאַפט. ער האָט, מיט זיין סאַר־קאַזם און מיט זיין חוזק־שמייכל וואָס איז ניט אַראָפּ פון זיין פּנים, מבטל געמאַכט די רעליגיעז־טעאָלאָגישע פילאָזאָפיע און געעפנט אַ טיר פאַר אויפקלערונג, פאַר דער צייט פון פאַרשטאַנד. וואָלטעיר, זשאַן זשאַק רוסאָ און די ענציקלאָפּעדיסטן אין פראַנקרייך, לייבניץ, העגעל און פייערבאַך אין דייטשלאַנד, גאַלילעאָ, קעפּלער, ניוטאָן, דאַרווין און טאָמאַס פּעין האָבן געעפנט אַ נייע טיר, אַ טיר וואָס האָט געפירט צו דער „וועלט פון פאַר־שטאַנד". עס איז די אינטעליגענץ, אויסגעליידיקט פון יעדן גייסטיקן אינהאַלט, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די נייע פילאָזאָפישע און וויסנ־שאַפטלעכע טעאָריעס. די אידעע פון מאַטעריאַליזם איז געוועזן ניי און מאַגנעטיש. סאָציאַליזם האָט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון אַ היפּאָקריטישער וועלט און עס האָט פאַרכאַפּט. אַ טריפהנע וועלט איז עס געווען. די קריסט־לעכע רעליגיע, אַ רעליגיע פון רחמנות און ערלעכקייט, וואָס האָט באַדאַרפט אַפּעלירן צו דער נשמה פון מענטש איז געוועזן ליגנעריש, פאַרזונקען אין זינד, פאַרפעסטעט פון ענגהאַרציקייט און געדינט דעם באַדריקער ; איז געקומען מאַרקס, אָן צערעמאָניעס אַ געשריי געטאָן : עס איז סם, רעליגיע איז אָפּיום ! און אַ שפּיי געטאָן. די אינטעליגענץ האָט אים אַפּלאָדירט, זיי האָבן אויך אַזוי געפילט.

די וויסנשאַפט האָט אַ דריי געטאָן מיט דער וועלט אין דער צייט פון קופּערניק און גאַלילעי. אַ וועלט וואָס דרייט זיך האָט אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג פאַר דעם נייעם קאַלטן איבערברוך, אַ וועג צו מאַטעריאַליזם. דאַר־ווינס נייע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען מיט דעם קאַמף פאַרן דאָ־זיין האָט צוגעהאָלפן מאַרקסן אין זיין היסטאָרישן־מאַטעריאַליזם. דער אמת פון סאָציאַליזם האָט אויסגעזען פעסט און זיכער.

סאָציאַליזם, וואָס איז ניט מער ווי אַ סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכער מאַטעריאַליסטישע טעאָריע האָט געגעבן אַ ריר די נשמה פון דעם אינטע־ליגענט. אויף דעם סאָציאַליסטישן וואָגן האָט מען געקאָנט אַרויפלייגן אַ סך מאָראַלישע און יושרדיקע פּרינציפּן וועגן פרייהייט און גערעכטיקייט. עס איז געווען אַ גרויסער וואָגן מיט אַ ברייטער פּלאַטפאָרמע, וואָס האָט געקאָנט אַ סך פאַרטראָגן. די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ האָט זייער אַ סך אַרויפגעפּאַקט אויף דעם סאָציאַליסטישן וואָגן ביז פון דער מאַטעריאַ־ליסטישער טעאָריע איז געוואָרן אַ נייער גלויבן, אַ נייע רעליגיע.

מאַרקס איז געוואָרן דער נביא פון דער נייער רעליגיע. זיין מאַ־טעריאַליזם, אַ ניי ליכט צו באַלייכטן געשיכטע. זיין סאָציאַליזם — אַן אידע־אַל פאַר דער צוקונפט.

פאַרוואָס דער מאַטעריאַליסט מאַרקס איז געוואָרן אַ נביא פון אַ נייער אידעאַליסטישער, כמעט רעליגיעזער באַוועגונג, וואָס איז גרייט געווען פאַר קרבנות, איז ניט געווען זיין שולד; עס איז געווען די שולד פון דער צייט; די שולד פון די וואָס האָבן זיך געגויטיקט אין אַ גייסטיקן אינהאַלט, וואָס האָבן ניט געקאָנט לעבן בלויז מיט קאַלטע טרוקענע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס.

אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען האָבן ניט געהאַט צו טאָן מיט טעאָריעס פאַר דער צוקונפט נאָר מיט דעם היינט. מיט אַ באַלדיקער ענדערונג. די שקלאַפן האָבן געקעמפט פאַר זייער באַלדיקער באַפרייאונג; די בורזשואַזיע האָט געקעמפט צו קריגן מער פּאָליטישע פרייהייט באַלד. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז די איינציקע וואָס האָט געהאַט אַ טעאָריע פאַר דער צוקונפט, וואָס האָט ניט געקאָנט באַלד פאַרווירקלעכט ווערן, ווייל די צייט איז נאָך ניט געווען רייף. מאַרקס האָט זיין סאָציאַליסטישע טעאָריע אַוועקגעשטעלט לויט אַ פּלאַן, וואָס וועט מוזן פאַרווירקלעכט ווערן שפּע־טער.

אויב עס האַנדלט זיך וועגן דער צוקונפט מוז שוין אין דעם זיין אַ פונק פון נביאות. אָט די נביאות איז שולדיק געווען אין דער רעליגיעזער, אָפּטמאָל פאַנאַטישער באַוועגונג וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום סאָציאַליזם.

אַ נייע רעליגיע וועגן גאָט און זיין באַשאַפונג האָט זיך מער ניט אַריינגעפּאַסט אין דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער צייט. אַ נייער אידעאַל וועגן אַ בעסערער גערעכטערער וועלט, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף וויסנ־שאַפטלעכע יסודות, דאָס איז געווען וואָס דער אינטעליגענטער מענטש האָט באַדאַרפט. מענטשן זאָל עס נאָר פאַרשטיין; מיט לייב און לעבן האָט דער סאָציאַליסט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו געבן מענטשן צו פאַרשטיין, אַז עס קומט אַ נייע וועלט, אַ סאָציאַליסטישע וועלט.

דער כוח פון סאָציאַליזם איז ניט געלעגן אין דעם אמת פון דער טעאָריע, ניט אין דער וויסנשאַפטלעכקייט, דער כוח איז געלעגן אין דעם, וואָס דער סאָציאַליזם האָט אויסגעפילט דעם מאָראַלישן חלל; די ליידיקייט וואָס איז געבליבן נאָכדעם ווי די וויסנשאַפט האָט צעטרייסלט די רעליגיע־זע יסודות. עס איז געווען די צייט פון דאַרווין, וואָס האָט מיט זיין „אָפּ־שטאַמונג פון מינים" און „די איבערלעבונג פון די שטאַרקע", געמאַכט אַ תל פון רעליגיעזער און מאָראַלישער איינגעוואָרצלטקייט. דער אינטעלי־גענטער מענטש האָט זיך דערפילט אויסגעליידיקט און פאַרלוירן, ווי די געצנדינער אין דער צייט פון קריסטוס, ווייל געצנדינעריי האָט זיך מער ניט אַריינגעפּאַסט אין דעם מער־אַנטוויקלטן, ראַציאָנאַלן לעבן פון די פעלקער, מען האָט מער ניט געקאָנט מקריב זיין מענטשן פאַר געטער, מען האָט באַדאַרפט אַ נייע רעליגיע, וואָס דער ציוויליזירטער מענטש זאָל עס קאָנען אָננעמען; זיי האָבן עס געפונען אין דער נייער קריסטלעכער רעליגיע וואָס איז פּאַקטיש געווען די יידישע רעליגיע, אַביסל רעפאָר־מירט — זי זאָל זיך צופּאַסן צו אַנדערע פעלקער; די אינטעליגענץ האָט עס געפונען אין סאָציאַליזם.

די אורזאַך פאַרוואָס סאָציאַליסטן האָבן אַזוי שטאַרק באַקעמפט רע־ליגיע קאָן זיין איז, ווייל סאָציאַליזם האָט געוואָלט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון רעליגיע.

טרעיד־יוניאָנס

דער אַרבעטער, וואָס האָט געפילט אויף זיינע פּלייצעס די גאַנצע משא פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, האָט ניט געגלויבט, אַז אָט קומט די רעוואָלוציע וואָס וועט אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם און אים באַפרייען פון זיין נויט. ער האָט אויך קיין גלויבן ניט געהאַט אין דער אידעע פון אַ וועלט אָן קלאַסן, אַ וועלט וואו אַלע וועלן לעבן גלייך. די טעאָריע פון סאָציאַליזם, צי זי איז יאָ וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט צי ניט, איז פאַר אים ניט געווען אַזוי וויכטיק, ווי די באַלדיקע מעגלעכקייט זיך אַ ביסל צו באַפרייען פון דער שרעקלעכער עקספּלואַטאַציע; צוליב דעם האָט ער זיך געוואָלט אָרגאַניזירן. דער קאַפּיטאַליזם האָט ניט געהאַלטן ביים אונטערגיין, ווי מאַרקס און ענגעלס האָבן געדענקט; נאָר פאַרקערט, איז געווען אין זיין פולער בליאונג. די בורזשואַזיע האָט שוין געהאַט אויסגעקעמפט פרייהייט פאַר זיך און האָט דאָס אויסגענוצט אויף גאָר אַ גרויסן שטייגער. זי האָט ניט געהאַט קיין שטערונגען; אין די מערסטע לענדער איז דער פעאָדאַליזם שוין געווען טויט, אין אַ טייל לענדער האָט ער געהאַלטן ביים אונטערגיין; פעאָדאַליזם האָט אויפגעהערט זיין אַ שטערונג צו קאַפּיטאַליזם: די פּריצים, די אַריסטאָקראַטן, די קלעריקאַלן און די מיליטער קאַסטע האָבן אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ פאַר דעם קאַפּיטאַליסט. ניט אומזיסט האָבן זיי אָפּגעטראָטן, דער קאַפּיטאַליסט האָט באַצאָלט פאַר דעם. נאָכדעם ווי דער פּריצים־קלאַס איז פאַראָרעמט געוואָרן און די אַרבעטער־מאַסן זיינען געווען אין שטענדיקער נויט, איז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס געבליבן דער איינציקער קוואַל פון וועלכן אַלע האָבן געקאָנט שעפּן. די מלוכה־ביוראָקראַטן, די קלעריקאַלן און די מיליטער־קאַסטע זיינען עלעמענטן, וואָס מוזן פון וועמען אויסגעהאַלטן ווערן; איז דער קאַפּיטאַליזם געוואָרן דער גאָלדענער קאַלב אַרום וועלכן אַלע האָבן אַרומגעטאַנצט. אַזוי ווי צום קאַפּיטאַליסטישן קלאַס זיינען אַריינגעפאַלן די מיטלען פון פּראָדוקציע און דערפאַר געקריגן אַ גרויסע עקאָנאָמישע מאַכט, האָט ער שוין ממילא אויך געקריגן אַ גרויסע פּאָליטישע מאַכט.

אַ דאַנק דעמאָקראַטיע איז דער קאַפּיטאַליסט געקומען צו דער מאַכט. ווען ער האָט געקריגן די מאַכט איז ער מער ניט געווען פאַראינטערעסירט

אין אויסברייטערן דעמאָקראַטיע פאַר די נידעריקע שיכטן פון פאָלק. ער האָט געוואָלט אַ באַגרענעצטע דעמאָקראַטיע — די קאַפּיטאַליסטן זאָלן האָבן מער רעכט פון די אַנדערע עלעמענטן.

דער קאַפּיטאַליסט האָט געקעמפט פאַר פרייהייט; וואָס מער פרייהייט אַלץ בעסער. פרייהייט האָט געמיינט, פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, צו טאָן מיט דעם אַרבעטער וואָס ער וויל; ניט האָבן קיין שטערונגען פון דער רע־גירונג. אין נאָמען פון פרייהייט האָט דער קאַפּיטאַליסט געקעמפט קעגן יעדן געזעץ, וואָס איז געווען צו גונסטן די אַרבעטער. דער פּרינציפּ פון „לעסעי פעיר", קיין ענדערונגען זאָלן ניט געמאַכט ווערן, וואָס קאָנען שטערן די קאַפּיטאַליסטן איז געווען אַ קאַפּיטאַליסטישער פּרינציפּ. הונגער־לוין פאַר דעם אַרבעטער, קינדער־אַרבעט, פרייער שקלאַפן־האַנדל, פאַר־כאַפּן קאָלאָניעס און פאַרשקלאַפן די דאָרטיקע איינוואוינער, איז געווען די פרייהייט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט געוואָלט.

אין יאָר 1824 איז אין ענגלאַנד אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ צו דערלויבן אַרבעטער יוניאָנס. אין יאָר 1825 איז דער געזעץ צוריקגערופן געוואָרן. דער אַרבעטער האָט געקעמפט און זיך דערשלאָגן אויף אַ רעכט זיך צו אָרגאַניזירן ערשט אין יאָר 1871. אַ נאַציאָנאַלע פעדעראַציע איז אָר־גאַניזירט געוואָרן, וואָס האָט אויך אַריינגענומען די פאַרמערס. דער אַר־בעטער אין ענגלאַנד, וויסנדיק דאָס די סאָציאַליסטן זיינען אויסן אים צו העלפן האָט פונדעסטוועגן איגנאָרירט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. ער האָט אפשר געדענקט: עס וועט נעמען צו לאַנג ביז מען וועט קאָנען ענדערן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. מעגלעך, ער איז ניט געווען זיכער, אַז דאָס ענדערן פון פּריוואַט־איינגנטום צו שטאַטס־איינגנטום וועט אים ברענגען די אַלע גליקן וואָס די סאָציאַליסטן האָבן אים צוגעזאָגט. די אַר־בעטער אין ענגלאַנד האָבן זיך אָרגאַניזירט אין טרעיד־יוניאָנס. ניט רע־וואָלוציע, ניט ענדערן דעם סיסטעם, נאָר פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם איז געווען דער ציל פון די יוניאָנס. פאַרשטייט זיך, אַז מאַרקס און ענגעלס זיינען געווען אומצופרידן פון דעם.

זיי האָבן זייערע סאַרקאַסטישע מיינונגען וועגן די אַרבעטער און זייערע פירער אויסגעדריקט אין בריוו. מאַרקס און ענגעלס, וואָס האָבן געמיינט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז זייער נאָענט, זיינען געווען ביטער אַנטוישט אין קריזיס־יאָר 1857, ווען די ענגלישע אַרבעטער האָבן ניט רעוואָלטירט. ענגעלס האָט דאַן געשריבן צו מאַרקסן: „דער ענגלישער אַרבעטער ווייזט אויס צו זיין בורזשואַזנע געשטימט און ער ווערט וואָס אַמאָל מער אַזוי געשטימט". צען יאָר שפּעטער, נאָך דעם רעפאָרם־אַקט פון

1867 ווען די וואַל־רעכט איז געוואָרן מער אויסגעברייטערט און אַרבעטער האָבן געקאָנט אויסאיבן זייער מאַכט, שרייבט ענגעלס וועגן די וואַלן: „ווידער אַמאָל האָט זיך דער אַרבעטער שרעקלעך דיסקרעדיטירט. קיין איינציקער פון די אַרבעטער־קאַנדידאַטן האָט געהאַט דעם מינדעסטן שאַנס. לאָרד טאָמאַנדי אָדער עפּעס אַן אַנדער פּאַרווענין האָט מיט פאַרגעניגן גע־קריגן דעם אַרבעטערס שטימע". אין 1887 האָט מאַרקס געשריבן צו ליב־קנעכטן: „דער ענגלישער אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן דער עק פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. די אַרבעטער ווערן אינגאַנצן דירעקטירט דורך די הענט פון די קאָרופּטע טרעיד־יוניאָניסטישע פירער און פּראָפעסיאָנאַל־געדונגענע אַגיטאַטאָרס, וואָס פאָלגן נאָך גלאַדסטאָן, ברייט, מונדעלאַ, מאָר־לי און די גאַנצע כאָפּטע פון פאַבריקאַנטן". אין 1882 שרייבט ענגעלס צו קאַאוטסקי: „דו פרעגסט מיך וואָס דער ענגלישער אַרבעטער דענקט וועגן ענגלאַנדס קאָלאָניאַלע פּאָליטיק? ער דענקט וועגן דעם פּונקט ווי ער דענקט וועגן פּאָליטיק אין אַלגעמיין; דאָס זעלביקע וואָס די בורזשואַזיע דענקט". דריי יאָר שפּעטער האָט ענגעלס געשריבן צו בעבעל: „איך האָף, אַז דער קומענדער קריזיס וועט מאַכן אַ סוף צו די טרעיד־יוניאָנס, פּריי־ווילעגירטע אַרבעטער און נאַראָנים. זיי האַלטן זיך ביי זייער טראַדיציאָ־נעלן פּאַראורטייל, וואָס טויט זיי נאָר שאַדן". פון וואָופּערטאַל שרייבט ענ־געלס צו מאַרקסן: „נעכטן אין דעם גרעסטן זאַל פון אַ גרויסן האָטעל האָבן מיר געהאַט אונדזער דריטן קאָמוניסטישן מיטינג. אַלע פון עלבער־פעלד און בראַמאַן, סיי די פינאַנציעלע אַריסטאָקראַטן, סיי די קליינע גע־שעפטס־לייט, זיינען געווען אַנוועזנד. אויסגעפעלט האָט דער פּראָלעטאַריאַט".
די אַרבעטער, ווי געזאָגט, זיינען פון אָנהויב אָן ניט געווען באַגייסטערט פאַר דער סאָציאַליסטישער אידעע. די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָט ניט געהאַט די איינרעדעניש וואָס עס האָט געהאַט די סאָציאַליסטישע באַוועג־גונג, אַז סאָציאַליזם וועט היילן אַלע קראַנקייטן. זיי האָבן ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט, אַלע מענטשן זאָלן לעבן גלייך. די אַרבעטער האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אויב עס וועלן ניט זיין די היינטיקע בעלי־בתים וואָס פירן אָן מיט די אינדוסטריעס, וועלן מסתמאָ זיין אַנדערע. אויב עס מוזן זיין פירער און געפירטע, קאָן מען ניט זיין זיכער צי די נייע פירער וועלן זיין אַזעלכע צדיקים. די סאָציאַליסטן פאַרזיכערן, ווען מען וועט אָפּשאַפן קאַפּיטאַליזם וועלן ניט זיין מער קיין קלאַסן, דער שטאַט אַלס רעגירנדיקער מאַכט וועט אויפהערן צו עקזיסטירן, עס וועלן ניט זיין קיין פירער און געפירטע. דעם פּראַקטישן אַרבעטער פון ענגלאַנד און אַמעריקע האָט זיך אַזאַ אוטאָפּיע ניט געלייגט אויפן שכל. די אַרבעטער האָבן גע־האָט אַ חשד, אַז אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין

אַ קהלשע שיסל. פון די פאַרשיידענע פּאַרזוכן וואָס די ענגלענדער האָבן געהאַט מיט קהלשע אונטערנעמונגען האָט זיי פאַרשלאָגן דער אַפּעטיט פון אַ גאַנצע וועלט, וואָס וועט זיין איין קהלשע אונטערנעמונג — וואָס דאָס איז דער חלום פון די סאָציאַליסטן. ניט אין דעמאָקראַטישן ענגלאַנד און ניט אין פרייען אַמעריקע נאָר אין רעאַקציאָנערן דייטשלאַנד זיינען די סאָציאַליסטן געוואָרן אַ באַדייטנדיקע מאַכט און אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער דאָרטיקער יוניאָן־באַוועגונג.

ווען מען קוקט היינט אויף דעם אַלעם: נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איינגעפירט סאָציאַליזם, און וואָס עס איז דערפון געוואָרן. פון אַ סאָציאַליזם וואָס האָט זיך געוואָלט פון אַלץ באַפרייען: פון קאַפּיטאַליזם, נאַציאָנאַליזם, רעליגיע, פאַמיליע און אַלע פּיליסטערישע געוואוינהייטן איז געוואָרן אַן איינגעקלאַמערטער טאָטאַליטאַרישער רעזשים, מיט אַ נייגונג צו ביזאַנטיש־רעליגיעזן צערעמאָניאַל. וואָס מיינט דען דאָס באַלזאַמירן לעבינען און איצט סטאַלינען, אַוועקלייגן זיי אין סאַמע מיט פון מאָסקווע אויף אַן אָריענטאַליש אויפגעבויטן מאַוזאָלעאום פאַר דעם פאָלק, ווי צו דינען צו זיי? עס דערמאָנט אין געצנדינעריי. ווען מען קוקט היינט אויף די דייטשן, אַ פאָלק, וואָס האָט מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג אויפגענומען פונקט אַזאַ איינגעקלאַמערטן טאָטאַליטאַרישן רעזשים, מיט אַ פאַרגעטערונג פאַר אַ פירער, וואָס איז ניט אַנדערש ווי געצנדינעריי; מיט אַ באַגייסטערונג און דעמאָנסטראַציעס, וואָס דערמאָנען אין ביזאַנטיש־רעליגיעזע צערעמאָניעס. אַ פאָלק וואָס האָט געקאָנט ווי חיות זיך אָרויסשיילן פון יעדע ראַציאָנאַל־מענטשלעכע פאַרבינדונג און געוואָרפן מיליאָנען מענטשן אין די גאַז־אויוונס; אַ האַנדלונג וואָס האָט פאַרשעמט דעם מין מענטש. און מען דערמאָנט זיך, אַז מיט בלויז צוויי דורות צוריק זיינען די דייטשן, מער פון אַלע אַנדערע פעלקער, געוואָרן פאַרכאַפּט פון סאָציאַליזם. די שאַפער פון סאָציאַליזם, מאַרקס און ענגעלס זיינען געווען דייטשן. מאַרקס וואָס איז געבוירן געוואָרן אַ ייד האָט זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין ייד. די תורה וואָס ער האָט געלערנט איז געווען פון דייטשע קוואַלן ניט פון יידישע. די וויכטיקסטע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער זיינען געווען דייטשן; די גרעסטע סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז געווען אין דייטשלאַנד; די דייטשן זיינען געווען די אַפּאָסטאָלן, וואָס האָבן פאַרשפּרייט סאָציאַליזם איבער דער וועלט. זיי האָבן אויפגעבויט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע.

האָבן די דייטשן דערפילט אין סאָציאַליזם עפּעס צו וואָס זייער נשמה האָט אַלע מאָל געבענקט: טאָטאַליטאַרישע פירערשאַפט און פּאַגאַניזם? דאָס וואָס איז פון סאָציאַליזם געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן

זי? . . . איז דאָ עפּעס אַ פאַרבינדונג צווישן די דייטשן וואָס זיינען פאַר־כאַפּט געוואָרן פאַר סאָציאַליזם און קאָמוניזם און די דייטשן וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פאַר היטלעריזם?

די גרויסע סאָציאַליסטישע יוניאָנס אין דייטשלאַנד זיינען ניט קיין מאָס צו מעסטן וועלט־יוניאָניזם. די דייטשן, ווי אַ פאָלק מיט אייגנאַר־טיקע אייגנשאַפטן, וואָס האָט אויף אונז יידן איבערגעלאָזט אַ רושם וואָס קאָן ניט אויסגעמעקט ווערן, דאַרפן באַטראַכט ווערן באַזונדער. די טרעיד־יוניאָנס אין ענגלאַנד, אין אַמעריקע און איבער גאָר דער וועלט זיינען כאַך־יוניאָנס און זיינען ווייט, טייל אַפילו פיינטלעך, צו סאָציאַליזם. די יוניאָנס אין ענגלאַנד וואָס שטייען אונטער דעם איינפלוס און אָנפירונג פון דער לייבאָר־פאַרטיי זיינען זעלבסטשטענדיק צו האַנדלען לויט זייערע פאַך־אינטערעסן.

דער אַרבעטער איז קאָנסערוואַטיוו און איז ניט גרייט אויף רעוואָלו־ציאָנערע איבערקערענישן.

פּ ר אָ פ י ט

1.

דער געדאַנק, אַז קאַפּיטאַליזם איז דערפאַר שלעכט ווייל ער איז אַ פּראָפיט סיסטעם און ווען מען וועט איינפירן סאָציאַליזם וועט מען אָפּ־שאַפן פּראָפיט איז הוילער אומזין. עס איז פּונקט ווי מען זאָל זאָגן, אַז עס איז ניט גוט פאַר מענטשן, וואָס זיי גייען אויף אייגענע פיס; ווען מען זאָל זיי אָפּשניידן די פיס און זיי זאָלן גיין אויף קוליעס וועט זיי זיין בעסער.

אַן עקאָנאָמיע מיט פּראָפיט איז אַ געזונטע עקאָנאָמיע אונטער יעדן סיסטעם, אַן עקאָנאָמיע אָן פּראָפיט איז אַ קראַנקע עקאָנאָמיע אונטער יעדן סיסטעם.

פּראָפיט איז די נשמה פון יעדן געזונטן עקאָנאָמישן סיסטעם. איבער־הויפּט אין דער מאָדערנער אינדוסטריאַליזירטער וועלט. נאָר אַ מענטש וואָס לעבט אין אַ וואַלד, גייט אַרום נאַקעט און באָרוועס, שפּייזט זיך בלויז מיט דעם וואָס ער געפינט קאָן ער זיך באַגיין אָן אַ פּראָפיט־סיסטעם.

נאָר אין דעם סאַמע פּרימיטיווסטן „באַרטער"־סיסטעם איז געווען מעגלעך, עס זאָל ניט זיין קיין פּראָפיט. אין אַ העכער אַנטוויקלטן „באַר־טער"־סיסטעם האָט שוין געמוזט זיין פּראָפיט, ווייל אָן פּראָפיט וואָלט ער ניט געקאָנט ווערן העכער אַנטוויקלט.

אָן פּראָפיט וואָלט יעדער מאָדערנער עקאָנאָמישער סיסטעם פון אַ לאַנד צוזאַמענגעבראָכן. אָן פּראָפיט וואָלט מען ניט געבויט קיין פאַבריקן און קיין הייזער. אָן פּראָפיט וואָלט מען קיין נייע מאַשינען ניט געמאַכט; ווען די אַלטע וואָלטן צעבראָכן געוואָרן, וואָלט מען זיי ניט געקאָנט פאַר־ריכטן. אַדאַנק דעם פּראָפיט־סיסטעם זיינען שטעט אויפגעבויט געוואָרן, לענדער האָבן זיך אַנטוויקלט און גרויס געוואָרן. אונזער גאַנצע ציוויליזאַ־ציע האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם פּראָפיט־סיסטעם. דער שטייער וואָס מיר נעמען צו בויען וועגן, פאַרקן און שפּיטאָלן איז פון פּראָפיט. אָן דעם פּראָ־פיט־סיסטעם, דאָס מיינט, ווען יעדער מענטש וואָלט פאַרברויכט אַלץ וואָס ער וואָלט אויסגעאַרבעט, וואָלטן מיר נאָך היינט געלעבט ווי די ווילדע, אין היילן.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אויפגעבויט אַ ריזיקע מיליטערישע מאַ־שין — איז עס פון פּראָפיט; די גרויסע פאַבריקן און אינדוסטריעס וואָס זיי האָבן אויפגעבויט איז פון פּראָפיט; ווען זיי אַנטוויקלען דאָס לאַנד און בויען הייזער, איז עס אַלץ פון פּראָפיט. און פּראָפיט קומט פון איין קוואַל — פון דעם שווייס פון דעם אַרבעטער, פון דעם וואָס דער אַרבעטער אַרבעט אויס מער ווי ער פאַרברויכט, פון „סורפּלוס וועליו". עס וואָלטן קיינמאָל ניט געקאָנט עקזיסטירן אַזעלכע אינסטיטוציעס וואָס ברענגען ניט אַריין קיין פּראָפיט ווי: די פּאָסט, פּאָליציי, מיליטער, שולן און אַנדערע, ווען עס וואָלטן ניט עקזיסטירט אינסטיטוציעס וואָס ברענגען אַריין גענוג פּראָ־פיט אויפצוהאַלטן די אינסטיטוציעס.

די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן אַרגומענטירן קעגן דעם פּראָפיט־סיסטעם אומגעפער אַזוי: פון איין זייט, זאָגן זיי, זיינען דאָ מענטשן וואָס האָבן ניט קיין שיך — גייען זיי באָרוועס. פון דער אַנדערער זייט זיינען דאָ מענטשן וואָס האָבן ניט קיין הויזן — גייען זיי נאַקעט. זיי גייען אַרום ליידיק און ווילן אַרבעטן. די וואָס קאָנען מאַכן שיך ווילן מאַכן שיך, די וואָס קאָנען מאַכן הויזן ווילן מאַכן הויזן; נאָר ווייל דער קאַפּיטאַליסט קאָן ניט מאַכן קיין פּראָפיט האַלט ער פאַרמאַכט די פאַבריקן. די מענטשן וואָס ווילן אַרבעטן האָבן ניט קיין אַרבעט און גייען אַרום באָרוועס און נאַקעט.

קאָן זיין נאָך אַן ערגערער סיסטעם ווי אַזאַ סאָרט סיסטעם? וואָס צוליב עפּעס אַ קאַפּיטאַליסט, אַן אויסוואורף וואָס קאָן ניט מאַכן זיין רוי־בערישן פּראָפיט זאָלן מענטשן אַרומגיין באָרוועס און נאַקעט.

ווען עס וואָלט געווען פּונקט אַזוי ווי די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן שטעלן עס פאָר, וואָלט מען ניט באַדאַרפט אַ באַוועגונג וואָס זאָל אַגיטירן אַראָפּצואוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם וואָלט געווען אַן אַבסורד, אַן אוממעגלעכקייט, ער וואָלט שנעל צוזאַמענגעבראָכן.

עס איז ניט פּונקט ווי די סאָציאַליסטן שטעלן עס פאָר. אויב אַ קאַ־פּיטאַליסט קאָן ניט מאַכן קיין פּראָפיט אין אַזאַ פאַל, ווען איינער גייט נאַקעט און קאָן און וויל מאַכן שיך און דער צווייטער גייט באָרוועס און קאָן און וויל מאַכן הויזן, טאָ ווען קאָן ער יאָ מאַכן פּראָפיט? דער אמת איז, אַז אין אַזאַ פאַל, ווען אייניקע ווילן מאַכן שיך און דאַרפן הויזן און אַנדערע ווילן מאַכן הויזן און דאַרפן שיך; דאָס מיינט, עס זיינען דאָ די פּראָדוצירער און אַ מאַרק פאַר די סחורות וואָס ווערן פּראָדוצירט, איז דע־מאָלט דאָ אויך פּראָפיט. אין דעם לעצטן אַנאַליז מיינט פּראָפיט, ווען אימיצער איז וויליק צו אַרבעטן פאַר די פּאָר שיך וואָס ער קויפט, מער צייט וויפיל עס דויערט מאַכן אַ פּאָר שיך. און וועלכער מענטש, וואָס האָט ניט קיין שיך, איז ניט וויליק עס צו טאָן. די צרה איז דעמאָלט, ווען דער

וואָס מאַכט די שיך דאַרף ניט קיין הויזן, און דער וואָס נייט הויזן האָט דערפאַר ניט קיין אַרבעט. און כאָטש ער דאַרף שיך האָט ער ניט צו באַצאָלן ניט נאָר דעם פּראָפיט, וואָס דער פאַבריקאַנט וויל פאַר די שיך, ער האָט אויך ניט צו באַצאָלן פאַר דעם קאָסט פון די שיך.

נאָר אין צוויי פאַלן איז מעגלעך עס זאָל ניט זיין קיין פּראָפיט: איין פאַל איז דאַן ווען קיינער דאַרף ניט דעם אויסגעאַרבעטן פּראָדוקט און וויל אים ניט קויפן; דאַן איז ניט נאָר ניטאָ קיין פּראָפיט, עס איז דאָ היזק, דער קאָסט פון דעם אַרטיקל ווערט פאַרלוירן; דער צווייטער פאַל איז ווען דער אַרבעטער, וואָס אַרבעט אויס דעם אַרטיקל וויל מער באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט וויפיל עס האָט די ווערט. אויב אַן אַרבעטער קאָן אויסאַרבעטן איין פּאָר שיך אַ טאָג, און די ווערט פון זיין אַרבעט אויפן מאַרק איז לאָמיר אָננעמען צען דאָלאַר, אויב ער וועט דורך אַ צופאַל קריגן פאַר זיין אַרבעט מער ווי דער מאַרק־פּרייז, לאָמיר זאָגן, 15 דאָלאַר אַ טאָג צי גאָר 20, וועט זיין אוממעגלעך צו באַקומען פּראָפיט פאַר די פּאָר שיך.

עס איז דאָ אַ גרענעץ צו דער ווערט פון אַרבעט. אויב איינער איז אַ שוסטער נאָר ער אַרבעט זייער פּאַמעלעך, ער קאָן ניט מער מאַכן ווי איין פּאָר שיך אַ וואָך, אָבער אַ טריט האָט ער זייער אַ שווערן און ער צערייסט אַ פּאָר שיך אין איין וואָך, קאָן ער פּאַקטיש מער ניט פאַרדינען ווי בלויז אויף די פּאָר שיך וואָס ער צערייסט; אויף עסן, אויף אַ דירה און אויף אַלע אַנדערע זאַכן מוז ער שוין אָנקומען צו צדקה אָדער ער מוז גיין באַרוועס. כאָטש דער הויפּט־קאָנטראָל פון ווערט ליגט אין דער פּראָדוקציע, אין דער צייט און אופן פון אַרבעט — איז אָבער אויך דאָ אַ קאָנטראָלירנדיקער מאַרזשין אין דער קאָנסומציע, וואָס האָט אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אויף דער ווערט פון אַרבעט.

ניטאָ אַזאַ סיסטעם וואָס זאָל קאָנען געבן דעם אַרבעטער מער וויפיל ער אַרבעט אויס. סיידן מען וויל אים געבן צדקה. און מאַרקסיסטיש־מאַטעריאַליסטישער סאָציאַליזם איז דער היפּך פון צדקה.

2.

וואָס הייסט אַרבעטן פאַר פּראָפיט, אַרבעטן אָן פּראָפיט און אַרבעטן פאַרן געברויך? אַרבעטן פאַר פּראָפיט מיינט פּאַקטיש, אַז אַ מענטש אַרבעט אויס מער וויפיל ער פאַרברויכט. אַרבעטן אָן פּראָפיט מיינט, אַז אַ מענטש פאַרברויכט אַלץ וואָס ער אַרבעט אויס. אַרבעטן פאַרן געברויך קאָן פירן צו דעם, אַז אימיצער דאַרף אַרבעטן אומזיסט פאַר דעם וואָס פאַרברויכט עס. קלאָרער גערעדט: אַרבעטן פאַר פּראָפיט מיינט, ווען איינער אַרבעט פאַר זיך, פאַרנוצט ער ווייניקער וויפיל ער אַרבעט אויס;

דאָס וואָס ער פאַרניצט ניט איז פּראָפיט. ווען ער אַרבעט ניט פאַר זיך נאָר פאַר אַן אַנדערן האָט דער אַנדערער דעם פּראָפיט. ער אָדער דער אַנדערער קאָן מיט דעם אָנגעזאַמלטן פּראָפיט טאָן וואָס ער וויל: ער קאָן זיך קויפן צירונג אָדער גיין אין קאַבאַרעטן. דערמיט איז ער אַ קאָנסומער וואָס האָט גאָרניט אויפגעטאָן פאַר דער געזעלשאַפט נאָר אַלץ פאַרברויכט פאַר זיך. דאָס איז נאָר טיילווייז אַזוי, ווייל אין דער ווירקלעכקייט טוט יעדער קאָנסומער, וואָס פאַרברויכט אַליין אַלץ וואָס ער אַרבעט אויס, אומ־דירעקט, אַ סאָציאַלע אַרבעט. ווייל מיט דעם געלט וואָס ער גיט אויס און מיט די פּראָדוקטן וואָס ער קויפט שאַפט ער אַרבעט פאַר אַנדערע און העלפט דערמיט אַנטוויקלען די פּראָדוקציע און פאַרגרעסערן די קויף־קראַפט. ווען ער וויל קאָן ער מיט דעם פּראָפיט פאַרגרעסערן זיין געשעפט אָדער אויפבויען אַן אַנדער געשעפט; דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ער אַליין, אויב ער נעמט ניט אַרויס מער פאַר זיין פּערזענלעכן געברויך, האָט דאָך גאָרניט אַחוץ מאָראַלישע באַפרידיקונג פון דעם וואָס זיין גע־שעפט ווערט פאַרגרעסערט; פאַר דער געזעלשאַפט טוט ער אַ סך, ער אַנט־וויקלט די אינדוסטריע, שאַפט מער אַרבעט און אַ העכערן „סטאַנדאַרט". דעם גרעסערן פּראָפיט וואָס ער קריגט אַרייַן, וואָס ער קאָן ניט פאַרברויכן פאַר זיך — ווייל דער אייגענער פאַרברויך איז באַגרענעצט; אַ רייכער קאָן ניט עסן מער ווי אַן אָרעמער און קאָן ניט גיין אָנגעטאָן אין מלבוש אויף דעם צווייטן — מוז ער פאַרברויכן פאַר פאַרגרעסערן זיין אייגענע פּראָדוקציע. אויב ער לייגט אַוועק דאָס אָנגעזאַמלטע געלט אין באַנק, ווען אַנדערע נוצן דאָס געלט צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע אין לאַנד, וואָס מיינט, אַז זיי ווען טאָן אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

אַרבעטן אָן פּראָפיט מיינט, אַז אַלץ וואָס איינער אַרבעט אויס טוט ער פאַרברויכן. אין סאָציאַלן זינען מיינט עס, אַז אַלץ וואָס אַלע אַרבעטן אויס ווערט פאַרברויכט. אויב אַ לאַנד איז ניט אַנטוויקלט וועט עס אַזוי בלייבן. מעג דאָס לאַנד זיין ווי רייך אין פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, וועט עס אַלץ בלייבן אָרעם און צוריקגעשטאַנען. דאָס סאָציאַלע לעבן איז דאָן סטאַטיש. עס איז ווי געלעבט אין אַ באַרטער־סיסטעם, דו גיבסט מיר ברויט און איך גיב דיר שיך, איך עס אויף דאָס ברויט און דו צערייסט די שיך; אַזוי ווערט עס ווידערהאָלט. עס קאָן אַזוי אָנהאַלטן טויזנטער יאָר, און עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אין די פּרימיטיווע צייטן. דער קאַפּיטאַליזם מיט זיין פּראָפיט סיסטעם האָט די לאַגע געענדערט, האָט דינאַמיזירט דאָס סאָציאַלע לעבן. אַלע צוזאַמען האָבן אויסגעאַרבעט מער וויפיל זיי האָבן פאַרברויכט. דאָס הייסט אַרבעטן פאַר פּראָפיט. און דאָס האָט געפירט צו אַזאַ העכערונג פון לעבנס־סטאַנדאַרט וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע חלומות.

ארבעטן פארן געברויך מיינט ארבעטן אומזיסט פאר די וואס באדארפן עס. אזעלכע ארבעטן זיינען דאס רוב פאר געזעלשאפטלעכן געברויך ווי: בויען וועגן, קאנאלן, בריקן, מאנומענטן און אנדערע פראיעקטן וואס די געזעלשאפט האט אינגאנצן פריי אדער מיט א קליינער אפצאל. די אלע זאכן, וואס מענטשן קריגן פריי, קאסטן געלט. די וואס ארבעטן דערביי קריגן באצאלט, אימיצער דארף באצאלן דערפאר. אויב עס וואלטן ניט געווען אנדערע, וואס ארבעטן פאר פראפיט, דאס מיינט, זיי זאלן אויסארבעטן מער ווי פאר דעם וואס זיי קריגן באצאלט, וואלטן די אלע געזעלשאפטלעכע ארבעטן ניט געקאנט געמאכט ווערן.

די צרה מיט א סך עקאנאמיסטן איז דאס, וואס זיי מישן צוזאמען געזעלשאפטלעכן מיט פריוואטן געברוך, וואס פירט צו פאלשע אויספירן. זיי ווייזן אן: אזוי ווי קאפיטאליסטן זיינען פאראינטערעסירט אין פראפיט וועלן זיי דאך ניט בויען זאכן וואס זיינען פאר געזעלשאפטלעכן געברויך, וואס מענטשן קריגן אומזיסט, דערפאר טויג ניט דער פראפיט־סיסטעם. זיי פארגעסן, אז אן פראפיט וואלט אפילו א סאציאליסטישער סיסטעם ניט געקאנט בויען דאס אלץ וואס איז נויטיק פארן געזעלעשאפטלעכן געברויך.

עס איז אן אנגענומענער געזעץ פון אלע צייטן, אז דאס וואס איז פאר סאציאלן געברויך קאן ניט אנדערש געמאכט ווערן ווי פון דער רעגירונג. אין יעדן סיסטעם זיינען דא פונקציעס, וואס נאר די רעגירונג מוז עס דורכפירן. אין דער מאדערנער צייט זיינען די פונקציעס פון דער רעגירונג געווארן א סך אויסגעברייטערט.

געזעלשאפטלעכער געברויך איז, אין גרונט, עלאסטיש. אין דעם היינטיקן מאדערנעם רעפארמירטן קאפיטאליזם איז געזעלשאפטלעכער געברויך געווארן אזוי אויסגעברייטערט, דאס אין צייט פון א קריזיס ווערט אויך רעליף און רעגירונגס־ארבעט א טייל פון די ארבעטן וואס די רעגירונג דארף טאן. ווייל דאס ווערט דאן א זייער נויטיקער געזעלשאפטלעכער געברויך.

פראפיט ווערט צעטיילט אין דריי טיילן: איין טייל גייט פאר שטייערן, דאס הייסט, פאר סאציאלן געברויך. מיט דעם געלט ווערן געשאפן די אלע פאלק „יוטיליטיס" פאר דער באקוועמלעכקייט פון פאלק. איין טייל גייט פאר אנטוויקלען אינדוסטריעס, וואס העלפט שאפן א בעסער לעבן פאר אלע. דאס איז א סאציאלע ארבעט אן אונטערשייד ווער עס טוט עס, א פריוואטער מענטש אדער דער שטאט און איין טייל גייט פאר זיך.

א סך נעמען אן דעם פאלשן באגריף, אז ארבעטן פארן געברויך מיינט, ארבעטן אן פראפיט, פאר די וואס האבן ניט גענוג געלט צו באצאלן דעם

פּראָפיט. ניינציק פּראָצענט פון די וואָס קאָנען ניט קויפן, ווייל זיי האָבן ניט גענוג געלט, וועלן אויך ניט קאָנען קויפן, ווען מען זאָל אַפילו אַרונטער־נעמען דעם טייל פּראָפיט וואָס גייט פאַר דעם אייגנטימערס אייגענעם געברויך; דעם טייל פּראָפיט וואָס גייט פאַר שטייערן און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג קאָן מען ניט אַראָפּנעמען. די קלאַסישע עקאָנאָמיסטן, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן פּראָדוקציע פאַר פּראָפיט האָבן זיי פאַרשטאַנען אַ פּראָדוקציע פאַרן געברויך, ווייל פּראָדוקציע פאַר פּראָפיט איז אַלעמאָל אַ פּראָדוקציע פאַרן געברויך.

3.

פּראָפיט הויבט זיך אָן מיט דעם, וואָס איינער וויל קריגן באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט. ווען אימיצער אַרבעט אַליין פאַר זיך, און ער איז דער בעל־הבית צו באַשטימען דעם פּרייז פאַר דעם אַרטיקל וואָס ער אַרבעט אויס, וועט ער שטעלן דעם גרעסטן פּרייז וואָס ער קאָן קריגן; פאַר אים איז עס דער שכר פאַר זיין אַרבעט; איר קאָנט עס אָנרופן פּראָפיט, עס איז ניט קיין אונטערשייד. דער וואָס אַרבעט אַליין פאַר זיך האָט ניט דעם פאַנאַנדערטייל. פאַר אים איז סיי דער פּראָפיט, סיי דער שכר פאַר זיין אַרבעט איין זאַך. קיינער קאָן גאָרניט אויסזעצן קעגן דעם. ניטאָ קיין קאָנ־פליקטן. דער בעל־הבית און דער אַרבעטער איז דער זעלביקער מענטש. דער קאָנפליקט הויבט זיך אָן ווען ער, דער אַרבעטער נעמט צו אָן אַנדערן אַרבעטער און וועט אים, נאַטירלעך, באַצאָלן ווייניקער, ווי דאָס וואָס ער אַרבעט אויס. די פראַגע איז: פאַרוואָס גייט דער צווייטער אַרבעטער צום ערשטן אַרבעטן ווען ער איז זיכער, אַז ער וועט ניט צוריקקריגן דעם גאַנצן ווערט פון זיין אַרבעט. שפּעטער ווען די אינדוסטריעס האָבן זיך אַנטוויקלט און מאַשינען זיינען דערפינדן געוואָרן האָט מאַרקסעס אַרגו־מענט: אַז די אַרבעטער זיינען געצוואונגען זיך צו לאָזן עקספּלואַטירן ווייל זיי האָבן ניט די מיטלען פון פּראָדוקציע, געהאַט אַ ממשות. אָבער באַלד אין אָנהויב פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג ווען קיין מאַשינען זיינען נאָך ניט געווען און במילא ניט קיין גרויסע פאַבריקן, מען האָט געאַרבעט מיט דער האַנט, אין קליינע פאַבריקלעך אָדער גאָר אין דער היים, פאַרוואָס איז דאַן איין אַרבעטער געוואָרן אַ בעל־הבית און דער צווייטער איז געבליבן אַן אַרבעטער? דער תירוץ איז, אַז איינער איז געווען פעאי־קער פאַר דעם צווייטן. דער בעל־הבית האָט געהאַט אַמביציע, אונטערנע־מונגס־גייסט און פעאיקייטן אויפצובויען אַ פאַבריק אָדער אַ געשעפט און דער וואָס איז געגאַנגען אַרבעטן צו יענעם האָט די פעאיקייטן ניט געהאַט. וואָלטן אַלע מענטשן געווען גלייך פעאיק וואָלט דער קאַפּיטאַליזם זיך ניט

געקאָנט אָנהויבן צו אַנטוויקלען, ווייל קיין מענטש וואָלט ניט געוואָלט אַרבעטן ביי יענעם און ווערן עקספּלואַטירט, ווען ער אַליין איז פעאיק און קאָן אויפטאָן פּונקט ווי דער צווייטער. אַפילו שפּעטער, ווען די אינדוסטריעס האָבן זיך אַנטוויקלט און מאַשינען און מיטלען פון פּראָדוקציע האָבן שוין יאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָלע וואָלט עס געפירט, ווען אַלע וואָלטן געווען גלייך פעאיק, צו קאָאָפּעראַטיוון אָבער ניט צו קאַפּיטאַליזם. דער קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן מעגלעך ווייל עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד פון איין מענטש צום אַנדערן, פון אַ פעאיקן מענטש צו אַן אומפעאיקן — עפּעס וואָס מאַרקס האָט אינגאַנצן איגנאָרירט — דער קאַפּיטאַליזם האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו דעם אַמביציעזן, אונטערנעמערישן און שעפּערישן מענטש אויסצואיבן אַלע זיינע אייגנאַרטיקע כוחות, אויפצובויען און דערגרייכן עפּעס אויף דער וועלט. דער קאַפּיטאַליסט איז ניט בלויז אַ מענטש וואָס וויל געלט, ער איז אויף זיין אופן אַ שעפּערישער מענטש, כאָטש דער זין פון זיין בויען איז אינדיווידועל, פאַר זיך, איז דער תוך פון זיין בויען געזעלשאַפטלעך, ווייל ער פּראָדוצירט פאַר דער געזעלשאַפט.

ווי שוין געזאָגט, גיט מאַרקס צו אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", אַז „די בורזשואַזיע האָט אין די קנאַפּע הונדערט יאָר פון איר עקזיסטענץ געשאַפן גרעסערע און מעכטיקערע פּראָדוקציאָנס־קרעפטן איידער אַלע פריערדיקע דורות צוזאַמען. דער געוואַלטיקער נצחון איבער די כוחות פון דער נאַטור, די איינפירונג פון מאַשינען, די אָנווענדונג פון כעמיע אין דער אינדוסטריע און אַקערבוי, די דאַמף־שיפן, אייזנבאַנען, עלעקטרישע טעלעגראַפן; גאַנצע וועלט־טיילן האָט מען פרוכטבאַר געמאַכט; פאַרשיידענע טייכן האָט מען געמאַכט שיפבאַר; גאַנצע פעלקער זיינען מיט אַמאָל ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן. האָט זיך ווער פאָרגעשטעלט אין אַ וועלכן עס איז פון די פריערדיקע יאָרהונדערטער, אַז אַזעלכע פּראָדוקטיווע קרעפטן ליגן פאַרבאָרגן אין דער אַרבעט וואָס ווערט געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירט?" מאַרקס האָט ניט ווילנדיק צוגעגעבן, אַז דער קאַפּיטאַליסט איז ניט נאָר אַן עקספּלואַטאַטאָר נאָר אויך אַ פעאיקער און שעפּערישער מענטש.

ווען דער אונטערשייד אין איינקונפט צווישן אַרבעטער און בעל־הבית ווערט זייער גרויס, טענהט נאָך אַלץ דער בעל־הבית, אַז ער איז באַרעכטיקט צו דעם גרויסן פּראָפיט, צוליב דער וויכטיקער אַרבעט וואָס ער טוט. דער אַרבעטער טענהט, עס איז אומבאַרעכטיקטער פּראָפיט, געריבט פון אַרבעטערס לוין; און ער וויל, דער פּראָפיט זאָל פאַרקלענערט ווערן און זיין לוין זאָל פאַרגרעסערט ווערן. וואָס גרעסער עס ווערט די אונטערנעמונג און מער אַרבעטער באַשעפטיקט, אַלץ גרעסער איז דער פּראָפיט.

דער גרעסערער פּראָפיט איז ניט ווייל דער בעל־הבית נעמט אַראָפּ מער געלט פון אַרבעטערס לוין. דער בעל־הבית קאָן זיך דערלויבן אַפילו צו העכערן דעם אַרבעטערס לוין און דאָך מאַכן אַ גרעסערן פּראָפיט, ווייל ער באַשעפטיקט אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער. מער פּראָפיט מוז ניט מיינען מער עקספּלואַטאַציע. עס קאָן מיינען אַ פאַרגרעסערטע אינדוסטריע מיט ווייניקער עקספּלואַטאַציע.

די פראַגע איז: ווי גרויס איז די עקספּלואַטאַציע. אויב זי ווערט רעדוצירט צו אַ מינימום הערט זי אויף צו זיין אַ פּראָבלעם און מען קאָן זי מער ניט האַלטן פאַר שעדלעך.

4.

עקספּלואַטאַציע איז דאָס כשוף־וואָרט וואָס דאַרף ברענגען סאָציאַליזם אויף דער וועלט. עקספּלואַטאַציע מיינט, אַז דער רייכער, דער קאַפּיטאַליסט זויגט אויס דאָס בלוט פון דעם אָרעמען אַרבעטער.

איין מיטל איז דאָ צו דעם, זאָגן די סאָציאַליסטן, אַ פאַראייניקטע פויסט פון אַלע אַרבעטער, וואָס זאָל פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליסט און ברענגען אַ נייע אָרדנונג פון פרידן און גליק און דער אַרבעטער זאָל ווערן זיין אייגענער בעל־הבית. וואָס מיינט — איינפירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג.

דאָס וואָרט עקספּלואַטאַציע איז טאַקע אַ וואָרט, וואָס רעגט אויף מענטשן, איבערהויפּט פּראָגרעסיווע מענטשן, אָבער ניט אַלע מאָל מיינט עקספּלואַטאַציע די זעלביקע זאַך. אַמאָל איז עס שווידערלעך, וואָס קאָן פאַרגליכן ווערן צו רויבעריי און דער עקספּלואַטאַטאָר צו אַ בלוטזויגער, אַמאָל איז עס אַן אומוויכטיקע און אומשולדיקע רוטין. עס ווענדט זיך אין דער מאָס, ווי גרויס אָדער ווי קליין די עקספּלואַטאַציע איז. אויב אַן אַרבעטער אַרבעט אויס „מער ווערט" פינפציק דאָלאַר אַ וואָך און קריגט פאַר זיין אַרבעט ניט מער ווי צען דאָלאַר, איז עס שווידערלעכע עקספּלואַטאַציע. עס איז לעגאַלע רויבעריי. ווען אָבער דער אַרבעטער קריגט פון דעם פּראָפיט פינף־און־פערציק דאָלאַר אַ וואָך און דער בעל־הבית ניט מער ווי פינף, איז די עקספּלואַטאַציע ניט מער ווי אַ פּראָצענט צו וועלכן דער בעל־הבית איז באַרעכטיקט, ווייל עפּעס אַן אַרבעט טוט ער דאָך און פאַר זיין אינוועסטירן געלט איז ער אויך צו עפּעס באַרעכטיקט. עס לוינט זיך ניט צו ענדערן דעם סיסטעם צוליב דעם.

דער קלאַסן־קאַמף, דער קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט האָט ניט צו טאָן מיט כבוד, עס איז ניט דאָס, וואָס דער בעל־הבית זיצט אויבן־

אָן, וואָס אינטערעסירט אַזוי דעם אַרבעטער; עס איז אַפּילו אויך ניט דער קאָנטראָל וואָס מען שרעקט מיט דעם די אַרבעטער. זעכציק פאַמיליעס זאָלן קאָנטראָלירן דאָס לאַנד, מאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, אָבער אין גרונט גענומען אינטערעסירט עס ניט דעם אַרבעטער; אים איז ניט קיין אונ־טערשייד וויפיל פאַמיליעס קאָנטראָלירן דאָס לאַנד זעכציק אָדער זעכציק טויזנט. וואָס אים אינטערעסירט איז, אויב ער קאָן עפּעס האָבן פון דער ענדערונג וואָס מען וועט מאַכן, אויב דער קאָנטראָל פון זעכציק טויזנט אָדער זעכציק מיליאָן אַנשטאָט זעכציק זאָל רעדוצירן זיין איינקונפט וויל ער ניט קיין ענדערונג. דער קלאַסן־קאַמף האָט צו טאָן מיט מאַטעריאַליס־טישע אינטערעסן; מער איינקונפט פאַר דעם אַרבעטער און ווייניקער עקספּלואַטאַציע אָדער ווייניקער איינקונפט און מער עקספּלואַטאַציע.

אויב אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט זאָל ניט קאָנען אַריינברענגען דעם אַרבעטער מער איינקונפט פאַר אַ וואָך אַרבעט, ווי די קאַפּיטאַליסטי־שע, דאַרף ער ניט קיין סאָציאַליזם. סאָציאַליזם איז אַ מאַטעריאַליסטישע און מאַטעמאַטישע אויסרעכנונג, אויב דער חשבון שטימט ניט איז דער אויספיר פאַלש.

ווען פינף טויזנט אַרבעטער זיינען באַשעפטיקט אין איין אינדוסטריע, יעדער פאַרדינט זיבעציק אָדער אַכציק דאָלער אַ וואָך; די וואָס פירן אָן מיט דער אינדוסטריע זאָלן זיין פינף צי אַפּילו צען וואָס קריגן טויזנט דאָלאַר אַ וואָך, וועט עס אויסמאַכן צוויי דאָלאַר אַ וואָך אויף איין אַרבעטער. דאָס איז אַן עקספּלואַטאַציע, וואָס עס ווענדט זיך ווי אַזוי מען קוקט דערויף, אויב מען קוקט אויף דעם בעאַמטן וואָס נעמט די טויזנט דאָלאַר, זעט עס אויס אַ סך, ווען מען קוקט אויף די צוויי דאָלאַר וואָס עס רירט אָן דעם אַרבעטער איז עס זייער ווייניק. די עקספּלואַטאַציע איז דאָ ניט קיין פּראָב־לעם. ביי אונזער היינטיקן צענטראַליזירטן קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם איז מעגלעך צו מאַכן מיליאָנען פּראָפיט און דאָך זאָל זאָל עס די אַרבעטער צופיל ניט אָנרירן. דער פּראָפיט וואָס ווערט געמאַכט פון אַ גרויסע צאָל אַרבעטער פאַר אַ קליינע צאָל קאַפּיטאַליסטן איז אַ סך פּראָפיט און ווייניק עקספּלואַ־טאַציע. אַן עקאָנאָמיע וואָס קאָן רייך מאַכן מענטשן קיינעם ניט צו פאַר־אָרעמען איז אַ געבענטשטע עקאָנאָמיע.

אַמאָל אין פעאָדאַלן סיסטעם און אַפּילו שפּעטער אין די אַגריקולטור לענדער האָבן די פּריצים דעם פּראָפיט פאַרהולטייעט, געלעבט דערפאַר אַ גוטן טאָג. זיי האָבן דאָס לאַנד ניט אַנטוויקלט, קיין אינדוסטריעס ניט געבויט. די פויערים האָבן שווער געאַרבעט, קוים געהאַט אויף ברויט און דער פּריץ האָט געלעבט אַ פאַרשווענדעריש לעבן. די פּריצים האָבן ניט געוואָלט אַנטוויקלען דאָס לאַנד, די אינטערעסן פון דעם לאַנד איז זיי

ווייניק אָנגעגאַנגען, האָט די באַפעלקערונג געמוזט לעבן אין אָרעמקייט. זיי האָבן עס אָנגענומען ווי עס וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, ווי אַנדערש קאָן עס ניט זיין. אַזוי איז אויך געווען אין די גרויסע ניט־אַנטוויקלטע לענדער אין אַזיע און אין די קלענערע לענדער אויף די באַלקאַנען און אין מזרח־אייראָפּע ביז ניט לאַנג צוריק.

אַנדערש איז אין אַזאַ הויך־אַנטוויקלט לאַנד ווי די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָ מאַכן די אינדוסטריאַליסטן גאָר גרויסע פּראָפיטן אָבער דער גרעסטער טייל פון די פּראָפיטן איז צו פאַרגרעסערן די אינדוסטריעס, צו בויען נייע אינדוסטריעס — צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד.

די סאָציאַליסטן און די קאָמוניסטן האָבן ליב צו באַטאָנען און איבערטרייבן וועגן דעם קאָנטראָל און מאַכט וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיין קאָנטראָל אומגליקלעך געמאַכט דאָס לאַנד. די איינציקע זאַך וואָס דער קאַפּיטאַליסט קאָן טאָן מיט זיין קאָנטראָל איז צו קאָנטראָלירן די אינדוסטריעס וואָס ער בויט, זיי זאָלן אָוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ געזונטן באָדן, זיי זאָלן זיין דערפאָלגרייך. ווייל אויב ניט, וועט ער פאַרלירן זיין געלט און אויך זיין קאָנטראָל. דאָס וואָס ער איז פאַראינטערעסירט אין פּראָפיט מיינט פאַקטיש, אַז ער איז פאַראינטערעסירט די אינדוסטריע זאָל ברענגען נוצן. אַזעלכע אונטערנעמונגען וואָס ברענגען נוצן און ברענגען ניט קיין פּראָפיט, ווי שפּיטאָלן, מוזעאומס אָדער בריקן, דאָס וואָס מען רופט „פּובליק יוטיליטיס״ דאָס איז פאַר דער רעגירונג צו באַזאָרגן. די רעגירונג קאָן עס נאָר טאָן מיט דעם כוח פון די אינדוסטריעס וואָס ברענגען יאָ אַריין פּראָפיטן.

דאָס וואָס מען האָט געקאָנט מאַכן ריזיקע פּראָפיטן אין אַמעריקע, דאָס האָט פאַראורזאַכט, אַז אין אַמעריקע, זאָל זיין דער העכסטער סטאַנדאַרד פון לעבן. וואָלטן די פּראָפיטן ניט געווען אַזעלכע גרויסע נאָר באַגרענעצטע דאָס דער קאַפּיטאַליסט וואָלט עס געקאָנט פאַרנוצן פאַר זיין אייגענעם געברויך וואָלטן נאָך היינט מערסטע מענטשן אין אַמעריקע געלעבט אין אָרעמקייט.

פּראָפיט איז ניט אַ קללה, פּראָפיט איז אַ ברכה פאַר אַ לאַנד. מיט פּראָפיט בויט מען און מען אַנטוויקלט אַ לאַנד. אַ סאָציאַליסטישער שטאַט וואָלט געמוזט מאַכן פּראָפיט צו קאָנען אַנטוויקלען דאָס לאַנד, דאָס זעלביקע טוט דער פּריוואַטער אונטערנעמער. דאָס וואָס דער אונטערנעמער וויל רייך ווערן איז ניט קיין חסרון נאָר אַ מעלה, ווייל דערמיט וואָס ער וויל רייך ווערן בויט ער דאָס לאַנד. דאָס העכסט אַנטוויקלטע לאַנד אין דער וועלט איז די פאַראייניקטע שטאַטן. ווער האָט געברענגט די פאַראייניקטע שטאַטן צו אַזאַ הויכער אַנטוויקלטער שטופע? דער פּריוואַטער

אונטערנעמער, קאַפּיטאַליזם אויב איר ווילט; קאַפּיטאַליזם, פּראָפיט, מיליאָ־נערן האָבן פאַראורזאַכט אַמעריקע זאָל ווערן אַזוי רייך. רייכקייט שאַפט מער רייכקייט.

די פראַגע וואָס טוט דער קאַפּיטאַליסט מיט זיין געלט, וואָס טוט ער מיט דעם פּראָפיט וואָס ער מאַכט איז אַ וויכטיקע פראַגע. מאַרקס און די סאָציאַליסטן האָבן זיך מיט דעם ווייניק וואָס אינטערעסירט.

5.

פּראָפיט קאָן איינגעטיילט ווערן אין צוויי טיילן, אַ מינימום און אַ מאַקסימום. דער מינימום פּראָפיט איז דער פּראָפיט, וואָס דער קאַפּיטאַ־ליסט נוצט פאַר זיך, פאַר זיין אייגענעם געברויך. עס מיינט, באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט אָדער פאַר זיינע „אינוועסטמענטס". דער מאַקסימום פּראָפיט איז דאָס געלט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט נוצט פאַר פאַרגרעסערן די פּראָ־דוקציע; פאַר בויען נייע אינדוסטריעס און פאַר „אינוועסטמענטס" אין אַנדערע אינדוסטריעס.

דער סכסוך פון די סאָציאַליסטן און קאַפּיטאַליסטן איז פאַקטיש ניט וועגן דעם מאַקסימום פּראָפיט, דעם פּראָפיט וואָס דער קאַפּיטאַליסט נוצט פאַר פאַרגרעסערן די אייגענע אָדער בויען נייע אינדוסטריעס; אויך אַ סאָציאַליסטישער שטאַט וועט מוזן האָבן פּראָפיט צו פאַרגרעסערן און בויען נייע אינדוסטריעס. די סאָציאַליסטן זאָגן, זיי וועלן עס מאַכן בעסער, מער „עפישענט". אַמאָל האָבן סאָציאַליסטן אַ סך געשריבן וועגן דעם, ווי דער קאַפּיטאַליזם איז ניט פּראַקטיש, איז פאַרשווענדעריש און אויסברענגעריש. היינט מיט דער גרויסער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליסטישער „עפישענטקייט", ווען יעדע גרעסערע פירמע האַלט אָנגעשטעלט אַ ספּעציעלן „עפישענט"־עקספּערט, וואָלט עס געווען לעכערלעך צו שרייבן וועגן קאַפּיטאַליסטישער אויסברענגעניש. פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נאָך היינט דער גרעסטער אידעאַל, אַז זייערס אַ טראַסט קאָמפּאַני זאָל זיין אַזוי פּראָדוקטיוו ווי עס איז אַ פאָרד קאָמפּאַני. אַזוי שפּעט ווי אין 1955 האָבן די סאָוועטן געשיקט זייערע פאַרם־ספּעציאַליסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיך לערנען ביי די קאַפּיטאַליסטישע פאַרמערס, צו געפינען אַ בעסערן וועג אָנצופירן מיט די סאָוועטישע פאַרמס. אַן אינטעליגענטער סאָציאַליסט וועט מער ניט אָנ־געבן אַן אַרגומענט פאַר סאָציאַליזם, אַז אַ סאָציאַליסטישער אופן פון פּראָ־דוקציע וועט זיין מער פּראָדוקטיוו, מער „עפישענט".

ווען די סאָציאַליסטן ווילן איינרעדן די אַרבעטער, אַז די מיליאָנען פּראָפיטן וואָס די גרויסע קאָאָפּעראַציעס מאַכן וואָלטן אונטער אַ סאָציאַ־

ליסטישן סיסטעם איבערגעגאַנגען צו די אַרבעטער, מאַכן זיי אַ פּאַלשן חשבון און נאַרן אָפּ דעם אַרבעטער. דער גרעסטער טייל פון די פּראָפיטן וואָס די קאַפּיטאַליסטן מאַכן ווערט אויסגעגעבן אויף צו אַנטוויקלען די אינדוסטריעס. אַ סאָציאַליסטישער סיסטעם וואָלט דאָך ניט אָפּגעשטעלט דאָס אַנטוויקלען פון די אינדוסטריעס, דערפאַר וואָלט דער סאָרט געלט סיי ווי ניט אַנגעקומען צו די אַרבעטער.

אָט איז דער טייל געלט וואָס קאַפּיטאַליסטן מאַכן, וואָס וואָלט צו די אַרבעטער ניט אָנגעקומען: עס וואָלט ניט אָנגעקומען צו די אַרבעטער די געלט וואָס דער קאַפּיטאַליסט צאָלט אין שטייערן, ניט די געלט מיט וועלכע ער בויט זיינע אינדוסטריעס, ניט די געלט וואָס ער אינוועסטירט אין אַנדערע אינדוסטריעס, ניט די געלט וואָס ער גיט פאַר פילאַנטראָפּיע: פאַר מוזעאומס, שפּיטאָלן, ביבליאָטעקן, און ענלעכע אינסטיטוציעס; קורץ, אַלץ וואָס דער קאַפּיטאַליסט גיט אויס, ניט פאַר זיין פּערזענלעכן געברויך וואָלט צו דעם אַרבעטער ניט אָנגעקומען. אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג וואָלט זיכער אויסגעגעבן די געלט און נאָך מער; פון אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג וואָלט מען פאַרלאַנגט מער שפּיטאָלן, מער ביבליאָטעקן, מער געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. די אַלע זאַכן, קאָסטן געלט און געלט וועט אַפילו אין אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם ניט וואַקסן אויףביימער, מען וועט דאַרפן אַרבעטן דערפאַר. דער אַרבעטער וועט זיין דער, וואָס וועט דאַרפן אַרבעטן פאַר דעם אויך אונטער אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם.

דערווירקלעכער קאַמף צווישן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסט איז וועגן דעם מינימום פּראָפיט, די געלט וואָס דער קאַפּיטאַליסט נעמט פאַר זיין אייגענעם געברויך; דאָס וואָס גיט אים אַ געלעגנהייט צו פירן אַ ברייט, און רייך לעבן. די סאָציאַליסטן זאָגן, דער טייל, וואָס דער קאַפּיטאַליסט נעמט פאַר זיך, פאַר זיין אייגענעם געברויך, איז צו גרויס; דער טייל וואָס ער גיט צו די אַרבעטער איז צו קליין; דער קאַפּיטאַליסט לעבט צו רייך, דערפאַר מוז דער אַרבעטער לעבן צו אָרעם.

דער קאַפּיטאַליסט טענהט: ער באַצאָלט דעם אַרבעטער לויט זיין ווערט. און דער ווערט פון אַרבעטער ווערט פון קאַפּיטאַליסט אָפּגעשאַצט לויט דעם געזעץ פון „סופּליי און דעמענד"; זיינען דאָ אַ סך אַרבעטער צו קריגן, ווערט דער פּרייז פון אַרבעטער נידעריקער און דער געהאַלט וואָס ער קריגט איז אַ קליינער, זיינען דאָ ווייניק אַרבעטער צו קריגן, הויבט זיך דער ווערט פון אַרבעטער און זיין געהאַלט ווערט גרעסער. דער קאַפּי־טאַליסט באַרעכטיקט די גרויסע פאַרדינסטן וואָס ער נעמט פאַר זיך, אַלס אָפּצאָל פאַר דעם קאַפּיטאַל וואָס ער אינוועסטירט.

די סאָציאַליסטן זאָגן: דער ווערט פון דעם אַרבעטער דאַרף ניט

אָפּגעשאַצט ווערן לויט דעם געזעץ פון „סופּליי און דעמענד". דער אַרבע־טער דאַרף קריגן באַצאָלט לויט דעם געהעכערטן ווערט פון דער פּראָ־דוקציע; אַזוי פיל וויפיל דער פּראָדוקט איז ווערט מער, נאָכדעם ווען דער אַרבעטער האָט אַריינגעלייגט זיין אַרבעט; אויב די רויע מאַטעריאַלן און אַנדערע קאָסטן פון אַ פּאָר שיך איז דריי דאָלאַר, און נאָכדעם, ווען די שיך ווערן פאַרטיק קאָן מען פּאָר זיי באַקומען צען דאָלער, איז דער אַרבעטער באַרעכטיקט צו זיבן דאָלאַר, ווייל די ענדערונג פון פּרייז, דער מער־ווערט איז דאָך צוליב זיין אַרבעט. אַ קליינער טייל פון דעם קאָן גיין פּאַר די אַרבעט פון פאַבריקאַנט, אויב ער טוט עפּעס אַן אַרבעט.

די סאָציאַליסטן פאַרלייקענען די וויכטיקייט פון דעם אונטערנעמער אין שאַפן מער־ווערט, און זיכער לייקענען זיי די רעכט אויף דעם אָפּצאָל, פאַר זיין אינוועסטירטן קאַפּיטאַל.

דער קאַפּיטאַליסט וויל אויף דעם ניט איינגיין. ער האַלט, אַז זיין אַר־בעט, אַלס אונטערנעמער, איז אַ וויכטיקע, פיל וויכטיקער ווי די אַרבעט פון אַן איינפאַכן אַרבעטער, און ער דאַרף קריגן פאַר זיין אַרבעט אַ סך מער באַצאָלט. ער האַלט, אַז ער איז ניט מחויב זיין אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל אַוועקצוגעבן אומזיסט; דעם אָפּצאָל, דאָס הייסט, די אַרבעט וואָס דער אַר־בעטער גיט אַוועק פאַר דעם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל וואָלט ער סיי ווי געמוזט אַוועקגעבן, ווען ער האָט ניט דאָס אָפּגעשפּאָרטע קאַפּיטאַל פון דעם קאַפּיטאַליסט נאָר מוז אַליין דורך אייגענער אַרבעט עס קריגן; עס וואָלט נאָך געפאַלן אויף אים פיל שווערער.

אַזוי ווי דער קאַפּיטאַליסט איז שטאַרקער, ווייל ער האָט די פאַבריק און די מאַשינען — די מיטלען פון פּראָדוקציע, און דער אַרבעטער איז שוואַכער, ער פאַרמאָגט גאָרניט; די נויט צווינגט אים צו אַרבעטן, געווינט דער קאַפּיטאַליסט — דער אַרבעטער קריגט צו ווייניק און דער קאַפּיטאַליסט צופיל.

די סאָציאַליסטן זאָגן, אויף דעם איז דאָ איין עצה: אָפּשאַפן קאַפּיטאַ־ליזם, אָפּשאַפן פּריוואַט אייגנטום און איינפירן סאָציאַליזם.

די טרעיד־יוניאָניסטן זיינען איינשטימיק מיט די סאָציאַליסטן, אַז מען קאָן דעם אַרבעטערס ווערט ניט אָפּשאַצן לויט דעם, וויפיל אַרבעטער עס איז דאָ צו קריגן אויפן מאַרק. זיי אָנערקענען אָבער די וויכטיקע אַר־בעט פון דעם אונטערנעמער, זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן דערפאָלג פון דער אינדוסטריע. זיי גלויבן אויך אין דעם ווערט פון דער פאַרלייכטערונג, וואָס דער אַרבעטער האָט פון דעם אָפּגעשפּאַרטן קאַפּיטאַל פון קאַפּיטאַליסט, און אַז דער קאַפּיטאַליסט איז באַרעכטיקט צו אַן אָפּצאָל.

די פראַגע ביי די טרעיד־יוניאָניסטן איז — וויפיל? וויפיל איז ווערט

דער אָפּצאָל פֿאַר דעם אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל וואָס דער קאַפּיטאַליסט אינ־וועסטירט? וויפיל איז ווערט זיין אַרבעט אַלס אונטערנעמער? וויפיל איז ווערט די אַרבעט פון דעם אַרבעטער?

די טרעיד־יוניאָניסטן גלויבן ניט אין ענדערן דעם סיסטעם; זיי גלויבן אין אויסבעסערן דעם סיסטעם. זיי גלויבן, דער קאַפּיטאַליסט נעמט פאַר זיך צופיל, מער וויפיל ער איז באַרעכטיקט און ער גיט דעם אַרבעטער צו־ווייניק, ווייניקער ווי אים קומט — דאָס איז ניט יושרדיק.

אַפּעלירן צום קאַפּיטאַליסט וועט ניט העלפן; ער וויל עס ניט איינ־זען. גיין צו אַ דין־תורה, איז ניטאָ צו וועמען; די רעגירונג וואָס וואָלט אין דעם פאַל געקאָנט זיין דער בית־דין האָט זיך ביז ניט לאַנג צוריק אין גאַנצן ניט געמישט און אויב זי האָט זיך יאָ געמישט איז עס ניט געווען צום גונסטן די אַרבעטער. איז געבליבן איין עצה — גיין מיט כוח; מען דאַרף דעם קאַפּיטאַליסט צווינגען ער זאָל געבן דעם אַרבעטער אַ גרעסערן טייל פון די פאַרדינסטן; סיי דורך העכערן דעם אַרבעטערס לויז, סיי דורך פאַרקלענערן די אַרבעטס־שעהן. דאָס איז קלאַסן־קאַמף.

די סאָציאַליסטן טענהן, אַז קלאַסן־קאַמף דאַרף איבערהויפּט אָנגע־ווענדט ווערן אויפן פּאָליטישן פעלד; זיך אָרגאַניזירן אין אַ שטאַרקער פּאָליטישער פּאַרטיי; אָן פּאָליטישן כוח, זאָגן זיי, וועט מען גאָרניט קאָנען אויספירן. די טרעיד־יוניאָניסטן זאָגן, אַז קלאַסן־קאַמף דאַרף אָנגעווענדעט ווערן דירעקט אויפן עקאָנאָמישן פעלד. די אַרבעטער דאַרפן זיך אָרגאַ־ניזירן אין „טרעיד־יוניאָנס״ און מיט פאַראייניקטע כחות אויסקעמפן פאַר זיך אַ גרעסערן טייל פון דעם פּראָפיט און בעסערע באַדינגונגען.

די אַרבעטער אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד האָבן אַ גרויסן פּאָליטישן כוח. דער כוח ליגט אין זייער גרויסער צאָל שטימען וואָס קאָן איבערוועגן פון איין קאַנדידאַט צו אַ צווייטן. דער כוח פון די אַרבעטער קאָן ווירקן און ווירקט אויף אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג אָנצונעמען געזעצן צום גונסטן די אַרבעטער אַפילו אָן אַן אייגענע אַרבעטער־פּאַרטיי. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו נאָר איינע פון די צוויי גרויסע פּאַרטייען, די דעמאָקראַטן אָדער די רעפּובליקאַנער קאָן ווערן די רעגירונגס־פּאַרטיי אין לאַנד, האָבן די פּאַרטייען אַ נייגונג צו ווערן די פאַרטרעטער פון גאַנצן פאָלק, די דע־מאָקראַטישע פּאַרטיי איז עס כמעט געוואָרן.

די טרעיד־יוניאָניסטן זאָגן: מען דאַרף ניט קיין סאָציאַליזם צו פאַרבעסערן די לאַגע פון אַרבעטער; איז דאָס לאַנד אָרעם, ניט אַנטוויקלט, וועט סאָציאַליזם ניט העלפן; איז דאָס לאַנד רייך און אַנטוויקלט איז סאָ־ציאַליזם ניט נויטיק. די מאָדערנע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונגען, די טעכ־נישע דערגרייכונגען און די מאַסן־פּראָדוקציע מוז האָבן מאַסן־קאָנסומציע;

אויב אַן עקאָנאָמיע פון אַ לאַנד איז אַוועקגעשטעלט אויף אַ באַזיס פון מאַסן־פּראָדוקציע, מוז עס ווירקן דאָס דער סטאַנדאַרט פון דער גאַנצער באַ־פעלקערונג זאָל ווערן העכער; דאָס איז אַן עקאָנאָמישער געזעץ. די אַר־בעטער דאַרפן בלויז שטיין אויף דער וואַך, דאָס דער עקאָנאָמישער געזעץ זאָל ווי געהעריק אָפּגעהיט ווערן.

6.

מיט דער אַנטוויקלונג פון די אינדוסטריעס ווערט אויך דער קלאַסן־קאַמף שוואַכער. די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן הערן אויף צו זיין אַזוי שאַרף קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער. דער אַרבעטער אין אַן עקאָנאָמיע פון מאַסן־פּראָדוקציע איז ניט נאָר אַ מאַשין וואָס שאַפט מער־ווערט, ער איז אין דער זעלביקער צייט, דער וואָס פאַרנוצט דעם מער־ווערט. די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן אין אַן עקאָנאָמיע פון מאַסן־פּראָדוקציע איז אַנדערש ווי די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן אין אַן עקאָנאָמיע פון באַגרענעצטער פּראָדוקציע. אין אַן עקאָנאָמיע פון באַגרע־נעצטער פּראָדוקציע ווען די אויסאַרבעטונגען זיינען בלויז פאַר אַ קליינער צאָל מענטשן, אינטערעסירט ניט דעם קאַפּיטאַליסט צי דער אַרבעטער האָט געלט צי ניט; פאַר זיינעטוועגן מעג דער אַרבעטער אַרבעטן אומ־זיסט. דער אַרבעטער איז ניט דער וואָס פאַרנוצט זיין אויסגעאַרבעטע פּראָ־דוקציע, אויף דער וועלט זיינען דאָ גענוג קויפער פאַר זיינע פּראָדוקטן. אין אַן עקאָנאָמיע אָבער פון מאַסן־פּראָדוקציע זיינען אין גרעסטן טייל די אַרבעטער־מאַסן, די וואָס פאַרנוצן זייער אייגענער פּראָדוקציע. אין אַזאַ פאַל איז שוין פאַר דעם קאַפּיטאַליסט יאָ אַן אונטערשייד, צי דער אַרבעטער האָט געלט צו קויפן וואָס ער אַרבעט אויס, צי ניט. אין פאַל דער אַרבעטער האָט ניט קיין געלט צו קויפן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן וועלן זיך די רעדער פון דער פּראָדוקציע מוזן אָפּשטעלן. עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל פאַרברויכן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן. דער אינערלעכער מאַרק פון וועלכן די אַרבעטער־מאַסן זיינען דער גרעסטער טייל, וועט ווערן אַזוי איינ־געשרימפּן דאָס עס וועט רואינירן דעם קאַפּיטאַליסט. צוליב דעם איז גע־וואָרן לייכטער פאַר די יוניאָנס אויסצוקעמפן בעסערע באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער. און דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון די אַרבעטער אין אַמעריקע איז הויך געשטיגן.

פּראָפיט קאָן מען ניט אָפּשאַפן און מען דאַרף ניט אָפּשאַפן. וואָס מען דאַרף איז — רעגולירן דעם פּראָפיט, ניט לאָזן אים גיין בלינדערהייט צו אַ גרוב וואו ער קאָן אַריינפאַלן און מיטשלעפּן דאָס גאַנצע לאַנד.

עס איז ניט נויטיק צו ענדערן דעם סיסטעם.

די רעוואָלוציע

אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, וואו דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך געקאָנט פריי אַנטוויקלען און באַרייכערן די לענדער, וואו דער אַרבע־טער איז געווען פריי אויסצוקעמפן אַ בעסער לעבן פאַר זיך איז דער סאָ־ציאַליזם געבליבן אַן אידעאַל פאַר דער צוקונפט. אין איין לאַנד האָט סאָציאַליזם ניט געמוזט בלייבן אַן אידעאַל פאַר דער צוקונפט נאָר באַקומען אַ מעגלעכקייט באַלד צו ווערן פאַרווירקלעכט. אין יענעם לאַנד האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן דער קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישן שטאַט מיט דעם קאַמף פאַר פאָליטישער פרייהייט, אין וועלכן די בורזשואַזיע איז אויך געווען פאַראינטערעסירט. דאָס איז געווען רוסלאַנד. רוסלאַנד איז געווען אַ צוריק־געשטאַנען לאַנד, פּאָטענציעל, דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט איז עס פּאָליטיש געווען געבונדן צו אַ רעאַקציאָנערן צאַרישן רעזשים, וואָס האָט געשטערט דאָס לאַנד זיך צו אַנטוויקלען. געקעמפט קעגן צאַרישן רעזשים האָבן אַלע קלאַסן, אַ חוץ די רעגירונגס־ביוראָקראַטן. דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם האָט אין רוסלאַנד געקראָגן אַן אַנדער פּנים. די רעוואָלוציע פאַר באַלדיקער באַפרייאונג פון צאַרישן רעזשים האָט אַקטיוויזירט דעם קאַמף פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. עס איז וואָך געוואָרן דער געדאַנק און די מעגלעכקייט, אַז די רעוואָלוציע מוז זיך ניט אָפּשטעלן בלויז ביי דער באַפרייאונג פון צאַר, די רעוואָלוציע קאָן מאַכן אַ ווייטערן שריט און באַ־פרייען דאָס לאַנד פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך.

די פעברואַר־רעוואָלוציע וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר האָט געשלאָסן אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד. אַ נייע וועלט, אַ פרייע און דעמאָקראַטישע אויף קאַפּיטאַליסטישע פּריוואַט־אייגנטום יסודות האָט זיך געזאָלט אָנהויבן. וואָלט די עקאָנאָמיע פון לאַנד געווען אַ סטאַבילע, און וואָלטן די רוסישע פירער דעמאָלט געווען סאָציאַל־באַוואוסטזיניקע און ענערגישע, וואָלט רוסלאַנד און די וועלט אויף אַנדערע וועגן געגאַנגען און אויסגעמיטן אַ סך צרות. צופעליק מיט דעם כּוח פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, ראַדיקאַלן און לינקע פּויערים איז קערענסקי געוואָרן דער פירער. אַ שוואַכער, אַ צעטומלטער האָט ער זיך ניט געקאָנט אָריענטירן אין יענעם אויסעראָרדנטלעך וויכטיקן מאָמענט. אַ סאָציאַליסט־אוטאָפּיסט

אָן אַ רעאַליסטישן צוגאַנג צו די נויטן פון דער צייט, האָט ער אויך ניט געהאַט קיין אויער פאַר די וויי־געשרייען פון רוסישן פאָלק, וואָס איז געווען אויסגעמאַטערט און מיד פון דער מלחמה און געבענקט נאָך אייגענער ערד.

עס איז געווען אַ היסטאָריש אומגליק, וואָס רוסלאַנד איז דעמאָלט אַריינגעפאַלן צו דעם לא־יוצלח אין די הענט אַריין.

צוויי זאַכן זיינען דעמאָלט געווען זיכער: אַז רוסלאַנד קאָן מער קיין מלחמה ניט פירן און, אַז דעם פּויערס הונגער נאָך ערד מוז באַלד געשטילט ווערן. קערענסקי האָט די צוויי בעסטע קאָרטן אַרויסגעלאָזט פון די הענט; ער האָט געוואָלט אָנגיין מיט דער מלחמה און די פּויערים האָט ער גע־הייסן וואַרטן פאַר ערד אויף שפּעטער. לענין האָט דערזען קערענסקיס טעותן און טריאומפירנדיק אויסגעשריגן: „רויבט די רויבער". דאָס איז געווען אַ רוף צו די פּויערים, זיי זאָלן פאַרכאַפּן די ערד פון די פּריצים. מען דאַרף, האָט לענין געזאָגט, אָפּשטעלן די מלחמה און צעטיילן די ערד צו די פּויערים. די גרויסע מערהייט פון רוסישן פאָלק, דאָס פּויערנטום, האָט זיך מאָמענטאַל אַ בויג געטאָן צו לענינס זייט. פאָלגלעך, האָט קערענסקי געמוזט פאַרשפּילן.

לענינס פּראָגראַם, אָפּצושטעלן די מלחמה, האָט אַפּעלירט צו די רוסישע מאַסן; צו צעטיילן די ערד איז געווען אַ נאַציאָנאַלע נויטווענדי־קייט; זיין סאָציאַליזם האָט שטאַרק אַפּעלירט צו די אַרבעטער. אין וועג איז געשטאַנען די קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג.

די אַרבעטער האָבן זיכער געהאַט אַ גרונט חושד צו זיין, דאָס די פאַרזאַמלטע זיינען ניט גרייט איינצופירן אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם. די פּויערים, וואָס האָבן שוין געהאַט לענינס צוזאָג פאַר ערד האָבן געקוקט מיט חשד אויף דער פאַרזאַמלונג. דערפאַר איז געווען אַזוי לייכט, פאַר לענינען, צו צעטרייבן די פאַרזאַמלונג; קיינער האָט זיך ניט איינגעשטעלט פאַר איר.

דער שפּיל אין דעלעגאַטן, גרינדונגס־פאַרזאַמלונגען און שטימען, האָט דעם רוסישן פּויער ניט אינטערעסירט. אויב דער פּויער קאָן אַוועק־גיין פון שלאַכטפעלד, וואו זיין לעבן איז אין געפאַר — פּאַקטיש האָט ער ניט געוואַרט מען זאָל אים הייסן גיין, נאָר איז אַליין אַנטלאָפן — אויב ער קאָן האָבן אייגענע ערד איז עס פאַר אים די בעסטע דעמאָקראַטיע. די רוסישע מאַסן, האָט לענין געזאָגט, האָבן געשטימט קעגן דער מלחמה; זיי האָבן געשטימט מיט די פיס; זיי זיינען אַנטלאָפן פון שלאַכט־פעלד. פאַר לענינען און די סאָציאַליסטן מיט אים איז געשטאַנען די פראַגע: זאָל מען פאַרוואַרפן סאָציאַליזם און איינפירן אַ פאַלשע קאַפּיטאַליסטישע דעמאָ־

קראַטיע — סאָציאַליסטן האַלטן, אַז אַ קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם קאָן ניט האָבן אַן אמתע דעמאָקראַטיע — אָדער איינפירן סאָציאַליזם וואָס וועט פירן צו אַן אמתער עקאָנאָמישע דעמאָקראַטיע.

לענין און זיינע אָנהענגער האָבן אויסגעקליבן דאָס צווייטע.

פאַר סאָציאַליסטן איז דעמאָקראַטיע אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אַ מיטל ווי אַזוי אַראָפּצוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם. ווי איז, ווען סאָציאַליזם איז ביי דער שוועל, די אומשטענדן האָבן דערפירט דאָס מען קאָן אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם שוין, נאָר עס שטערט עפּעס אַ רוטין, וואָס מען דאַרף דורכפירן, אַ רוטין פון רעדעס, וואַלן, דעלעגאַטן, מיט וואַל־צעטלען וואָס מען קאָן גנבהנען, מיט שטימען וואָס מען קאָן קויפן; אַ מאַשין שטייט אין וועג און פאַרהאַלט דעם מאַרש פון סאָציאַליזם, פּשוט דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק ווייסט נאָך ניט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דער מאַשין. זאָלן די אַרבעטער און פּויערים, די פאָלקס־מאַסן צוליב דעם פאַרלירן דעם גרעסטן שאַנס וואָס זיי האָבן אין זייער לעבן?

פאַרשטייט זיך אַז ניט. יעדער אַנדערער ערלעכער סאָציאַליסט וואָלט געוועזן געהאַנדלט ווי לענין. אויף דעם זאָגט עדות אַזאַ קעגנער פון די באָלשעוויקעס ווי רפאל אַבראַמאָוויטש. אַזוי שפּעט ווי יאַנואַר דעם 11־טן 1956, שרייבט אַבראַמאָוויטש אין „פאָרווערטס": „נאָר אין אַ געשיכטלעכער שילדערונג קאָן מען איבערצייגנדיק אויפווייזן די אייזערנע נויטווענדיקייט, אַז אַן אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע מיט אויפריכטיקער און ערלעכער באַגייסטערונג — און דאָס איז די באָלשע־וויסטישע רעוואָלוציע פון 1917 ביי אַלע אירע פעלערן געווען —" אויב די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרן, לויט אַבראַמאָוויטשן, מיט אויפריכטיקער און ערלעכער באַגייסטערונג און זיכער איז זי אָנגע־פירט געוואָרן פון די צוויי אינטעליגענטסטע און באַוואוסטזיניקסטע סאָ־ציאַליסטן אין יענער צייט, לענין און לעאָן טראָצקי, ווערט די קעגנער־שאַפט, וואָס כאַפּט זיך אָן אין דער שטרוי פון דעמאָקראַטיע, שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

קיין אמתע, ערלעכע, דעמאָקראַטישע וואַלן האָט מען אין יענער צעטומלטער צייט סיי ווי ניט געקאָנט דורכפירן, ווי עס זאָגט עדות דר. י. נ. שטיינבערג, אין זיין בוך „דער ווערקשטאַט פון דער רעוואָלוציע" — „די מאַסן האָבן פאַרלוירן יעדן אינטערעס אין דער וואַל־פּראָצעדור. ביי זיי האָט עס געהאַט אַ פּנים פון חוזק, ווי אַ פאַרס."

די סאָציאַליסטן ווילן איינריידן די וועלט און אויך זיך אַליין, אַז לענין איז שולדיק וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פון אַ פאַרזוך איינצו־פירן סאָציאַליזם געוואָרן כמעט אַ פעאָדאַלער שטאַט, וואו פרייהייט איז

באַגרענעצט צו אַ מינימום. עס איז אָבער ניט אַזוי ווי די סאָציאַליסטן ווילן זיך און אַנדערע איינריידן. די סאָציאַליסטישע טענות קעגן די באָל־שעוויקעס זיינען לעכערלעכע און פאַלשע. לענין האָט באמת געוואָלט בויען סאָציאַליזם און געהאַנדלט ווי יעדער אַנדערער סאָציאַליסט וואָלט געוועזן געהאַנדלט.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ניט געווען די ערשטע, פון דעם שטייגער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן.

פריער זיינען עטלעכע רעוואָלוציעס געמאַכט געוואָרן אין פראַנקרייך. די אַרבעטער האָבן טיילמאָל געהאַט די אויבערהאַנט און געקאָנט מאַכן אַ סוף צו דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. זיי האָבן אַליין געקאָנט איבער־נעמען די גאַנצע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט און איינפירן סאָציאַ־ליזם. זיי האָבן עס ניט געטאָן. די רעוואָלוציעס האָבן זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל פאַר די אַרבעטער און די אַרבעטער האָבן טייער באַצאָלט פאַר דעם דורכפאַל.

אין 1905, נאָכדעם ווי רוסלאַנד האָט פאַלוירן דעם קריג צו יאַפּאַן, האָט אַן אומרואיקייט און אַ רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספערע אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד. דער צאַר איז געוואָרן געצוואונגען צו געבן פּאָליטישע פרייהייט צום רוסישן פאָלק; אַ פּאַרלאַמענט איז געשאַפן געוואָרן. אַ קורצע צייט שפּעטער האָט דער צאַר חרטה באַקומען, אויפגעלייזט דעם פּאַרלאַמענט, צוגענומען די געגעבענע פרייהייט, פאַרשיקט אין סיביר אַ סך פון די ראַדיקאַלע פירער און נאָך מער אונטערדריקט דאָס רוסישע פאָלק.

לענין האָט דאָס אַלץ געוואוסט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מאַכן אַ רעוואָלוציע איז איין זאַך און געווינען אַ רעוואָלוציע איז אַן אַנדער זאַך. ער האָט געוואָלט ניט בלויז מאַכן אַ רעוואָלוציע — די רעוואָלוציע, אַראָפּצוואַרפן דעם צאַר האָבן אַנדערע געמאַכט פאַר אים — ער האָט געוואָלט געווינען די רעוואָלוציע.

לענין האָט געוואוסט, אַז ניט אַלעמאָל איז די צייט רייף פאַר רע־וואָלוציע. ניט אַלץ ווענדט זיך אין דער מאַכט פון די אַרבעטער. עס איז געווענדט אין אַ סך אַנדערע זאַכן: ווי אין דער שוואַכקייט פון רעזשים, אין דער צעטומלטקייט פון פאַרשיידענע קעגנערישע קלאַסן אין דעם מאָ־מענט, אין דעם צוטריט וואָס מען האָט צו די פאַרשיידענע שליסל־פּאָזי־ציעס.

די באָלשעוויקעס, צו ווען עס איז אין דעם מאָמענט אַריינגעפאַלן אַזאַ לאַנד ווי רוסלאַנד, אַ זעקסטל פון דער וועלט, האָבן דערפילט, אַז עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעך געשעעניש איז פאָרגעקומען. אַ סך זאַכן זיינען מיט אַמאָל צוזאַמענגעפאַלן: דער אַלטער צאַרישער רעזשים, שוואַך און צע־

פּוילט איז צוזאַמענגעבראָכן; קיין נייער גרויסער כוח וואָס זאָל קאָנען אָנפירן מיט דעם לאַנד איז ניטאָ; די ביוראָקראַטיע, וואָס האָט געהאַט די מאַכט ביים צאַר, ליגט אין שרעק, באַהאַלטן אין די לעכער; די שנאה פון פאָלק שרעקט זיי; דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז צו שוואַך צו שפּילן אַ דעצידירנדיקע ראָלע, ווייל דער קאַפּיטאַליזם איז ניט געווען גענוג אַנטוויקלט; די פּויערים זיינען צעשפּליטערט און האָבן ניט קיין אַלגעמיינעם פּראָגראַם; די מענשעוויקעס און די אַנדערע רעכטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען ווי אַלעמאָל, ניט געוואַגט, פּאַרזונקען אין טעאָרעטישע פּלפּולים, די ליבעראַלן זיינען צעשוואומען און פאַרלוירן, זיי פאַלן אונטער דער משא פון געשעענישן. דעמאָקראַטיע, פרייהייט, מאָראַל, דאָס זיינען צאַצקעס מיט וועלכע מען קאָן זיך שפּילן אין אַ רואיקער צייט, אין אַ נאָרמאַלער צייט. ווען אָבער סאָציאַליזם הענגט אויף דער וואָגשאָל און בלויז אַ האָר קאָן אַראָפּוועגן אויף דער צווייטער זייט, קאָן מען זיך ניט אַרומשפּילן מיט אַזעלכע צאַצקעס און דערווייל אַלץ פאַרלירן, מען דאַרף האַנדלען ווי מען האַנדלט אין צייטן פון געפאַר. אויב דאָס גליק האָט צוגעשפּילט און עס קומט אַ צייט וואָס די מאַכט פאַלט אַריין אין די הענט פון די אַרבעטער, טאָר מען זי ניט אַרויסלאָזן. לענין האָט ניט געוואָלט אַ וואַנט פון טויטע קאָמונאַרן וואָס ליגן אין פאַריז אויף „פּער־לאַשעז". ער האָט געוואָלט לעבעדיקע פויסטן פון אַרבעטער, וואָס זאָלן ניט לאָזן אַרויסרייסן די מאַכט פון זייערע הענט.

דעמאָקראַטיע, פרייהייט, מאָראַל האָבן איין ציל: פאַרבעסערן דאָס לעבן פון מענטשן. דעמאָקראַטיע, אין אַן אומנאָרמאַלער, צעטרייסלטער צייט, אין די הענט פון אַן אומוויסנדיקער, צעפּלאָנטערטער מאַסע, קאָן זיין געפערלעך. דעמאָקראַטיע, אין אַ רואינירטער דייטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט געבריינגט נאַציזם און היטלערן אויף דער וועלט. אַ פאַרברעכן קעגן דעמאָקראַטיע צו ראַטעווען דעמאָקראַטיע, איז ניט קיין פאַרברעכן, דאָס גיט צו די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס נעמט אָן געזעצן איינצוצאַמען די נאַצישע און קאָמוניסטישע כוחות, וואָס קאָנען צעשטערן איר דעמאָקראַטיע. פרייהייט איז אַ געפערלעכער וואָפן אין די הענט פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן אין אַ ניט רואיקער געפערלעכער צייט.

אַזאַ צייט איז געווען אין רוסלאַנד 1917. קיינער האָט ניט געקאָנט וויסן, וואָס עס וועט ברענגען דער מאָרגנדיקער טאָג, די ריזיקע איז געווען גרויס.

דעמאָקראַטיע איז אַ וואונדערלעכע דערגרייכונג. אָבער קיין אָפּגאָט איז זי ניט. אין אַ צייט פון מלחמה ווען אַ לאַנד איז אין געפאַר איז קיינער ניט קעגן מען זאָל פאַרבויגן די דעמאָקראַטיע, אַזוי איז עס אויך אין אַ צייט

פון רעוואָלוציע. קיינער קאָן ניט האָבן קעגן לענינען וואָס ער האָט אָנגע־וועגדט רעוואָלוציאָנערע מיטלען איינצופירן סאָציאַליזם.

די מענשעוויקעס און די אינטעלעקטואַלן, וואָס פאַר זיי איז סאָציאַליזם אַ הייליקער אידעאַל, האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער באָלשעוויסטישער ברוטאַלקייט. איינפירן סאָציאַליזם מיט געוואַלט, הרגענען מענטשן צוליב דעם, דאָס איז ניט געווען אין זייער איידעלער נאַטור. די מערסטע פון זיי זיינען געווען מיטלקלאַס מענטשן, וואָס האָבן זיך אפשר געשראָקן פאַר דער מאַכט פון דעם פּראָסטן אַרבעטער — עס איז געווען פאַרוואָס זיך צו שרעקן — זיי האָבן געוואָלט סאָציאַליזם זאָל קומען ביסלעכווייז, אויף אַ נאַטירלעכן וועג; מיט דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, מיט דער קאָנ־צענטרירונג פון קאַפּיטאַל, מיט דער פאַראייניגונג פון פּראָלעטאַריאַט און מיט די ווידערשפּרוכן אין קאַפּיטאַליזם, וואָס וועט מאַכן אַז דער קאַפּיטאַליזם זאָל פון זיך אַליין צוזאַמענפאַלן און מען זאָל קאָנען אויפ־בויען די נייע סאָציאַליסטישע געביידע. פאַר זיי, פאַר אָט די מיטלקלאַס־סאָציאַליסטן איז ניט סאָציאַליזם נאָר דעמאָקראַטיע געוואָרן די הייליקסטע זאַך. אַלץ דאַרף זיין דעמאָקראַטיש. ווען די מערהייט פון פאָלק וועט זיין גרייט פאַר אַן איבערקערעניש, וועט מען נעמען און איבערקערן, כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ מען דאַרף ניט. סאָציאַליזם איז געוואָרן ביי זיי אַ סאָרט בוכהאַלטעריע, מען דאַרף פירן רעכנונג, מען דאַרף ציילן די שטימען. מען טאָר חלילה ניט מאַכן קיין טעות. אויב די קאַפּיטאַליסטן האָבן אָפּ־געקויפט אַ פאַר שכורים און די סאָציאַליסטן האָבן נאָך ניט קיין גענוגע מערהייט דאַרף מען וואַרטן. מען דאַרף וואַרטן אַזוי לאַנג, הייסט עס, ביז די שכורים וועלן זיך ניט לאָזן אָפּקויפן. דעמאָקראַטיע פאַר זיי איז ווי אַ גומענער גאַרטל פאַר אַ מענטש וואָס קאָן ניט שווימען. די גאַרטל האַלט זיי אויף דער אויבערפלאַך, זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין דעם ים פון רע־וואָלוציע. רעוואָלוציע איז געפערלעך פאַר ניט־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אַזוי ווי אַ טיפער ים איז געפערלעך פאַר די וואָס קאָנען ניט שווימען.

לענין איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, ער האָט פאַר קיין רעוואָלוציע ניט מורא געהאַט, ער האָט קיין דעמאָקראַטישן גאַרטל ניט באַדאַרפט. ער האָט פאַרטריבן די קאָנסטיטוּאירנדיקע פאַרזאַמלונג, און סאָציאַליסטן האָבן געהאַט די ערשטע געלעגנהייט צו מאַכן אַ סאָציאַליסטישן עקספּערימענט אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

וואָס עס איז דערנאָך געוואָרן פון סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ניט געווען לענינס שולד. עס איז די שולד פון סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט

1.

עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז דער ציל הייליקט דאָס מיטל איז בלויז כשר ביי די יעזואיטן און קאָמוניסטן. עס איז פּאַקטיש כשר ביי יעדער באַוועגונג, וועמענס ציל עס איז ניט בלויז צו פילאָזאָפירן נאָר דורכצופירן זאַכן אין לעבן. דאָס ווערטל, אַז פאַר שלום וועגן מעג מען זאָגן אַ ליגן, מיינט פּאַקטיש, אַז דער ציל הייליקט דאָס מיטל. עס איז בלויז אַ פראַגע ווי ווייט איינער גייט צו כשרן דאָס מיטל. די סאָציאַליסטן וואָס האָבן בלויז געוואָלט זיך באַוועגן און דיאַלעקטעווען וועגן די קאַפּיטאַליסטישע איבלען און סאָציאַליסטישע פאַרבעסערונגען האָבן זיך געקאָנט לייכט האַלטן ביי די איינגעוואָרצלטע מאָראַלישע פּרינציפּן. די אָבער, וואָס האָבן געוואָלט געבן אַ שניט אין דעם גאַנג פון דער געשיכטע, איינשטעלן אַ נייעם דינאַמישן כוח וואָס זאָל, ווי זיי האָבן געדענקט, רעאַליסטישער און גערעכטער דרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע, האָבן געמוזט צעטרייסלען און פאַרוואַרפן די אַלע קליינבירגערלעכע און אַפילו ניט־קליינבירגערלעכע אָנגענומענע פּרינציפּן.

דאָס איז געווען די וועלט־אַנשויאונג און מאָראַלישע באַרעכטיקונג פון לענין און זיינע אָנהענגער.

עס איז שוין מער ניט געווען קיין פראַגע פון אַרגומענטן; די צייט פון אַרגומענטן איז אַוועק. דאָס ראָד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע האָט זיך געדרייט מיט פולער קראַפט. דער כוח פון שיינע פראַזן און שכלדיקע אַרגומענטן האָבן שוין דאָס ראָד ניט געקאָנט אָפּשטעלן. די פעסט־איינ־געוואָרצלטע זיילן פון פרייהייט, דעמאָקראַטיע, גערעכטיקייט האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן און פאַרלוירן די כוחות.

דער ציל: דאָס בעסטע פאַרן פאָלק — איז געוואָרן דער גרויסער די־נאַמישער כוח וואָס האָט פאַרשוועכט די פאַרגאַנגענהייט, צעטרייסלט די קעגנוואַרט, צו מאַכן אַ וועג פאַר דער צוקונפט.

דאָס איז געווען די איינשטעלונג פון די קאָמוניסטן.

ווען לענין און זיינע אָנהענגער האָבן אַריינגעקראָגן די מאַכט האָבן זיי געהאַט איין ציל: איינפירן סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און

העלפֿן אַנדערע לענדער אין זייערע רעוואָלוציאָנערע אויפֿשטאַנדן, וואָס האָבן דעם ציל איינצופֿירן סאָציאַליזם.

לענין האָט געמיינט, אַלע אייראָפּעאישע לענדער זיינען גרייט פֿאַר אַ רעוואָלוציע, מען דאַרף זיי נאָר ווייזן דעם וועג. דער ציל איז געווען אַ גרויסער און אַ שווערער. אַ סך שווערער ווי זיי האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט. מאַרקס האָט געהאַט אָנגעגרייט אַ רפֿואה פֿאַר אַזאַ שווערער און קראַנקער צייט. די רפֿואה איז: דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. לענין האָט זיך מיט דער רפֿואה באַנוצט. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — האָט עס געהייסן — עקזיסטירט די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. קיין פֿאַרברעכן איז לענין ניט באַגאַנגען; פֿון סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט איז די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט אַ לעגיטימע, סאָציאַליסטישע איינפֿירונג.

לענין האָט מיט גאָרניט געזינדיקט קעגן סאָציאַליזם. ער האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט אַ טעאָריע נאָר מיט אַ ביטערער ווירקלעכקייט. ער האָט געהאַנדלט אונטער דעם צוואַנג פֿון דער שעה.

די סאָציאַליסטן קאָנען זיך ניט אָפּוואַשן מיט דעם תּירוץ, אַז לענין אָדער סטאַלין איז שולדיק אין דעם דורכפֿאַל פֿון סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דער עקספּערימענט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט באַוויזן, אַז די ווירקלעכקייט איז ווייט ניט אַזוי נאָכגיביק צו די סאָציאַליסטישע טעאָריעס ווי די סאָציאַליסטן האָבן דערוואַרט.

.2

קיין וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריע איז ניט פֿאַרזיכערט ביז זי ווערט ניט עקספּערימענטירט. אַ טעאָריע קאָן זיין זייער לאָגיש, אָבער ווען עס ווערט ניט געמאַכט קיין פּראָבע צו באַווייזן, אַז די טעאָריע איז ריכטיק, קאָן מען ניט זיין זיכער מיט איר. דאָס גילט אויך פֿאַר דער סאָציאַליסטישער טעאָריע. כאָטש לאָגיק, יושר און געפֿיל קאָן זיין פֿאַר דעם, אַז סאָציאַליזם איז דער בעסטער וועג ווי אַזוי צו לעבן; אויב מען האָט ניט געמאַכט קיין פּראָבע צו באַווייזן, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, קאָן מען נאָך אַלץ צווייפֿלען אין דער טעאָריע.

קליינע, לאָקאַלע סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן זיינען געמאַכט געוואָרן. עס זיינען געווען פֿוריעריסטן, סען סימאָניסטן, אָועניסטן וואָס האָבן געגרינדעט לאָקאַלע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿטן. אַלע, פֿון באַדייטונג, זיינען אונטערגעגאַנגען. די איינציקע גרופּעס וואָס האָבן זיך געגרינדעט אויף סאָציאַליסטישע יסודות און עקזיסטירן זיינען די קבוצות אין ישׂראל. אָבער דאָ האָט שוין געשפּילט אַ ראָלע דער נאַציאָנאַלער

מאַטיוו. אויך די קבוצות זיינען היינט ניט מער קיין סאָציאַליסטישע, נאָר איינפאַך קאַפּיטאַליסטישע קאָאָפּעראַטיוון.

עס איז געקומען אַ צייט אין דער געשיכטע, ווען עס איז געלונגען צו מאַכן אַ סאָציאַליסטישן עקספּערימענט אויף אַ זעקסטל פון דער וועלט צו באַווייזן, אַז די סאָציאַליסטישע טעאָריע איז אַ ריכטיקע.

אין אָקטאָבער 1917 האָבן די סאָציאַליסטן, אונטער דער אָנפירונג פון לענין, געהאַט אַ געלעגנהייט איינצופירן סאָציאַליזם אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב אַזוי ווי די סאָציאַליסטן האָבן געדענקט, אַז עס וועט אַרבעטן.

די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז געמאַכט געוואָרן, מער־וויניקער, לויט די כללים וואָס מאַרקס האָט אָנגעוויזן. אמת, רוסלאַנד איז נאָך ניט געווען גענוג אינדוסטריעל אַנטוויקלט פאַר אַזאַ רעוואָלוציע, אָבער דורכלאָזן די געלעגנהייט, ווען אַזאַ רעוואָלוציע קאָן געמאַכט ווערן, האָט מאַרקס זיכער ניט געהייסן. מאַרקס איז ניט נאָר ניט געווען קעגן נאָר האָט אַליין אָנטייל גענומען אין די רעוואָלוציעס אין אייראָפּע אין זיין צייט, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען זיכער געמאַכט געוואָרן פאַר דער צייט. וואָס מיינט דען צייט פאַר אַ רעוואָלוציע? יעדע רעוואָלוציע וואָס קאָן גע־וואונען ווערן, ווערט זיכער געמאַכט אין צייט. און די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז געוואונען געוואָרן. די סאָציאַליסטן לייגן אַ סך געוויכט אויף דעם אַרגומענט: אַז דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז געווען, ווייל זי איז געמאַכט געוואָרן פאַר דער צייט. אָננעמען אַזאַ אַרגו־מענט מיינט: אַז סאָציאַליזם איז ניט פעאיק צו בויען אינדוסטריעס נאָר צו פאַרכאַפּן אויפגעבויטע אינדוסטריעס; דאָס איז אַ צעשטערונג פון סאָציאַליסטישן ציל: צו בויען די וועלט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. מאַרקס האָט ניט געזאָגט, אַז מען טאָר ניט מאַכן קיין רעוואָלוציע איידער די אינדוסטריעס זיינען אַנטוויקלט. ער האָט געזאָגט, אַז דאַן ווען די איני־דוסטריעס וועלן ווערן אַנטוויקלט וועט זיין די העכסטע צייט ווען אַ רעוואָ־לוציע זאָל געמאַכט ווערן. אויב די אַרבעטער קריגן אַריין די מיטלען פון פּראָדוקציע אין זייערע הענט פריער, וועלן זיי זיכער קאָנען בויען דאָס לאַנד מיט סאָציאַליזם בעסער, ווי מען בויט מיט קאַפּיטאַליזם, מער פּראָ־דוקטיוו און אָן עקספּלואַטאַציע.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט פאַרכאַפּט ניט נאָר סאָציאַליסטן נאָר אויך די ראַדיקאַלן און פּראָגרעסיווע עלעמענטן. עס האָט אויסגעזען, אַז עס איז אָנגעקומען אַ נייע עפּאָכע, אַ סאָציאַליסטישע עפּאָכע. די וועלט איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי לאַגערן: אין לינקע און רעכטע. די לינקע האָבן ווי כוואַליעס פאַרפלייצט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן; דורך פאַר־שיידענע וועגן האָבן זיי אומעטום געקראָגן אַן איינפלוס. אַ קעגנער פון די

לינקע איז געוואָרן אַ הילפלאָזער מענטש. אין אייראָפּע האָבן די לינקע סאָציאַליסטן קריטיקירט אָבער מיטגעגאַנגען מיט די קאָמוניסטן; זיי זיינען געוואָרן קאָמוניסטן מיט רעזערוואַציעס. די רעכטע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן ניט געוואָלט איינשטימען מיט די קאָמוניסטן און זיינען געגאַנגען באַזונדער האָבן זיך געפילט איזאָלירט. דאָס פאַרמעגן, ווי ביבליאָטעקן, צייטונגען און לאָקאַלן איז אין מערסטע פאַלן פאַרכאַפּט געוואָרן פון די קאָמוניסטן. די רעכטע האָבן אָנגעפירט אַ שווערן קאַמף אָנצוהאַלטן זייערע אָרגאַניזאַציעס. און ניט אומעטום איז עס זיי געלונגען. אין די פאַראייניקטע־שטאַטן איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, נאָך אַ פּאָר יאָר אינערלעכע רייסערייען, אונטערגעגאַנגען. זייער פירער, נאָרמאַן טהאָמאַס, איז דערנאָך טרויעריק באַרימט געוואָרן מיט דעם, וואָס ניט זייענדיק אַ קאָמוניסט האָט ער פונדעסטוועגן אָנגענומען די זעלביקע אידיאָטישע ליניע, אַז מיר דאַרפן זיך ניט מישן אין דער מלחמה און מיר דאַרפן ניט העלפן ענגלאַנד, ווייל פאַר אונז איז ניט קיין אונטערשייד ווער עס וועט זיגן דער דייטשער נאַציזם צי דער ענגלישער אימפּעריאַליזם.

פון דעם יידישן „בונד" איז כמעט אַ העלפט גלייך אַריבער צו די קאָמוניסטן. זיי זיינען געוואָרן די „יעווסעקעס" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָבן דערנאָך געמסרט איינער אויף דעם צווייטן ביז מען האָט אַלע ליקווידירט. די איבעריקע בונדיסטן האָבן זיך אַזוי שפּעט ווי אין 1920 געוואָלט אָנשליסן אין דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די קאָמוניסטן האָבן דאַן אַרויסגעשטעלט 21 פּונקטן. אַ פּאָר פּונקטן, וואָס די בונדיסטן האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם נאָכצוגעבן האָט געשטערט די בונדיסטן זיך אָנצושליסן אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די מערהייט פון רוסישן פאָלק און די מערהייט פון דער ראַדיקאַל־פּראָגרעסיווער וועלט האָט דאַן געהאַלטן מיט די באָלשעוויקעס. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן באַזיגן זייערע קעגנער אין דעם בירגער־קריג וואָס האָט אָנגעהאַלטן דריי יאָר צייט.

דער זיג פון די באָלשעוויקעס, איבער אַלע זייערע קעגנער אין לאַנד, האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אויסלאַנד. אין אַלע לענדער איז געוואָרן אַ געלויף, אַריבער צו די קאָמוניסטן.

אויף דער יידישער גאַס האָט עס אויסגעזען, אַז די אַלטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ווערט אינגאַנצן אָפּגעווישט, און די נייע, די קאָמוניסטישע וועט פאַרנעמען איר פּלאַץ. כמעט אַלע וויכטיקסטע שרייבער ווי לייוויק, משה נאַדיר, רייזען, אָפּאַטאָשו און אַנדערע זיינען אַריבער צו די קאָמוניסטן. אַ טייל פון די שרייבער אין „פאָרווערטס" מיט צביון און ראָגאָף אין דער שפּיץ זיינען אַוועק צו די קאָמוניסטן. פאַר די יידישע קאָמוניסטן איז

געווען לייכטער אָנצופילן אַ זאַל וואו עס גייען אַריין 25 טויזנט מענטשן ווי פאַר די רעכטע סאָציאַליסטן צוזאַמען צוברענגען עטלעכע מנינים מענטשן. דער דרוק פון די קאָמוניסטן איז דאַן געווען זייער שטאַרק אויף דער יידישער גאַס, אַ קעגנער האָט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט. עס איז געווען פאַרוואָס מורא צו האָבן, די יוניאָנס וואָס זיינען אַריבער צו די לינקע האָבן געקאָנט אַזאַ איינעם מאַכן ברויטלאָז. די קאָמוניסטן האָבן באַקומען אַ צוטריט צו די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס, ווי רעליעף־ און אַרבעטער־פּראָיעקטן. אין קאַפּיטאַליסטישן אַמעריקע איז דאַן געווען אַ מורא צו זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר קאַפּיטאַליזם.

3.

וואָס איז דערנאָך געשען? וועלכער כוח האָט דאָס אַזוי אַ דריי געגעבן דאָס ראָד פון דער רעוואָלוציע, דאָס מען האָט זיך אָפּגעקערט פון איר? פאַרוואָס זיינען ניט נאָר אומפּאַרטייאישע נאָר אויך קאָמוניסטן, פּאַרטייאישע אַוועק פון די קאָמוניסטן? פאַרוואָס אַזוי פיל אַריבערלויפער? מענטשן וואָס זיינען געווען באַגייסטערטע קאָמוניסטן זיינען געוואָרן ביטערע קעגנער, וואָס מסרן אויף זייערע געוועזענע חברים. וואָס איז געשען, וואָס די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז געוואָרן אַזוי פאַרהאַסט ביי מענטשן, וואָס זיינען פריער געווען אויסערגעוויינטלעך באַגייסטערטע פאַר איר?

אין אַלגעמיין קאָן מען זאָגן אויף די מענטשן, אַז זיי זיינען פּונקט אַזוי פאַרבלענדט אין זייער האַס איצט, ווי זיי זיינען געווען אין זייער באַגייסטערונג פריער. זיי האָבן פריער ניט געהאַט קיין ריכטיקן באַגריף פון דעם וואָס עס איז ווירקלעך פאָרגעקומען ווי זיי האָבן עס ניט איצט. דאָס גילט אַפילו אויף אַזעלכע וואָס זיינען געווען פירער און טעאָרעטיקער.

אַ טייל ווערן געפירט פון אַ מאַסן־פּסיכאָז; אַלע זיינען געווען באַגייסטערט, זיינען זיי אויך געווען באַגייסטערט; אַלע זיינען געוואָרן האַסער, האַסן זיי אויך. דאָס טרעפט זיך אַלעמאָל מיט גרויסע מאַסן־באַוועגונגען. אַ טייל גראָד פון די פירער און שרייבער, האָט פּשוט דערוואָרט אַ פּערזענלעכע דערגרייכונג. זיי זיינען געוואָרן אַנטוישט, ווען זיי האָבן ניט דערגרייכט וואָס זיי האָבן דערוואָרט. אַ טייל, גרויסע פאַנטאַזיאָרן, האָט זיך געמאָלן די איבערקערעניש אין רוסלאַנד אין אויסערגעוויינלעכע שיינע און ליכטיקע פאַרבן, וואָס האָבן ניט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. ווי אַלעמאָל, ווערן מענטשן אַנטוישט ווען די ווירקלעכקייט שטימט ניט מיט זייערע פאַנטאַזיעס.

אין דער ווירקלעכקייט איז אין רוסלאַנד פאָרגעקומען אַ גרויסער היסטאָרישער עקספּערימענט, וואָס האָט זיך ניט איינגעגעבן. צו באַשולדיקן

איז ניטאָ וועמען. דער עקספּערימענט וואָלט זיך ניט איינגעגעבן ווער עס זאָל ניט האָבן געווען געשטאַנען אין דער שפּיץ, ניט טראָצקי, ניט בוכאַרין און ניט אַבראַמאָוויטש וואָלטן געקאָנט העלפן; אויב זיי וואָלטן אָנגעהאַלטן זייער גלויבן אין סאָציאַליזם און וואָלטן געוואָלט דורכפירן דעם סאָציאַליסטישן עקספּערימענט.

אַזאַ סיסטעם ווי די סאָציאַליסטן האָבן זיך פאָרגעשטעלט: אַ סיסטעם פון פאָלקאָמענע פּערזענלעכע פרייהייט, אַ סיסטעם פון גלייכהייט, וואו יעדער זאָל אַרבעטן ווי ער קאָן און קריגן לויט זיינע באַדערפעניש, אַ סיסטעם וואו יעדער איינער זאָל ווידמען זיין לעבן פאַר דער געזעלשאַפט, האָט מען ניט געקאָנט דורכפירן. די אורזאַך קאָן זיין איז, ווייל סאָציאַליזם איז אַ מדרגה, וואָס ווייניק מענטשן זיינען צו דעם דערוואַקסן.

דער עקספּערימענט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט באַוויזן, אַז מען קאָן ניט צופּאַסן דעם מענטש צו דעם סיסטעם; דער סיסטעם מוז זיך צופּאַסן צום מענטש. דאָס וואָס עס איז ווירקלעך פאָרגעקומען איז געווען אַזוי אַנדערש און אַזאַ אַנטוישונג, אַז מען האָט פּשוט ניט געקאָנט ווייטער אָנגיין מיט דעם עקספּערימענט.

אין אָקטאָבער 1917 האָבן די באָלשעוויקעס געוואונען די מאַכט אַ דאַנק די קראָנשטאַטער מאַטראָזן. די מאַטראָזן האָבן אָנגעשטעלט זייערע קאַנאָנען אויף דעם „צאַרסקאָי סעלאָ" גרייט צו שיסן אויף דעם פּלאַץ ווי די „קאָנסטיטוענט אַסעמבלי" איז זיך צונויפגעקומען. זיי האָבן געהאַלטן מיט די באָלשעוויקעס און גרייט געווען צו קעמפן פאַר זיי, גרייט געווען אַוועקצוגעבן זייער לעבן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. פיר יאָר שפּעטער אין 1921 זיינען די זעלביקע מאַטראָזן געווען אַזוי אַנטוישט אין דער רעוואָלוציע און אין דעם סאָציאַליסטישן עקספּערימענט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד, גרייט געווען אַוועקצוגעבן זייער לעבן קעגן דעם נייעם סיסטעם. דער אויפשטאַנד איז געוואָרן אונטערדריקט. טראָצקי איז דעמאָלט געווען קריגס־מיניסטער און ער האָט ניט געזשאַלעוועט דאָס בלוט פון די מאַטראָזן. אַ גרויסע צאָל פון די מאַטראָזן זיינען געהרגעט געוואָרן, די איבעריקע זיינען אויף דעם פאַרפרוירענעם אייז אַנטלאָפן קיין פינלאַנד. דאָס ווערט געגנוי און טאַלאַנטפול באַשריבן אין דאָקטאָר שטיינבערגס בוך „אין ווערקשטאַט פון דער רעוואָלוציע" וואָס איז ניט לאַנג צוריק אַרויס אין ענגליש. וועגן דעם קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף דאָקטאָר י. נ. שטיינבערג, ווייל ער איז געווען דערביי.

אין דעם זעלביקן יאָר, אין 1921, איז געשען נאָך אַ זאַך וואָס איז נאָך מער וויכטיק. לענין איז געקומען צום צענטראַל־קאָמיטעט און געזאָגט: „אונזער סאָציאַליסטישער סיסטעם אַרבעט ניט גוט. מען מוז, טייל־

ווייז, צוריק איינפירן קאַפּיטאַליזם". ער האָט זיין מיינונג באַפּוצט מיט שיינע פּראַזן, אָנגערופן עס „נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק" געזאָגט: „מען דאַרף מאַכן אַ שריט צוריק צו קאָנען מאַכן צוויי שריט פאָרווערטס". די ענדערונג וואָס דאַרף געמאַכט ווערן איז איינגעוויקלט געוואָרן אין אַ סך שיינע ווערטער אָבער דער תוך איז געווען, אַז דער סאָציאַליסטישער סיסטעם וואָס די באָלשעוויקעס האָבן איינגעפירט אַרבעט ניט גוט און מען מוז גיין צוריק, צוריק צו קאַפּיטאַליזם.

סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן האָבן אַ נייגונג צו איגנאָרירן יענע צייט. פאַר פאַרשער פון סאָציאַליזם איז יענע צייט זייער וויכטיק.

ווען מען וואָלט דעמאָלט ניט געמאַכט קיין ענדערונג האָט עס געהאַלטן דערביי, אַז דער גאַנצער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט זאָל צוזאַמענברעכן, דאָס לאַנד זאָל אַריינפאַלן אין אַ כאַאָס און עס זאָל קומען צו דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין דער געשיכטע.

דער טריט צוריק איז געמאַכט געוואָרן. דער „נעפּ" וואָס האָט געמיינט אַ שריט צוריק צום קאַפּיטאַליזם האָט אויפגעלעבט דאָס לאַנד.

דריי יאָר שפּעטער דעם 21־סטן יאַנואַר 1924 איז לענין געשטאָרבן. עס קאָן זיין, אַז לענין איז געשטאָרבן פון אַ קראַנקייט וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן פון דער קויל פון אַ יידיש מיידל מיט דעם נאָמען קאַפּלאַן. עס איז אויך מעגלעך, אַז לענין איז געשטאָרבן פון האַרץ־ווייטיק, פון פאַרצווייפלונג; די רעוואָלוציע האָט געקאָסט אַ סך קרבנות און לענין איז ניט געווען מער זיכער, אַז זיין באָלשעוויסטישער וועג איז דער בעסטער וועג און אַז די רעוואָלוציע האָט ווערט געהאַט דעם פּרייז.

לענין האָט דערלעבט צו זיין דער אָנפירער פון דעם גרעסטן סאָציאַליסטישן עקספּערימענט אין דער געשיכטע. ער האָט אויך דערלעבט צו זיין דער, וואָס זאָל צוגעבן, אַז דער גרעסטער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט איז אַ דורכפאַל און מען דאַרף גיין צוריק. די צוקונפט איז געווען אין צווייפל. פאַר לענינען האָט דער זין פון לעבן פאַרלוירן יעדן ווערט.

דער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט האָט זיך ניט איינגעגעבן.

סטאַלין

סטאַלין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1879 אין גאָרי, אַ קליין שטעטל וואָס ליגט אויפן וועג צווישן טיפליס און באַטום אין גרוזיען אויפן קאַווקאַז. זיין פאָטער וויסאַריאָן דזשוגאַשווילי, אַ גרוזין, איז געווען אַן אָרעמער שוסטער, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט פאַרריכטן אַלטע שיך. די גרוזינער זיינען איינע פון די קליינע פעלקער אויפן מזרח, וואָס האָבן, ווי די רוסן, אָנגענומען די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע רעליגיע. דערמיט זיינען זיי נעענטער צו די רוסן פון די אַנדערע, וואָס האָבן אָנגענומען דעם מוסולמאַנישן גלויבן. ווען סטאַלין איז אַלט געוואָרן ניין יאָר האָבן אים די עלטערן אַריינגעגעבן אין אַ רעליגיעזער שול, וואו מען דערציט קינדער פאַר פריסטער. ווען ער איז אַלט געוואָרן עלף יאָר איז זיין פאָטער געשטאָרבן. סטאַלין איז געווען דער פערטער זון ביי זיין מוטער; די ערשטע דריי זיינען געשטאָרבן. סטאַלין איז געבליבן איר איינציקער זון און ער איז געווען זייער ציטעריק ביי איר. סטאַלין האָט געענדיקט די עלעמענטאַרשול און איז אַריין אין אַ סעמינאַר וואו ער האָט זיך ערנסט געגרייט צו ווערן אַ פריסט. אין סעמינאַר האָט ער זיך באַקאַנט מיט סטודענטן וואָס זיינען געווען סאָציאַליסטן. זיי האָבן אים געגעבן צו לייענען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. ער האָט פלייסיק געלייענט די ליטעראַטור און געוואָרן פאַרכאַפּט פון דער אידעע; ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט. ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. מען האָט עס אויסגעפונען אין סעמינאַר און אים אויסגעשלאָסן.

דאָס האָט סטאַלינען ניט געאַרט, ווייל ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן ניט צו ווערן אַ פריסט. ער האָט גענומען שטודירן מאַרקסן און די אַנדערע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער. ער האָט אַגיטירט און אָרגאַניזירט סאָציאַליסטישע קרייזן. די פאַרטיי האָט אָנערקענט זיינע פעאיקייטן און האָט אים אָנגעשטעלט צו אַרבעטן פאַר דער פאַרטיי. ער איז געוואָרן אַ פאַרטייפונקציאָנער. אין יאָר 1902 איז ער געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט נאָך סיביר. אין ווייניקער ווי פיר וואָכן איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן, צוריקגעקומען קיין טיפליס אַרבעטן פאַר דער פאַרטיי. אין 1905 האָט ער זיך באַקאַנט מיט לענינען, וועמען ער האָט זייער געערט; דאָס איז געווען

אויף אַ פּאַרטיי צוזאַמענפאַר אין פינלאַנד; דאָרט האָט ער זיך אויך באַקאַנט מיט טראָצקין. ווען סטאַלין איז צוריקגעקומען קיין טיפליס האָט ער געגרינדעט אַ סאָציאַליסטישע צייטונג אויף דער גרוזינישער שפּראַך. ער איז נאָכאַמאָל געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט. ער איז ווידער באַלד אַנטלאָפן, אָבער שוין ניט קיין טיפליס וואו מען האָט אים גוט געקאַנט, נאָר קיין פּעטערבורג.

די חברים וואָס זיינען געגאַנגען מיט אים אין שול דערציילן וועגן סטאַלינען: ער האָט געהאַט איין אויסגעוויינטלעכן זכרון, איז געווען דער בעסטער אין שול און געענדיקט מיט אויסצייכענונגען. ער האָט געקאַנט זינגען און געווען איינער פון כאָר אין אַ קירכע. ער איז געווען זייער גוט אין צייכנען. ער איז געווען באַשיידן אָבער ניט סענטימענטאַל, מען האָט אים קיינמאָל ניט געזען וויינען. איינער דערציילט, אַז ווען סטאַלין איז אַלט געווען נאָר דרייצן יאָר, האָט ער צו אים געזאָגט וועגן די לערער אין שול: „דו ווייסט, זיי נאַרן אונז, עס איז ניטאָ קיין גאָט". ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט ער שוין דעמאָלט געהאַט געלייענט דאַרווינען.

פינף יאָר איז ער געגאַנגען אין סעמינאַר ביז מען האָט אים אויסגע־שלאָסן. די שול האָט אים אויסגעהאַלטן אָבער קיין געלט פאַר זיך האָט ער ניט געהאַט, אין דער צייט ווען אַנדערע יינגלעך האָט מען יאָ צוגעשיקט געלט פון דער היים. פאַרשטענדלעך, אַז ער איז געווען פאַרביטערט וועגן דעם, ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור און געדאַרפט האָבן אַ ביסל טאַשן־געלט.

אויפן קאַווקאַז זיינען באַנדיטן גלייכצייטיק רעוואָלוציאָנערן. זיי ווערן באַנדיטן, ווייל זיי קאָנען ניט פאַרטראָגן די שקלאַפעריי. די באַפעלקערונג קוקט אויף זיי ווי אויף העלדן. סטאַלין האָט אויך אַזוי געקוקט אויף זיי.

ווען עס האָט אויסגעפעלט געלט אין דער פאַרטיי האָט סטאַלין מיט זיינס אַ חבר טער פּעטראָסיאַן באַפאַלן אַ רעגירונגס־באַנק און צוגענומען דריי הונדערט טויזנט רובל. דאָס גאַנצע געלט האָבן זיי אָוועקגעגעבן צו דער פאַרטיי. די פאַרטיי איז אָבער געווען קעגן אַזעלכע אַקציעס. סטאַלין איז געוואָרן אָנגעקלאָגט און געטאַדלט פאַר זיין האַנדלונג.

אין 1913 איז סטאַלין ווידער געוואָרן אַרעסטירט. דאָס מאָל איז ער ניט אַנטלאָפן נאָר געבליבן ביז 1917, ביז דער רעוואָלוציע, ווען מען האָט אים באַפרייט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּאָליטישע־פאַרשיקטע. דאָס מאָל האָט מען אים פאַרשיקט זייער ווייט פון וואַנען עס איז ניט געווען אַזוי לייכט צו אַנטלויפן. די אורזאַך פאַרוואָס ער איז ניט אַנטלאָפן איז אָבער געווען דאָס, וואָס די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און ער איז געווען אין די יאָרן, וואָס מען האָט אים געקאָנט נעמען אין מיליטער. ער האָט

בעסער געוואָלט זיין אַ פאַרשיקטער איידער גיין אין מלחמה.

סטאַלין איז געוואָרן אַ באָלשעוויק אין 1903 ווען די פּאַרטיי האָט זיך צעטיילט אין „באָלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס". ער איז דער ערשטער, וואָס האָט לענינען אַרויסגעשטעלט ווי אַן אָריגינעלן טעאָרעטיקער און אָנגערופן זיין לערע „לעניניזם".

סטאַלין און טראָצקי זיינען געווען צוויי קאָנטראַסטן. טראָצקי איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך מעלות. אין אַ פאַרגלייך צו סטאַלינען איז ער געשטאַנען הונדערט קעפּ העכער. טראָצקי איז געווען איינער פון די גרויסע רעדנער אין דער וועלט, סטאַלין איז געווען גאָר אַ קנאַפּער רעדנער. טראָצקי איז געווען איינער פון די באַוואוסטע שרייבער. די לעצטע צייט, פאַר זיין טויט, זיינען זיינע ביכער געווען אַ ריזיקער דערפאָלג. אין 1917 איז ער שוין געווען אַ באַרימטער זשורנאַליסט, וואָס האָט געקראָגן גוט באַצאָלט פאַר זיין שרייבן. סטאַלין איז אויך געווען אַ שרייבער; ער האָט געשריבן אין דער פּאַרטיי־פּרעסע. באַרימט אַלס שרייבער איז ער ניט געוואָרן. ער האָט געשריבן וועגן לעניניזם, וועגן די נאַציאָנאַלע פראַגע און פאַרשיידענע פּאַרטיי־באַריכטן. טראָצקי פּערזענלעך האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַ הויכער, אַן ענערגישער, אַן אימפּאָזאַנטער. סטאַלין איז געווען אַ נידעריקער, אַ געשטיפּלטער, אַן איינפאַכער. יעדער וואָס האָט אים דערזען דאָס ערשטע מאָל האָט ניט געוואָלט צוגלויבן, אַז ער איז סטאַלין, אַזוי אומוויכטיק האָט ער אויסגעזען. טראָצקי איז געווען אַ בינע־מענטש, עכט־טעאַטראַליש ניט געקינצלט. סטאַלין האָט פיינט געהאַט טעאַטראַלישקייט, האָט זיך ניט גוט געפילט אויף אַ בינע. ער איז אַלעמאָל געשטאַנען אין אַ רייע, קיינמאָל ניט פאָראויס. ווען סטאַלין איז אַריינגעקומען אין אַ טעאַטער אָדער אין אַן אַנדער עפנטלעכן פּלאַץ וואו מען האָט אים שטאַרק אַפּלאָדירט האָט ער זיך קיינמאָל ניט פאַרבייגט און געדאַנקט, נאָר איז געבליבן זיצן און האָט אויך אַפּלאָדירט. עס האָט אויסגעקוקט מאָדנע. עס איז געוואָרן דערקלערט, אַז סטאַלין האַלט ניט דאָס ער פּערזענלעך פאַרדינט אַזאַ כבוד. עס איז דער אַמט וואָס ער פאַרנעמט. פאַר דעם אַמט האָט ער אויך דרך־ארץ און אַפּלאָדירט. סטאַלינס שנאה צו פּאָמפּ און גדלות איז געווען איינע פון די אורזאַכן וואָס טראָצקי איז אים געווען דערווידער, ווייל טראָצקי האָט עס ליב געהאַט. סטאַלין האָט פיינט געהאַט לוקסוס. ווען ער האָט שוין געוואוינט אין קרעמלין, געווען דער מעכטיקער דיקטאַטאָר האָט ער געהאַט עטלעכע קליינע צימערן, איינפאַך — אַ ביסל צו־איינפאַך — מעבלירט און געשלאָפן אויף אַן אייזערן בעט. ער האָט פיינט געהאַט אַריסטאָקראַטן אַפילו קאָמוניסטישע. זיינע ערשטע ביידע פרויען זיינען געווען אַרבעטער־פרויען.

ווען מען קוקט צוריק אויף די צוויי מענטשן, סטאַלין און טראָצקי, און מען זעט וואָס פון ביידע איז געוואָרן, זעט עס אויס ווי אַ רעטעניש וואָס עס איז שווער צו באַשיידן. עס זעט אויס אומנאַטירלעך, וואָס טראָצקי האָט געהאַט אַזאַ ניט־פאַרדינטן סוף, און סטאַלין איז געוואָרן דער הערשער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און איינער פון די וויכטיקסטע וועלט־פיגורן. דאָס איז ניט געווען דערפאַר ווייל טראָצקי איז געווען אַ ייד. דעמאָלט האָט דאָס ניט געשפּילט קיין ראָלע. סטאַלין איז אויך ניט קיין רוס און גערעדט רוסיש מיט אַן אַקצענט.

ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען?

דער ענטפער, קאָן זיין, איז, אַז סטאַלין האָט בעסער פון טראָצקין פאַרשטאַנען די צייט אין וועלכער מיר לעבן און די מענטשן: וואָס מען קאָן אַלץ מיט זיי טאָן.

דער ערשטער שטויס צו טראָצקיס באַרג־אַראָפּ און צו סטאַלינס שטייגן אַרויף איז פאָרגעקומען באַלד אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע. טראָצקי אַלס דיפּלאָמאַט האָט זיך געהאַט אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גרויסער דורכפאַל און סטאַלין אַלס סטראַטעג איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. עס איז געווען דעמאָלט ווען די רוסן האָבן געהאַלטן ביים שליסן שלום מיט די דייטשן. טראָצקי איז געווען דער הויפּט פון דער רוסישער דעלעגאַציע. די דייטשן האָבן נאַטירלעך פאַרלאַנגט פון די רוסן אַ סך. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז די דייטשן ווילן שלום מיט די רוסן, כדי זיי זאָלן ניט האָבן קיין צוויי פראָנטן. זיי וואָלטן זיך סוף־כל־סוף אויסגעגלייכט מיט די רוסן. טראָצקי האָט אָבער געוואָלט זיין אָריגינעל האָט ער ניט געוואָלט נאָכגעבן, נאָר דערקלערט: עס איז אויס מלחמה. זיין רעכנונג איז געווען דאָס די דייטשע אַרבעטער וועלן זיך ניט וועלן שלאָגן מיט אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, וואָס וויל ניט קיין מלחמה. ער האָט אָבער געמאַכט אַ ביטערן טעות. דער גענעראַל שטאַב האָט זיך אויסגעלאַכט פון טראָצקין און דער דייטשער אַרבעטער האָט זיך יאָ געשלאָגן. די דייטשן האָבן דערנאָך פאַרנומען גאַנץ אוקראַינע, גאַנץ קאַווקאַז און דרום־רוסלאַנד. דאָס האָט געמאַכט אַ דערדריקנדיקן איינדרוק אויף די רוסן. און טראָצקיס פּרעסטיזש איז געפאַלן.

אין 1919 איז סטאַלין געשיקט געוואָרן פון דער פּאַרטיי נאָך צאַריצין, דאָס שפּעטערדיקע סטאַלינגראַד, צו אָרגאַניזירן אַ בעסערן וועג צו שיקן שפּייז צום צענטער. ווען ער איז געקומען אין צאַריצין האָט ער דערזען אַ מאָדנע לאַגע: די שטאָט איז געווען באַלאַגערט פון ווייסע גוואַרדייער און געווען פיל מיט שונאים פון די באָלשעוויקעס וואָס האָבן זיך אויס־באַהאַלטן אין שטאָט. זיי וואָלטן זיכער געהאָלפן די ווייסע־גוואַרדייער איינ־נעמען די שטאָט. צופיל צייט זיך אָנצופרעגן איז ניט געווען, האָט ער אויף

זיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט איבערגענומען די מיליטערישע פי־רערשאַפט און געראַטעוועט צאַריצין פון די שונאים. דאָס זעלביקע איז געשען ווען סטאַלין איז געשיקט געוואָרן אַלס שליח פון דער פאַרטיי צום אוראַל וואו די רויטע אַרמיי האָט געהאַלטן ביי צוזאַמענברעכן. די ווייסע האָבן שוין געהאַט גענומען די וויכטיקע שטאָט פערם. סטאַלין האָט דאָרט געמאַכט אַזעלכע סטראַטעגישע ענדערונגען וואָס האָבן געראַטעוועט די רויטע אַרמיי. דאָס זעלביקע האָט זיך ווידערהאָלט אין דעם וויכטיקן קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דעמאָלדיקן לענינגראַד, ווען די שטאָט איז גע־ווען אין געפאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון די ווייס־גוואַרדייער. סטאַלין האָט פשוט צעריסן די פון פריער אויסגעאַרבעטע סטראַטעגישע פּלענער און געמאַכט זיינע אייגענע. טראָצקי, וואָס איז געווען דער הויפּט פון דער אַרמיי האָט פּראָטעסטירט צו לענינען, פאַרוואָס סטאַלין נעמט זיך אַזוי פיל פרייהייט. לענין האָט אַלעמאָל איגנאָרירט די פּראָטעסטן ביז עס איז שוין געווען נאָך אַלעם, דאַן האָט ער צוריקגערופן סטאַלינען.

ווען דער בירגער־קריג האָט זיך געענדיקט איז סטאַלינס פּרעסטיזש געשטאַנען זייער הויך. ער האָט זיך פאַרדינט צו קריגן אַ הויכן אַמט. צו קיין דיפּלאָמאַטישן אַמט האָט מען אים ניט געקאָנט באַשטימען, ווייל ער האָט ניט געקאָנט קיין אייראָפּעאישע שפּראַכן און האָט ניט געהאַט קיין אַריסטאָקראַטישע מאַניערן. האָט זינאָוויעוו פאָרגעשלאָגן מען זאָל אים מאַכן פאַר דעם סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי, וואָס האָט זיך ניט גערעכנט פאַר אַ וויכטיקן אַמט.

סטאַלין אַלס סעקרעטאַר וואָלט ניט געקאָנט שטייגן צו הויך, פון אַ סעקרעטאַר ביז אַ דיקטאַטאָר איז אַ ווייטער מהלך. עפּעס איז געשען, וואָס האָט צוגעשפּילט סטאַלינען, ער זאָל קריגן מער מאַכט — לענין איז קראַנק געוואָרן. ווען לענין איז קראַנק געוואָרן האָט זיין אַרבעט באַדאַרפט געטאָן ווערן דורך סטאַלינען. דאָס האָט פּלוצים סטאַלינען געגעבן אַ הויב־אַרויף, ער האָט ניט געטאָן בלויז די אַרבעט פון אַ סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי, נאָר אויך די רעגירונגס־אַרבעט. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אונטער לענינס פירערשאַפט אָבער לענין איז געוואָרן שוואַכער און קראַנקער, ער האָט ניט געקאָנט האָבן צופיל קאָנטראָל איבער סטאַלינען. ווען לענין איז געשטאָרבן איז אַ גרויסער טייל פון לענינס אַרבעט איבערגעגאַנגען צו סטאַלינען, פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט די זעלביקע אַרבעט שוין געטאָן פריער.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע פראַקציעס איז סטאַלין שוין געהאַט אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקע פיגור מיט אַן אייגענער מיינונג, וואָס איז געווען פּראַקטישער און האָט אַפּעלירט

צו דער מערהייט פון דער פּאָליט־ביוראָ. דאָס לאַנד איז נאָך אַלץ געווען אין אַ רעוואָלוציאָנערן צושטאַנד און די רעגירונג האָט געהאַנדלט ווי אין אַזאַ צושטאַנד — אָפּגערוימט די קעגנער פון וועג.

סטאַלין האָט זיך געקליידט זייער איינפאַך. אין די פריערדיקע יאָרן איז ער אַלע מאָל געגאַנגען אין איין אַרבעטער־רעקל, דערנאָך איז ער אַלעמאָל געגאַנגען אין אַ מיליטעריש רעקל. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אָנגעטאָן אין רייכע ספּאָרטישע אָנצוגן.

אין 1912 האָט סטאַלין חתונה געהאַט אין באַקו מיט אַ גרוזינערין. זי איז געקומען פון זיינע קרייזן און געווען אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי. ער האָט געהאַט מיט איר אַ זון. די היירעט איז ניט געווען קיין דערפאָלג. מיט זיבן יאָר שפּעטער האָט ער זיך געגט. מען זאָגט, אַז די ערשטע פרוי איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט. ער האָט דאָס צווייטע מאָל חתונה געהאַט אין מאָסקווע מיט אַ מיידל פון איינפאַכע אַרבעטער. די צווייטע פרוי איז געווען אַ יונגע, שיינע און פעאיקע. נאָך דער חתונה האָט זי זיך גענומען לערנען און געגאַנגען אין אַן אינדוסטריעלע־אַקאַדעמיע. אַזוי ווי עס האָט זיך דעמאָלט געפירט, אַז אַ מיידל וואָס האָט חתונה געהאַט האָט ניט גע־ ענדערט איר מיידלשן נאָמען, האָט זיך סטאַלינס פרוי אויך אַזוי געפירט. און די סטודענטן מיט וועמען זי האָט זיך געלערנט האָבן אפילו ניט גע־ וואוסט, אַז זי איז סטאַלינס פרוי. זי אַליין האָט ניט געוואָלט מען זאָל וויסן. ער האָט מיר איר געהאַט צוויי קינדער אַ טאָכטער און אַ זון. די פאַמיליע האָט געלעבט זייער באַשיידן און איבערגעגעבן. וועגן דעם טויט פון סטאַלינס צווייטער פרוי איז דאָ אַ שטיקל מיסטעריע, ווייל זי איז פּלוצים געשטאָרבן. טייל זאָגן זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָך אַ קריג מיט סטאַלינען. עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז סטאַלין האָט זי דערהרגעט. אָפיציעל איז זי געשטאָרבן פון אַ בלינדער קישקע פּאַרגיפטי־ קונג „אַפּעניסיידעטס", וואָס זי האָט זיך ניט געוואָלט באַלד לאָזן אָפּערירן ביז עס איז געוואָרן צו שפּעט. מען האָט איר געמאַכט אַ גרויסע, פּאַראַדנע לוויה. סטאַלין איז געווען זייער דערשלאָגן נאָך דעם טויט פון זיין צווייטער פרוי.

סטאַלין האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט, צום דריטן מאָל, מיט אַ יידישע פרוי, ראָזע קאַגאַנאָוויטש, וואָס איז געווען יינגער פון אים מיט זיבן־ און־צוואַנציק יאָר, זייער אַ שיינע. זי איז אַ שוועסטער פון דעם באַרימטן רוסישן פירער לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש. זי איז שוין ניט געווען אַזוי איינפאַך ווי די פריערדיקע פרויען, זי האָט געוואָלט פירן שטאַט און לעבן ווי אַן ערשטע דאַמע פון לאַנד. סטאַלין האָט ניט לאַנג געלעבט מיט איר, בלויז עטלעכע יאָר און זיך מיט איר געשיידט. סטאַלינס איינציקע טאָכטער,

וואָס איז שוין געווען אַ דערוואַקסן מיידל, האָט איבערגענומען די ווירט־שאַפט אין הויז און אָנגעפירט מיט איר ביז סטאַלינס טויט.

סטאַלין, דער זון פון אַ שוסטער־לאַטוטניק, וואָס האָט ניט געהאַט קיין הויכע בילדונג, ניט קיין גוטע מאַניערן, ניט געווען קיין גוטער רעדנער, ניט קיין ספּעציעל גוטער שרייבער; אַ פּשוטער מענטש מיט אַ פּראָסט ענערגיש פּנים, ניט קיין רוס אַפילו, וואָס האָט פיינט געהאַט לוקסוס און אַריסטאָקראַטן, אַן אָנהענגער פון אַן אידעע וואָס איז געווען פיינטלעך צו די פעלקער אין רוסלאַנד, ער האָט ניט געזשאַלעוועט זייער בלוט דורכ־צופירן זיין אידעע; ער, איז דווקא, אויפגעבויט געוואָרן ווי אַן אָפּגאָט פאַר די פעלקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

עס קאָן זיין, אַז גראַד סטאַלין, דער מזרח־מענטש, מיט זיין עקשנות, ברוטאַלקייט און געדולד, ווען דאָס פאָלק האָט ניט געקאָנט איינברעכן, נאָר וועלכער האָט איינגעבראָכן דאָס פאָלק; ער איז געווען, מער ווי אַלע אַנדערע, צוגעפּאַסט צו די פעלקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט זייערע איינגעבוירענע נייגונגען צום מזרח. זיי האָבן אין אים דערפילט אַ גרויסן כוח. און זיי האָבן זיך ניט אָפּגענאַרט; ער האָט דערפירט דאָס לאַנד צו ווערן, מיליטעריש, דאָס שטאַרקסטע אין דער וועלט און דאָס צווייטע אין דער וועלט, אינדוסטריעל.

אין אָנהויב 1956 האָט זיך ביי די פירער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אָנגע־הויבן אַ נייגונג אַראָפּצורייסן די איבערטריבענע פאַרגעטערונג פאַר סטאַ־לינען. דאָס האָט צו טאָן מיט דער נייער פּאָליטיק און מיט די ענדערונגען, וואָס די נייע פירער האָבן בדעה צו מאַכן.

סטאַליניזם

1. טאָטאַלער כּוח

נאָך לענינס טויט זיינען אַנטשטאַנען דריי ריכטונגען: איין ריכטונג, וואָס מען רופט „די רעכטע" האָט געזאָגט: מען דאַרף אָנגיין מיט דעם „נעפּ", איי דער „נעפּ" האָט זיך אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט און אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, דאָס ער קאָן דערטרינקען דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן עקספּערימענט, איז פאַרפאַלן; מען קאָן ניט פאַרניכטן אַ פאָלק צוליב אַ טעאָריע. דער עלעמענט האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון סאָציאַליזם. זיי האָבן געדענקט, עס איז צו פרי, מעגלעך דאָס לאַנד איז נאָך ניט רייף פאַר סאָציאַליזם. זייער וועג איז געווען דער עוואָלוציאָנערער וועג. דער פאַרשטייער פון דער ריכטונג איז געווען בוכאַרין.

אַ צווייטע ריכטונג, וואָס מען רופט „לינקע" האָט געזאָגט: די אורזאַך פאַרוואָס דער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַרבעט ניט גוט איז, ווייל סאָציאַליזם קאָן ניט עקזיסטירן אין איין לאַנד, סאָציאַליזם מוז זיין אויף דער גאַנצער וועלט. וואָס דאַרף דער סאָוועטן־פאַרבאַנד טאָן? אָפּשאַפן דעם „נעפּ", וואָס איז דער גרעסטער געפאַר פאַר דער רעוואָלוציע. די גאַנצע ענערגיע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד דאַרף אָנגעווענדעט ווערן אויף אָנפירן רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען איבער דער וועלט און העלפן אַלע אַנדערע לענדער רעוואָלטירן קעגן קאַפּיטאַליזם. ראַטעווען סאָציאַליזם קאָן נאָר אַ וועלט־רעוואָלוציע. דער פאַרשטייער פון דער ריכטונג איז געווען טראָצקי.

די דריטע ריכטונג איז געווען קעגן צוריקגיין צו די פריערדיקע עקספּערימענטן, האָט געשוויגן וועגן „נעפּ" און אויסגעלאַכט די וועלט־רעוואָלוציע. וואָס מען דאַרף, האָט זי געזאָגט, איז אַנטוויקלען דאָס לאַנד, בויען די שווערע אינדוסטריעס און ווערן מיליטעריש שטאַרק; צוליב דעם דאַרף מען פאַרשטאַרקן די דיקטאַטור, באַגרענעצן אַלע פרייהייטן, אינטענסיווער אַרבעטן און איבעריאָגן די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס צו דערגרייכן, איז נויטיק צו פאַרניכטן די קעגנער און צווינגען די אַרבעטער אָנצוגיין מיט די פינף־יאָריקע פּלענער. דער פאַרשטייער פון דער ריכטונג איז געווען סטאַלין.

דער אַלגעמיינער קאָנגרעס האָט געהאַלטן מיט סטאַלינען און אָנגענו־מען זיינע פאָרשלאָגן. זיינע קעגנער, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אונטער־וואַרפן דעם באַשלוס, זיינען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי.

די רעוואָלוציע האָט, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון סטאַלינען אָנ־גענומען די ריכטונג וואָס מען רופט „סטאַליניזם״.

סטאַלין האָט געפרעגט אַ גוטע פראַגע: פאַרוואָס זאָל דער סאָציאַליזם וואָס מיר האָבן איינגעפירט ניט אַרבעטן? מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט, אַלץ וואָס מאַרקס און די אַנדערע סאָציאַליסטישע פירער האָבן געהייסן טאָן: מיר האָבן אָפּגעשאַפט פּריוואַט־אייגנטום, אויסגעריסן קאַפּיטאַליזם מיט דעם וואָרצל, מיר האָבן פאַרניכטעט די קאַפּיטאַליסטן, גערודפט זייערע קינדער און קינדס־קינדער. מאַרקס האָט געזאָגט, רע־ליגיע איז סם: האָבן מיר פאַרבאָטן רעליגיע, פאַרניכטעט אַ סך פון די רעליגיעזע פאָרשטייער, געמאַכט פון קירכעס און סינאַגאָגעס אַרבעטער־קלובן און שטאַלן. דער אַרבעטער איז ביי אונז געוואָרן דער גרעסטער יחסן און פאַרנעמט דעם אויבן־אָן. מיר האָבן גערודפט די פּראָפעסיאָנאַלן, זיי ניט געטרויט; זיי האָבן באַדאַרפט דינען דעם אַרבעטער. דאָס פאָלק איז געווען אומוויסנדיק, ניט געקאָנט לייענען און שרייבן; האָבן מיר איינגעפירט צוואַנגס־שולן און אָפּגעשאַפט אַלפאַבעטיזם. דאָס פאַמיליען־לעבן וואָס איז געשטאַנען אויף ליגנט, אָפּנאַרעריי און צוואַנג האָבן מיר רעפאָרמירט; יעדער מאַן אָדער פרוי איז פריי, קאָן זיך לייכט שיידן אָדער גיין וואוינען צוזאַמען מיט וועמען ער, אָדער זי, וויל. מיר לאָזן ניט מער די קאַפּיטאַליסטן פאַרסמען די מוחות פון אונזערע קינדער. דער סאָציאַ־ליסטישער שטאַט דערציט די קינדער אין סאָציאַליסטישן גייסט. מיר האָבן אָפּגעשאַפט די שווינדלערישע וואָל־סטריט בערזעס, מיט אַלע גנבים וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט; וואָס זייער איינציקער צוועק איז געווען אָפּצונאַרן און באַשווינדלען די מאַסן. מיר האָבן איינגעפירט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט כדי אויסצוואָרצלען אַלע רעשטלעך פון קאַפּיטאַליס־טישער איבערבלייבעכץ און זיך פאַרזיכערן מיט אַן אמתער פאָלקס־דעמאָ־קראַטיע. פאַרוואָס זאָל עס ניט אַרבעטן?

מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס איז געווען נויטיק איינצופירן סאָציאַליזם. עס איז אוממעגלעך, עס זאָל ניט אַרבעטן. די וואָס זאָגן, עס אַרבעט ניט, זיינען פאַנטאַזיאָרן, קליינבירגער און קעגנער. סאָציאַליזם איז דאָס וואָס מיר האָבן, האָט סטאַלין געזאָגט. מיר זיינען ניט שולדיק אין דעם, וואָס עס איז ניט אַזוי ווי מען האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. מיר וועלן ניט אומ־ברענגען די ווירקלעכקייט צוליב פאַנטאַזיעס. אויב עס איז איצט ניט אַזוי גוט, וועט שפּעטער. ווען מיר וועלן אַנטוויקלען דאָס לאַנד, ווערן בעסער.

סטאַלין האָט צוגעגעבן אַז ווי שלעכט עס איז, איז עס אַלץ בעסער פון קאַ־פּיטאַליזם.

קאַפּיטאַליזם האָט פאַר סטאַלינען געמיינט: דאָס צאַרישע רוסלאַנד, אַמאָליקע שקלאַפעריי אין אַמעריקע, די נויט פון די אַרבעטער אין אייראָפּע אין צייטן פון אַ קריזיס, און די שלעכטע לאַגע ביי ניט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אין זיינע יינגע יאָרן האָט סטאַלין געליטן און געזען די נויט פון די אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס האָט ער גוט געדענקט.

דעם אַרגומענט, אַז ווי שלעכט סאָציאַליזם איז, איז עס אַלץ בעסער פון קאַפּיטאַליזם האָט סטאַלין פאַרלוירן צוליב „די אינטערנאַציאָנאַלע פרויען קליידער יוניאָן", וואו דובינסקי איז פּרעזידענט. איינפאַכע אַרבע־טער פרויען, שניידערקעס, איינפאַכע אַרבעטער מענער, שניידער און שוסטער, און אַנדערע בעלי־מלאכות האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף לוסט־רייזעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָנגעטאָן אין זיידענע קליידער און אין פּי־טערנע מאַנטלען, באַהאַנגען מיט גאָלד און בריליאַנטן זיינען זיי געקומען פון קאַפּיטאַליסטישן אַמעריקע באַגריסן די אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַר־באַנד, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפעריי. די אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן דערזען די נייע געסט האָבן זיי געמיינט, אַז מיליאָנערן זיינען געקומען. האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט, ווי רייך די געסט זיינען, וויפיל מיליאָנען זיי פאַרמאָגן. די געסט האָבן געענט־פערט, אַז זיי זיינען ניט קיין מיליאָנערן און ניט רייך, נאָר פשוטע אַרבע־טער.

וואָס?!!!! האָבן די אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך געוואונ־דערט, פון אַרבעטן ביי די קאַפּיטאַליסטישע בלוט־זויגערס קאָן מען זיך דערלויבן אַזעלכע לוקסוסן און מאַכן אַזעלכע פאַרשווענדערישע לוסט־רייזעס? ווען מיר דאָ, אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, האָבן קוים אויף אַ שטיקל ברויט! אויב אַזוי נאָרט מען דאָך אונדז, ווען מען זאָגט אונדז: אַז ווי שלעכט מיר לעבן דאַרפן מיר זיין צופרידן, ווייל אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער לעבן אַרבעטער ערגער.

איך דענק, אַז דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן, אויב ניט די הויפּט־אורזאַך פאַרוואָס מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם אייזערנעם פאָרהאַנג און געמאַכט אַ סוף צו די לוסט־רייזעס.

ניט אומזיסט זיינען די קאָמוניסטן אַזוי פאַרהאַסט אויף דובינסקין.

סטאַלין און די קאָמוניסטן האָבן געוואַרט אויף צוויי זאַכן: אויף אַ קריזיס אין אַמעריקע און אויף אַ בעסער לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַ קריזיס אין אַמעריקע איז ניט געקומען. אין אַמעריקע הערשט ניט דער

זעלביקער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם וואָס אַמאָל. עס איז אַ סיסטעם פון „נייעם דיל", וואָס האָט אָפּגעשאַפּט אַ סך פון די אורזאַכן וואָס האָבן געברענגט קריזיסן. אויב עס וועט אַפילו קומען צו אַ שטילשטאַנד אין די אינדוסטריעס, קאָן עס מער ניט פאַראורזאַכן אַזאַ נויט ווי אַמאָל. די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס העלפט די גאַנצע וועלט, וועט זיכער קאָנען העלפן זיך אַליין, אין פאַל פון אַ נויט.

אַ בעסער לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז יאָ געקומען, נאָר פאַר אַ טייל, דעם פּראָפעסיאָנעלן טייל. ווי ביי די קאַפּיטאַליסטן אַזוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לעבט זיך דער פּראָפעסיאָנאַל פיל בעסער ווי דער אַרבעטער.

דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם מיט פרייהייט און גלייכהייט, עס זאָלן ניט זיין קיין מענטשן וואָס לעבן רייך און מענטשן וואָס לעבן אָרעם, מיט פרייהייט פון וואָרט, פרעסע און פאַרזאַמלונג איז געוואָרן אַ ווייטער חלום. די נייע אָרדנונג און דער נייער קער פון דער רעוואָלוציע, וואָס גייט אויף דעם נאָמען פון סטאַלינען, האָט פאַרשטאַרקט די דיקטאַטור, האָט אָפּגע־שאַפט די פרייהייטן, וואָס מענטשן האָבן מיט זייער בלוט אויסגעקעמפט מיט טויזנטער יאָר צוריק; קעגנערשאַפט צו דער רעגירונג איז פאַרראַט און קיין שטראָף איז ניט צו שווער. דאָס האָט געפירט דערצו, מען זאָל אַרויס־נעמען מענטשן אין מיטן דער נאַכט פון די בעטן אויף עפּעס אַן אומבאַ־גרינדעטן חשד. די אָרדנונג, הייסט עס, איז ניט קיין נאָרמאַלע; עס איז אויסנאַמס־צושטאַנד. די מורא, אַז די קאַפּיטאַליסטן ווילן באַפאַלן און אומברענגען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד באַרעכטיקט אַלץ. מען מעג נעמען מענטשן פאַר משכנות, מען מעג פאַרשיקן אַ קעגנער, אַפילו אויף אַ חשד אין אַ שקלאַפן־לאַגער; מען מעג אַלץ, ווייל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אין געפאַר. און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע מוז גאַראַנטעוועט ווערן.

די פּאָליטישע לאַגע אויף דער וועלט האָט באַרעכטיקט די מורא פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז געווען די צייט ווען היטלער האָט אָנגעהויבן שטייגן און די סאָוועטישע מורא איז געווען גוט באַגרינדעט. ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע, אויס מורא פאַר קאָמוניזם, האָבן ניט געשטערט דייטשלאַנד צו ווערן מיליטעריש שטאַרק. דער אויפשטייג פון נאַצי־דייטשלאַנד איז געווען די גרעסטע געפאַר פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

עס איז אָנגענומען, אַז סטאַלין איז געווען דער דיקטאַטאָר און אַליין־הערשער איבער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען דאַרף עס ניט נעמען בוכ־שטעבלעך. עס איז ניט געווען און עס איז ניטאָ אַזאַ מענטש אין דער

וועלט, וואָס זאָל אַליין קאָנען טאָן אַלץ וואָס ער וויל, ווען אַלע זיינען קעגן אים. ניטאָ אַזאַ העלד אָדער דיקטאַטאָר וואָס זאָל קאָנען ביישטיין אַ מעסער אין האַרץ אָדער אַ קויל אין קאָפּ. עס איז פאַלש צו זאָגן, אַז דער דיקטאַטאָר האָט די קאַנאָנען און ביקסן דערפאַר איז ער שטאַרק. קאַנאָנען און ביקסן שיסן ניט אַליין, מען מוז האָבן מענטשן וואָס זאָלן שיסן מיט זיי. דער כוח פון דעם דיקטאַטאָר איז אָפּהענגיק אין די צאָל מענטשן וואָס האַלטן מיט אים. היטלער איז געווען שטאַרק, ווייל די מערהייט פון די דייטשן האָבן געהאַלטן מיט אים. סטאַלין איז אויפגעבויט געוואָרן צו אַ לעגענדאַרע פאַרגעטערטע פיגור, כדי דאָס פאָלק זאָל זיין מיט אים. היטלער האָט געטאָן דאָס וואָס די מערהייט פון די דייטשן האָבן געוואָלט ער זאָל טאָן. סטאַלין האָט אָבער ניט געטאָן וואָס די מערהייט פון רוסישן פאָלק האָבן געוואָלט ער זאָל טאָן. ער האָט דורכגעפירט דעם ווילן פון אַ פאַרטיי וואָס איז געווען אַ קליינע מינדערהייט. מען דאַרף ניט דענקען, אַז אַ דיקטאַטאָר קאָן זיך דערלויבן אינגאַנצן צו איגנאָרירן דעם ווילן פון פאָלק. ניין! ער קאָן עס ניט. סולטצבערגער פון די „טיימס", וואָס איז געווען אַ לענגערע צייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און האָט דאָרט גוט דורכ־געשטודירט די לאַגע, דריקט אַ סך מאָל אויס דעם געדאַנק, אַז די פירער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווענדן אָן אַ סך מי צו געוואונען דעם ווילן פון פאָלק. אין דער איבערגעטריבענער פאַרגעטערונג פון סטאַלינען, וואָס האָט אַזוי שאָקירט די אויסלענדער, איז געלעגן אַ גוט אויסגערעכנטער פּלאַן. דערפאַר וואָס סטאַלין האָט מיט זיינע מעשים ניט אויסגעדריקט דעם ווילן פון פאָלק, נאָר איז אָפטמאָל געגאַנגען קעגן דעם ווילן פון פאָלק, איז נויטיק געווען, די איבערטריבענע פאַרגעטערונג, צו באַווייזן, אַז סטאַלין איז ניט קיין געוויינטלעכער מענטש, און ווען ער טוט עפּעס, מוז עס זיין גוט, נאָר מען פאַרשטייט אים ניט. ער, דער קליגסטער, דער געניאַלסטער, דער פאַרגעטערטער ווייסט בעסער וואָס עס איז גוט, ווי דער געוויינט־לעכער מענטש. די פּראָפּאַגאַנדע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געשפּילט אַזאַ אומגעהויער וויכטיקע ראָלע און פאַרנומען אַזאַ ריזיקן פּלאַץ, ווייל מען האָט געוואָלט געוואונען דעם ווילן פון פאָלק, וואָס קיין דיקטאַטאָר קאָן ניט איגנאָרירן.

סטאַלין האָט, מער ווי אַלע אַנדערע דיקטאַטאָרס, זיך גענויטיקט אין דער פּראָפּאַגאַנדע און אין דער פאַרגעטערונג, ווייל מער ווי אַנדערע דיקטאַטאָרס איז ער אַרויסגעטרעטן קעגן דעם ווילן פון פאָלק.

מיט איין זאַך איז סטאַלין געווען גערעכט, אַז אינדוסטריאַליזירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב קאָן מען ניט אַנדערש ווי מיט אַ שטאַרקער דיקטאַטאָרישער מאַכט; אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד

אויף אַ פרייען סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישן וועג האָט מען ניט געקאָנט; אַלע פאַרזוכן וואָס מען האָט פריער געמאַכט זיינען ניט געלונגען; אַ לאַנד מיט אַזאַ איבערוועגנדער מערהייט פון פּויערים איז זיכער ניט צוגעפּאַסט פאַר דעם. אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד דורך קאַפּיטאַליזם וואָלט מען זיכער געקאָנט און אָן קרבנות, נאָר דאַן, צען יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, איז שוין געווען צו שפּעט; קיין אינערלעכע קאַפּיטאַליסטן זיינען ניט געווען, אויסערלעכע קאַפּיטאַליסטן וואָלטן ניט געוואָלט ריזיקירן מיט זייער געלט; די רעגירונג וואָלט עס אויך ניט דערלאָזט, ווייל דער ציל איז נאָך אַלץ געווען סאָציאַליזם; איז געבליבן איין וועג, דיקטאַטאָרישע מאַכט; דאָס איז וואָס סטאַלין האָט אָנגעווענדט, צו דערגרייכן זיין ציל — צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. און ער האָט זיין ציל דערגרייכט.

מיט „סטאַליניזם" האָט מען אינדוסטריאַליזירט און אויפגעבויט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פון אַן אומאַנטוויקלט און צוריקגעשטאַנען לאַנד, וואָס רוסלאַנד איז געווען אין צאַרס צייטן, איז עס געוואָרן דאָס גרעסטע אינדוסטריעל אַנטוויקלט לאַנד נאָך אַמעריקע. דאָס איז ניט קיין וואונדער. ווען מען האָט צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן אונטער צוואַנג קאָן מען אַ סך אויפטאָן. דער פּרייז, וואָס דאָס פאָלק האָט באַצאָלט און צאָלט נאָך, איז געווען אַ טייערער און אַן איבעריקער. ווען מען וואָלט געלאָזט קאַפּיטאַליזם זיך אַנטוויקלען אין רוסלאַנד, וואָלט דאָס לאַנד מיט די אומגעהויער נאַטירלעכע רייכטימער, מיט אַ גרויסן עלעמענט פון קאַפּיטאַליסטיש־אַמביציעזע בויער און אין דער זעלביקער צייט מיט אַ באַוואוסטזיניקן אַרבעטער־קלאַס, וואָס וואָלט זיך ניט געלאָזט צופיל עקספּלואַטירן, וואָלט דאָס לאַנד זיך אויפגעבויט, נאָר אָן קרבנות, און אפשר אויך אָן אַ צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַזוי פיל קרבנות דער וועלט, און מיר יידן האָבן באַצאָלט דעם גרעסטן פּרייז. די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואָלטן דערשטיקט היטלערן באַלד אין אָנהויב; וואָס זיי האָבן זייער לייכט געקאָנט טאָן, ווען ניט די מורא פאַר קאָמוניזם, וואָס איז קיין קאָמוניזם ניט — אַפילו לויט סטאַלינען. סטאַלין האָט אין אַן „אינטערוויו" געזאָגט צו ראָי האַוואַרד, דעם צייטונגס אַרויסגעבער: „מיר האָבן ניט קיין קאָמוניזם, וואָס מיר האָבן איצט איז סאָציאַליזם". פאַרשטענדלעך, אַז סטאַלין איז געווען אומגערעכט, ווען ער האָט אָנגערופן דעם סיסטעם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד סאָציאַליזם; מער גערעכט וואָלט ער געווען, ווען ער וואָלט עס אָנגערופן שטאַטס־קאַפּיטאַליזם. איינער פון די גרעסטע רעאַקציאָנערן אין אַמעריקע, גענעראַל ריקענבאַקער, האָט געמאַכט אַ רייזע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט געזען ווי דער אַרבעטער ליגט דאָרטן איינגעלייגט איז ער געוואָרן אַזוי באַגייסטערט, אַז ווען ער איז צוריקגעקומען

האָט ער פאָרגעשלאָגן מען זאָל אין אַמעריקע איינפירן דעם זעלביקן סיסטעם. אין פאַרגלייך מיט דעם פרייען און בעסערן לעבן וואָס עקזיסטירט אין אַמעריקע איז דאָס לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צוריקגעשטאַנען און רעאַקציאָנער.

2. די פראָצעסן

ווען מענטשן ווערן אַנטוישט איז נאַטירלעך אויסצוקלויבן עפּעס אַ שעיר לעזאזל און זאָגן — דער איז שולדיק! סטאַלין איז געוואָרן דער שעיר לעזאזל, אים האָט מען באַשולדיקט אין אַלע צרות. אַן אַ שיער אַרטיקלען און ביכער זיינען געשריבן געוואָרן צו באַווייזן, אַז סטאַלין איז אַ שווינדלער, אַ מערדער; ער האָט זיך פּשוט ליב צו באָדן אין בלוט. ער האָט געהרגעט אַלע אַלטע באָלשעוויקעס און רעוואָלוציאָנערן — די וואָס האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע. ער האָט פאַרסמט לענינען, אונטערגעשיקט מען זאָל הרגענען טראָצקין, ער האָט זיין אייגן ווייב דערהרגעט, ער האָט אויסגעהרגעט מיליאָנען פון רוסישן פאָלק און צום סוף האָט ער אויך געוואָלט אויסהרגענען אַלע יידן; אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ בלבול אויף יידישע דאָקטוירים — עס איז אָבער געשען אַ נס און סטאַלין איז געשטאָרבן. עס איז דאָ אַ סברה, אַז מען האָט אויך סטאַלינען געהרגעט. פאַרוואָס מען האָט סטאַלינען ניט געהרגעט פריער, נאָר געוואַרט ביז ער וועט אויסהרגענען אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן, איז אַ פראַגע.

פריער האָבן בלויז די קעגנער פון די קאָמוניסטן באַשולדיקט סטאַלינען אין אַלע פאַרברעכנס. נאָך סטאַלינס טויט האָבן די קאָמוניסטישע פירער אַליין עס געטאָן. זיי האָבן אים באַשולדיקט אין שווערע פאַרברעכנס ווי אין פּשוטע מערדערייען. מען האָט רעהאַביליטירט און ריינגעוואַשן מענטשן, וואָס זיינען פריער פאַרמשפּט געוואָרן פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכנס און וואָס זיינען שוין לאַנג טויט.

וועגן יוליוס צעזאַר, זאָגט העגעל: „זיכער האָט יוליוס צעזאַר געקעמפט, באַזיגט זיינע קעגנער און אָפּגעשאַפט די קאָנסטיטוציע פון רוים כדי צו געווינען זיין אייגענע הויכע פּאָזיציע. דער פאַקט איז אָבער, וואָס די נויטיקייט, אין יענער צייט, צו פאַראייניקן די רוימישע אימפּעריע, האָט ער אַנדערש ניט געקאָנט ווי דורך אויטאָקראַטישן קאָנטראָל". דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן סטאַלינען: זיכער האָט די דיקטאַטור אָפּגעטאָן אַ סך פאַרברעכערישע אַקטן, אָבער דער פאַקט איז, אַז נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעשאַפט קאַפּיטאַליזם האָט מען דאָס לאַנד אַנדערש ניט געקאָנט בויען ווי נאָר דורך דיקטאַטור.

גרויס האָס האָט סטאַלין אַרויסגערופן צו זיך, צוליב דער ליקווידי־רונג פון די אַלטע באָלשעוויקעס. דער האָס איז געווען באַרעכטיקט, עס איז ווירקלעך אַ גרויסער פאַרברעכן צו הרגענען מענטשן, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, צוליב דעם וואָס זיי האָבן ניט איינגעשטימט מיט סטאַלינען און מיט דער פּאָליט־ביוראָ. עס זיינען אָבער דאָ אומנאָרמאַלע צייטן, אין וועלכע די סענטימענטן און די מאָראַל, וואָס שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין נאָרמאַלע צייטן, הערן אויף צו ווירקן; דאָס זיינען צייטן פון מלחמות און רעוואָלוציעס. וואָס עס הייסט מאָרד אין אַ נאָרמאַלער צייט איז אַ העלדישקייט אין אַ מלחמה און איז אַ פליכט אין אַ רעוואָלוציאָנערער צייט. און דאָס וואָס איז גאָרניט קיין פאַרברעכן אין אַ נאָרמאַלער צייט, ווי האָבן אַן אַנדער מיינונג, ווערט אַ פאַראַט אין צייט פון רעוואָלוציע.

איך וועל דורכלאָזן די פערזענלעכע מאָטיוון, ווי קנאה, שנאה, לוסט צו הערשן, פירער־קאָמפּלעקס, וואָס האָבן זיכער געשפּילט אַ ראָלע ביי די פּראָצעסן, דאָס זיינען מאָטיוון וואָס מען קאָן ניט אויסמיידן. מיט זעל־טענע אויסנאָמען, שפּילן זיי אַ ראָלע ביי יעדן מענטש. דער מענטש איז דאָס וואָס ער איז, מען קאָן אים ניט איבערמאַכן. די אויבנדערמאָנטע חסרונות שטערן ניט אַ מענטש מיט פעאיקייטן און אידעאַליזם אויפצוטאָן גרויסע זאַכן און שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין אויפבוי פון אַ לאַנד אָדער אין שעפערישקייט פאַר דער וועלט. אייניקע וואָס האָבן געקאָנט מאַרקסן פערזענלעך האָבן געשריבן וועגן אים, ווי ער וואָלט געווען דער ערגסטער אינטריגאַנט. ערגערע זאַכן קאָן מען זאָגן וועגן שעקספּירן און דוד המלך. מאַרקס איז כאָטש געווען אַ געטרייער מאַן און אַן איבערגעגעבענער טאַטע, שעקספּיר איז דאָס אויך ניט געווען. און דאָס וואָס די ביבל דערציילט וועגן דוד המלך איז גענוג אים צו מאַכן פאַר דעם גרעסטן אויסוואורף. סטאַלין האָט געהרגעט זיינע קעגנער, וואָס האָבן אים געשטערט דורכצופירן זיין סאָציאַליסטישן אידעאַל. דוד המלך האָט געהייסן הרגענען אַ מענטש, ווייל ער האָט געוואָלט צונעמען יענעמס ווייב. קיינער טראַכט אָבער ניט וועגן אַ שעקספּיר, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן אַ פרוי מיט קינדער, געלאָזט זיי אויף הפקר, נאָר וועגן שעקספּיר דעם געניאַלן דיכטער. דאָס זעלביקע געדענקט מען דוד המלך ווי אַ יידיש־נאַציאָנאַלן העלד, אַ גרויסער קריגס־פירער און אַ גרויסער דיכטער וואָס וועט האָבן די זכיה, אַז משיח וועט געבוירן ווערן פון זיין אָפּשטאַמונג. אַזוי וועט אויך די געשיכטע אָפּשאַצן סטאַלינען ניט לויט זיינע נעגאַטיווע האַנדלונגען, וואָס וועלן מיט דער צייט פאַרגעסן ווערן, נאָר לויט זיינע פּאָזיטיווע פאַרדינסטן, וואָס זיינען געווען גרויסע, פאַר דער אַנטוויקלונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

עס קאָן זיין, אַז די צוזאַמענשטעלער פון דער ביבל האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע כוונה ביי אַריינעמען די מעשה מיט דוד המלך. זיי האָבן געוואָלט באַווייזן, אַז אַ מענטש קאָן באַגיין די גרעסטע זינד און דאָך אויפטאָן גרויסע זאַכן פאַר זיין פאָלק און פאַר דער וועלט.

וואָס זיינען געווען די פּאָליטישע און פּרינציפּעלע מאָטיוון פון די רעכטע און לינקע קעגנער פון סטאַלינען?

ווי שוין געזאָגט איז אין 1921 די לאַגע געווען אַזאַ, אַז דאָס לאַנד איז געווען נאָענט צו אַ כאַאָס. די טעאָריע פון סאָציאַליזם האָט ניט גוט געאַרבעט אין דער ווירקלעכקייט. דער „נעפּ" האָט געראַטעוועט די לאַגע. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען לענין איז געשטאָרבן זיינען פאַרשיידענע מיינונגען און אידעען רייף געוואָרן און געוואָלט קומען צום אויסדרוק.

בוכאַרין מיט זיינע אַנהענגער, וואָס האָבן געזאָגט, מען דאַרף מאַכן אַ שריט צוריק, מען דאַרף אָפּנויגן אַ ביסל פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע און צוריקגיין צו דער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט, זיינען געווען גרייט צו קעמפן פאַר זייער מיינונג. זיי זיינען געווען גוטע רוסישע פּאַטריאָטן און האָבן ניט געוואָלט לאָזן אויספּייניקן זייער פאָלק, צוליב אַ טעאָריע וואָס מען קאָן, אין דעם מאָמענט, ניט פאַרווירקלעכן. בוכאַרין איז געווען אַ גוטער מאַרקסיסט און האָט געגלויבט, אַז סוף־כל־סוף, ווען די צייט וועט קומען, וועט סאָציאַליזם זיגן.

טראָצקי מיט זיינע אַנהענגער, וואָס האָבן געדענקט אַז קאַפּיטאַליזם איז באַנקראָט, האַלט ביים צוזאַמענברעכן און די צייט איז רייף פאַר דער סאָציאַלער וועלט־רעוואָלוציע, זיינען זיכער געווען גוט אָרגאַניזירט, אָנצוהויבן אַ קאַמף פאַר זייערע אידעען.

סטאַלין און מיט אים די מערהייט אין פּאָליט־ביוראָ האָבן געדענקט, אַז ביידע וועגן, סיי בוכאַרינס און סיי טראָצקיס זיינען שעדלעך; דער וועג צוריק וועט אויפלעבן דעם קאַפּיטאַליזם און וועט מאַכן אַ סוף צום סאָציאַליסטישן עקספּערימענט. עס וועט ווערן לייכטער אין דעם איצטיקן מאָמענט, עס וועט אָבער שווערער מאַכן דעם סאָציאַליסטישן וועג אויף יאָרן; דער וועג צוריק וועט פאַרניכטן די רעוואָלוציע. דער וועג פאָראויס, ווי טראָצקי האָט פאָרגעשלאָגן איז נאָך ערגער, ווייל ער וועט ניט נאָר פאַרניכטן די רעוואָלוציע, נאָר וועט פאַרניכטן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. סטאַלין און זיינע אַנהענגער האָבן געדענקט, אַז די אידעע פון אַ וועלט־רעוואָלוציע איז אין דעם מאָמענט, אויב מען זאָל עס נעמען פאַרווירקלעכן, אַ געפערלעכע אַוואַנטורע.

וואָס האָט סטאַלין געוואָלט? וואָס פאַר אַן עצה האָט סטאַלין געהאַט

צו דער שלעכטער לאַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? סטאַלין האָט געהאַט איין עצה, געדולד, אַזיאַטישע געדולד. סטאַלין האָט געגלויבט און איז געווען זיכער אין איין אמת, אַז דער קאַפּיטאַליזם האַלט ביים אונטערגיין און סאָציאַליזם קומט פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

וואָס איז דער תוך פון סאָציאַליזם? — האָט סטאַלין געזאָגט — עס איז אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום; דער שטאַט, דאָס פאָלק זאָל ווערן זיין אייגענער בעל־הבית. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פירט דערצו, דאָס פאָלק זאָל לעבן אַ פרייער און בעסער לעבן. אָבער ווער זאָגט עס, אַז סאָציאַליזם איז אַ חוב וואָס מוז באַצאָלט ווערן מיט איין מאָל. עס קאָן אויסגעצאָלט ווערן ביסלעכווייז. דערווייל האָט מען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דערגרייכט דעם תוך פון סאָציאַליזם, דאָס אָפּשאַפן פון פּריוואַט־אייגנטום. אויב אַלע אַנדערע גוטע זאַכן קאָנען ניט באַלד דערגרייכט ווערן, וועט מען עס דערגרייכן שפּעטער.

דאָס איז געווען, אומגעפער, סטאַלינס שטעלונג.

בוכאַרין און טראָצקי מיט זייערע אָנהענגער, וואָס האָבן ניט איינגעשטימט מיט סטאַלינען, וואָס האָבן געדענקט, אַז סטאַלין וועט פירן דאָס לאַנד און די רעוואָלוציע צום אָפּגרונט, זיינען געווען גרייט אָנצופירן אַ קאַמף. אונטער יענע אומשטענדן, ווען דאָס פאָלק איז געווען אומצופרידן און האָט שטאַרק געליטן איז געווען אַ מעגלעכקייט, די קעגנער זאָלן באַזיגן סטאַלינען.

די פּאָליט־ביוראָ און דער אַלסאָוועטישער קאָנגרעס וואָס האָבן איינגעשטימט מיט סטאַלינען האָבן אים געגעבן די מאַכט צו באַזיגן זיינע קעגנער.

סטאַלין האָט אַרויסגעוויזן גרויס טאַלאַנט אין באַזיגן די קעגנער. ער איז געגאַנגען אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג. אויף דעם וועג וואָס אַלע רעוואָלוציאָנערן ביז אים זיינען געגאַנגען: אין אַ צייט פון רעוואָלוציע איז אַ קעגנער ווי פייער, וואָס מען דאַרף אינגאַנצן אויסלעשן, ניט איבערלאָזן אַ פונק; פון אַ פונק קאָן ווידער ווערן אַ פייער. צו ליקווידירן אַ קעגנער איז אַ רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע. סטאַלין איז ניט געווען דער מענטש צו ברעכן אַזאַ טראַדיציע.

איך בין ניט זיכער צי זיינע קעגנער וואָלטן געווען מילדער פון אים.

איך גלויב, אַז יעדער ערלעכער סאָציאַליסט וואָס גלויבט אין סאָציאַליזם און רעכנט זיך מיט דערווירקלעכקייט, וואָלט ניט געקאָנט אָננעמען בוכאַרינס וועג צוריק און אויך ניט טראָצקיס וועג פאָראויס.

3. דער פּויער און סאָציאַליזם

ווען לענין האָט געזאָגט „רויבט די רויבער" און געגעבן די פּויערים אַ פרייע האַנט צו פאַרכאַפּן די ערד, איז עס געווען אַ „טריק", אַ מיטל אַריבערצוברענגען די פּויערים אויף זיין זייט. עס איז אָבער געווען אַ קלוג־ער שריט. דער מיטל האָט זייער גוט געאַרבעט.

מער ווי אַ „טריק" האָט עס ניט געטאָרט זיין. בלייבן אַזוי האָט עס ניט געקאָנט. אַ לאַנד וואָס האָט געוואָלט איינפירן סאָציאַליזם האָט ניט געקאָנט פירן אַזאַ דאָפּלטע בוכהאַלטעריע; איין טייל פון לאַנד זאָל זיין סאָציאַליסטיש און אַ צווייטער טייל קאַפּיטאַליסטיש; דער אַרבעטער זאָל לעבן אונטער אַ סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיע, דאָס אייגנטום פון ווערקשטאַטן און פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע זאָל געהערן צום שטאַט און זאָל זיין איינגאַנצן אונטער דעם קאָנטראָל פון שטאַט און דער פּויער זאָל לעבן אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע, מיט פּריוואַט־אייגנטום און אינדיווידועלער קאָנטראָל, ער זאָל מיט דער ערד און איר פּראָדוקציע קאָנען טאָן וואָס ער וויל.

אַזוי האָט ניט געקאָנט בלייבן. אויב סאָציאַליזם איז גוט פאַר דעם אַרבעטער דאַרף עס אויך גוט זיין פאַר דעם פּויער; אויב סאָציאַליזם איז שלעכט פאַר דעם פּויער מוז עס אויך זיין פאַר דעם אַרבעטער שלעכט.

פונדעסטוועגן האָט די צוויי פּנימדיקע עקאָנאָמיק עקזיסטירט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צוועלף יאָר, ביז 1929. עס זיינען געווען קאָלעקטיווע פאַרמס, אָבער גאָר אַ סך אינדיווידועלע, וואו דער פּויער איז געווען זיין אייגענער בעל־הבית. די מערסטע קאָלעקטיווע פאַרמס זיינען געווען ווי קאָאָפּעראַטיוון אין אַ קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע. די פּראָפיטן זיינען צעטיילט געוואָרן צווישן די אייגנטימער פון קאָלעקטיוו.

פאַרשטענדלעך, אַז די רעגירונג האָט געהאַט אַ קאָנטראָל איבער דער פאַרם־פּראָדוקציע און ניט געלאָזט די פּויערים טאָן אַלץ וואָס זיי ווילן. ווען ניט דער רעגירונגס־קאָנטראָל וואָלטן די אַרבעטער געהונגערט. מען האָט געמוזט איינצוימען דעם פּויערס אַפּעטיטן. דער אַרבעטער האָט סיי ווי ניט געהאַט צופיל צו עסן.

ביי אַ פּויערשער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן געאַרבעט די זעלביקע געזעצן, וואָס אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער: דער אומפּעאיקער, דער שוואַכער איז אַרויסגעפאַלן; דער פּעאיקער, דער שטאַרקערער איז געבליבן און פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם שוואַכן. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז אויסגעוואַקסן אַ נייער קלאַס, אַ קלאַס פון רייכע פּויערים, קולאַקעס. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ סך ערד, וואָס זיי האָבן אָפּגעקויפט דורך פאַרשיידענע דריידלעך ביי די אָרעמע פּויערים;

באַשעפטיקט די אָרעמע פויערים און געלעבט אַ רייך לעבן. ווען דאָס וואָלט ווייטער אַזוי אָנגעגאַנגען, וואָלט עס זיך וואָס אַמאָל מער אַנטוויקלט, פאַר־כאַפּט דעם גאַנצן פויערים־קלאַס, וואָס וואָלט אין דעם פאַל, אין אַזאַ אַגרי־קולטור לאַנד ווי רוסלאַנד, וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַ קליינע מינדערהייט, אַראָפּגעשווענקט און דערטרונקען דעם סאָציאַליסטישן עקס־פּערימענט.

לענגער וואַרטן האָט מען ניט געקאָנט.

אין 1929 האָבן די קאָמוניסטן, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון סטאַלינען באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דער אומנאַרמאַלער לאַגע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויסצוראָטן די קולאַקעס. די קולאַקעס האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אַ סך פויערים אויף זייער זייט און דער קאַמף איז געווען אַ שווערער. אַ סך בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן.

סאָציאַליסטן האָבן ניט קיין אורזאַך צו זיין קעגן סטאַלינען דערפאַר וואָס ער האָט אָפּגעשאַפט פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד, אָפּגעשאַפט פּריוואַטע פאַרמס און איינגעפירט סאָציאַליסטישע פאַרמס. פאַר דער עקאָנאָמיע פון אַ לאַנד איז פיל וויכטיקער די ערד זאָל געהערן צום שטאַט, ווי די פאַבריקן און די געשעפטן.

וועגן דער וויכטיקייט צו קאָלעקטיוויזירן די ערד, און נאָר די ערד, האָט דער באַרימטער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט, הענרי דזשאָדזש, נאָך אין יאָר 1880 געשריבן אין זיין בוך „פּראָגרעס און אָרעמקייט" זייט 328:
„עס איז דאָ נאָר איין וועג ווי אַזוי צו פאַרמיידן אַן אומרעכט, דאָס איז צו פאַרמיידן די אורזאַך דערפון. אָרעמקייט ווערט טיפער און רייכקייט ווערט גרעסער. אַרבעטער־געהאַלט ווערט קלענער ווען כוחות פון פּראָדוקציע וואַקסן. פאַרוואָס? ווייל די ערד, וואָס איז דער גרונד פון אייגנטום און דאָס פעלד פון אַרבעט איז מאָנאָפּאָליזירט. אויסוואָרצלען אָרעמקייט, מאַכן דעם אַרבעטער־געהאַלט יושרדיק, ער זאָל קריגן די פולע פאַרדינסט פון זיין אַרבעט מוז מען די ערד, דאָס לאַנד אַרויסנעמען פון פּריוואַטע אייגנטימער און עס פאַרוואַנדלען אין געזעלשאַפטלעך אייגנטום". דאָס האָט געזאָגט אַן אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט, וואָס איז אַפילו קיין סאָציאַליסט ניט געווען. הענרי דזשאָדזש איז געוואָרן באַרימט און איבערגעלאָזט אַ סך פאַרערער און נאָכפאָלגער.

ווען עס קומט צו ערד זיינען אַ סך עקאָנאָמיסטן, וואָס זיינען ניט קיין סאָציאַליסטן, פאַר דעם, אַז ערד זאָל ווערן געזעלשאַפטלעך אייגנטום. די געזעצן, וואָס אַפילו קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען מאַכן קעגן „לענד־לאָרדס" האָט צו טאָן מיט דעם. זיכער קאָנען סאָציאַליסטן ניט ברוגז זיין

אויף סטאַלינען וואָס ער האָט געוואָלט די ערד זאָל ניט בלייבן אין פּריוואַטע הענד נאָר זאָל ווערן געזעלשאַפטלעך אייגנטום.

עס קוקט אויס אַ ביסל קאָמיש, ווען באַרימטע סאָציאַליסטן מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט וויינען אויף דעם חורבן, וואָס סטאַלין האָט אויסגעהרגעט די „קולאַקעס" וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן דער רעגירונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די זעלביקע סאָציאַליסטן וואָס ווייזן אַרויס אַזוי פיל רחמנות צו די „קולאַקעס" האַלטן, אַז דער איינציקער וועג ווי אַזוי צו באַזיגן די סאָוועטן איז דורך אַ דריטער וועלט־מלחמה. זיי באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז מען טאָר ניט וואַרטן אַ טאָג נאָר שוין אָנהויבן די דריטע וועלט־מלחמה. זיי ווייסן מסתמא אַזוי גוט ווי מיר, וואָס אַ מלחמה מיט אַטאָם און „היי־דרידזשן" באָמבעס מיינט; וויפיל קרבנות עס וואָלט געקאָסט, אויב עס וואָלט בכלל ניט חרוב געמאַכט די וועלט. זיי זיינען גרויסע אידעאַליסטן און פאַר זייער אידעאַל איז קיין זאַך ניט צו טייער. פאַרוואָס זאָל סטאַלין זיין ווייניקער אידעאַליסטיש ווען עס איז אים אויסגעקומען אומצוברענגען אַ מיליאָן „קולאַקעס" אויף דעם מזבח פון דער רעוואָלוציע.

אַ רעגירונג וואָס פּרעטענדירט צו זיין סאָציאַליסטיש האָט ניט געקאָנט אַנדערש האַנדלען ווי קאָלעקטיוויזירן די פאַרמס.

4. דער פּאַקט

דעם גרעסטן שטורם פון פּראָטעסט האָט סטאַלין אַרויסגערופן מיט מאַכן אַ פּאַקט מיט היטלערן. דראַמאַטיש גענומען איז עס געווען די שטאַרק־סטע און אומדערוואַרטעסטע האַנדלונג. עס האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק אויף אַלע, אויך אויף קאָמוניסטן. פונדעסטוועגן, קוקנדיק איצט, רעטראָספּעקטיוו, אַריינטראַכטנדיק זיך אין יענער צייט און אין יענע גע־שעענישן מיט זיבעצן יאָר צוריק קאָן מען קומען צום באַשלוס, אַז סטאַלין האָט קיין שום אַנדער אויסוועג ניט געהאַט, ווי צו מאַכן אַ פּאַקט מיט היטלערן.

נאָך איצט רופט די האַנדלונג אַרויס אַ שוידער ביי יעדן מענטש, אי־בערהויפּט ביי אַ ייִד. עס איז אָבער זייער וויכטיק, אַז מענטשן זאָלן קוקן אויף זאַכן ווי זיי זיינען אין דער ווירקלעכקייט. וועגן וועלט־געשעענישן מוז מען זיך טיף פאַרטראַכטן, ניט ווערן אַ קרבן פון פאַנטאַזיעס; מען דאַרף זען זאַכן קלאָר.

פאַרוואָס האָט סטאַלין געמאַכט אַ פּאַקט מיט היטלערן? די קאָמו־ניסטן זאָגן: ווייל די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע האָבן אויפגעבויט היטלערן, געוואָלט ער זאָל גיין אויף דעם

סאָוועטן־פאַרבאַנד. האָט אָבער סטאַלין געהאַט אַ קלוגן קאָפּ, האָט ער מיט חכמה און דריידלעך איבערגערעדט היטלערן, ער זאָל באַפאַלן די זעלביקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואָס האָבן אים אויפגעבויט.

מען מוז צוגעבן, אַז דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע חכמה.

פאַרוואָס האָט היטלער איינגעשטימט צו דעם און געמאַכט אַ פּאַקט מיט סטאַלינען? דאָס איז פּשוט, האָבן געזאָגט די קאָמוניסטן, עס איז דערפאַר, ווייל היטלער האָט מורא געהאַט פאַר דער רויטער אַרמיי.

די קעגנער פון די קאָמוניסטן זאָגן: סטאַלין האָט געמאַכט אַ פּאַקט מיט היטלערן דערפאַר, ווייל סטאַלין האָט זיך געפילט נאָענט צו היטלערן, ווייל קאָמוניזם און פאַשיזם איז די זעלביקע זאַך; ווייל סטאַלין האָט געהאַסט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, די דעמאָקראַטיעס מער ווי די נאַציס; ווייל ער האָט געוואָלט די דעמאָקראַטיעס און די נאַציס זאָלן פאַרלירן כוחות און ווערן אַזוי אָפּגעשוואַכט דאָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל ווערן די שטאַרק־סטע מיליטערישע מאַכט אין אייראָפּע.

דער אַרגומענט זעט אויס צו זיין לאָגיש.

וואָס איז דעמאָלט געווען די ווירקלעכע לאַגע? אין יאָר 1939 איז היטלער געווען גרייט פאַר אַ צווייטער וועלט־מלחמה און ער האָט געוואָלט מלחמה. ענגלאַנד איז ניט געווען גרייט פאַר מלחמה און האָט נאַטירלעך, ניט געוואָלט קיין מלחמה. פראַנקרייך איז מכלומרשט געווען גרייט פאַר אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה מיט אַ מאַזשינאָ־ליניע זיך צו באַשיצן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ניט געוואָלט קיין מלחמה און מיט איר גאַנצער מיליטערישער מאַכט איז זי ניט געווען גרייט זיך צו פאַרמעסטן מיט היט־לערן. די קלענערע לענדער האָבן ניט געקאָנט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע קעגן דער קאָלאָסאַלער מאַכט, וואָס היטלער האָט שוין געהאַט אויפגעבויט.

די לאַגע האָט אויסגעזען ווי אַ וואַלד איז אַרומגערינגלט מיט שעפסן, און די פראַגע איז, וועלכן שעפּס זאָל ער נעמען דעם ערשטן צו פאַרציקן.

ענגלאַנד ווי אַ ים־מאַכט איז אינגאַנצן ניט געווען צוגעגרייט צו אַ מעכאַניזירטע מלחמה. דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז געווען דעמאָראַליזירט, צעריסן צווישן פאַשיסטישע און קאָמוניסטישע עלעמענטן. די מורא פאַר מלחמה האָט זיך אין זיי איינגעזאַפּט און צעפרעסן דעם מוט פון פאָלק. אַ ווערטל איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פראַנצויזן: „בעסער לעבן אונטער היטלערן איידער שטאַרבן אונטער דעלאַדיע״; וואָס איז דעמאָלט געווען פראַנצויזישער פרעמיער. די פראַנצויזישע פרעסע האָט זיך געלאָזט קויפן. פאַשיסטן האָבן, דורך דער פרעסע, פאַרסמט די מוחות פון פראַנצויזישן פאָלק. אַ סך צווייפלהאַפטע, דעגענערירטע פּאָליטיקער האָבן זיך פאַרקויפט צום טייוול. אַ גוט אויג האָט געקאָנט זען, אַז דאָס פאָלק וועט צוזאַמענ־

ברעכןביים ערשטן קלאַפּ. פּוילן איז געווען אָנגעפּילט מיט שפּיאָנען. די דייטשן האָבן געהאַט זייערע מענטשן פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן לאַנד; דאָס זיינען געווען די פאָלקס־דייטשן. די נעכטיקע פּאָליאַקן זיינען פּלוצים געוואָרן דייטשן. אין אַמעריקע האָבן די „איסאָליישאַניסטן" געפירט די גרענדע. אוניפאָרמירטע נאַציס האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק. פאָטער קאָגלין, אַ גאָט־געזאַלבטער קאַטוילישער אַנטיסעמיט, האָט געשפּריייט גיפט קעגן יידן איבער דער ראַדיאָ. מיטינגען פון נאַציס און אַנדערע אַנטיסעמיטן זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אויף די גאַסן אין ניו־יאָרק, וואו מען האָט עפנטלעך גערופן צו פּאָגראָמען אויף יידן.

דאָס איז געווען די לאַגע.

היטלער איז געווען אומגעדולדיק און גרייט אָנהויבן די מלחמה. די פראַגע איז ביי אים געווען מזרח אָדער מערב. ער האָט בעסער געוואָלט גיין צו מזרח; פאַרכאַפּן פּוילן, פאַרכאַפּן אוקראַינע, פאַרכאַפּן אַזוי פיל ווי מעגלעך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און צווינגען אַ דערשלאָגענע רוסלאַנד מאַכן שלום מיט אים אויף זיינע באַדינגונגען. פאַר דער רויטער אַרמיי האָט ער ניט מורא געהאַט. אויב ער האָט ניט מורא געהאַט פאַר איר אין 1941 האָט ער זיכער ניט מורא געהאַט פאַר איר אין 1939. אַזוי ווי דייטשלאַנד האָט געוואָלט לעבנס־רוים, איז דער מזרח געווען דער בעסטער פּלאַץ פאַר איר צו געפונען לעבנס־רוים.

ענגלאַנד איז אָבער געשטאַנען אין וועג. גרויס־בריטאַניע איז געווען קעגן. ענגלאַנד האָט מורא געהאַט, ווען היטלער וועט באַזיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס דאָס איז געווען וואַרשיינלעך, וועט דייטשלאַנד ווערן אַזוי שטאַרק דאָס די וועלט וועט זיין אין געפאַר. האָט זיך ענגלאַנד אַוועקגע־שטעלט ביי דער טיר צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, ביי פּוילן, און געזאָגט: אַ מלחמה מיט פּוילן איז אַ מלחמה מיט ענגלאַנד. זי האָט מורא געהאַט, אַז אַ היטלער זיג אין מזרח וועט צעשטערן דעם גלייכגעוויכט אין אייראָפּע. אויב דייטשלאַנד זאָל ווערן די הערשנדיקע מאַכט אין אייראָפּע וועט ענג־לאַנד ניט נאָר עקאָנאָמיש ווערן אַרויסגעשטויסן פון קאָנטינענט, נאָר זי וועט זיין אין שטענדיקער געפאַר באַפאַלן צו ווערן פון דייטשלאַנד.

פראַנקרייך האָט זיכער ניט געוואָלט, אַז דייטשלאַנד, איר ערגסטער שונא, זאָל ווערן שטאַרקער. זי האָט איינגעשטימט, ניט צו לאָזן היטלערן גיין קיין מזרח. אַז די מערב־לענדער זיינען געווען קעגן דעם, היטלער זאָל באַזיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט מען געקאָנט זען שפּעטער, ווען היטלער איז באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1941. די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן דעמאָלט געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרניכטן די קאָמוניסטן און האָבן עס ניט געטאָן. זיי האָבן עס ניט געטאָן אין 1941 צוליב דער

זעלביקער אורזאַך, פאַרוואָס זיי האָבן עס ניט געטאָן אין 1939 — דייטש־לאַנד זאָל ניט ווערן צו שטאַרק.

עס איז ריכטיק, דאָס ענגלאַנד האָט געהאָלפן אויפבויען היטלערס מאַכט אין דייטשלאַנד — באַלד אין אָנהויב האָט מען היטלערן לייכט גע־קאָנט צעברעכן. ענגלאַנדס מאָטיוו איז געווען ניט צו דערלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערן די שטאַרקסטע מאַכט אין איראָפּע. דערלויבן דייטשלאַנד פאַרכאַפּן רוסלאַנד מיינט איבערוועגן די כוחות אויף איין זייט; דאָס האָט ענגלאַנד קיינמאָל ניט געוואָלט דערלאָזן.

פאַרוואָס האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך ניט פאַראייניקט מיט ענגלאַנד? ווייל סטאַלין האָט מורא געהאַט, אַז ענגלאַנד וועט אים גאָרניט קאָנען העלפן. ענגלאַנד איז געווען אַזוי שוואַך און ניט צוגעגרייט, דאָס זי האָט נאָר געקאָנט געבן מאָראַלישע הילף, אָבער ניט קיין ממשותדיקע הילף. אַן אָפּמאַך מיט ענגלאַנד וואָלט היטלערן ניט אָפּגעשטעלט; פּונקט ווי דער אָפּמאַך וואָס פּוילן האָט געהאַט מיט ענגלאַנד האָט היטלערן ניט אָפּגעשטעלט. דאָס וואָס די קאַפּיטאַליסישע לענדער וועלן חרוב מאַכן איי־נער דעם צווייטן האָט סטאַלינען זיכער ניט געאַרט. אמת, היטלער האָט ניט געוואָלט קיין מלחמה אויף צוויי זייטן; ער איז אָבער געווען גוט אינפאָרמירט, דאָס ענגלאַנד קאָן בלויז שיסן מיט פּראַזן. די פראַנצויזן, האָט ער געוואוסט, זיינען דעמאָראַליזירט, זיי וועלן שטיין ביי דער מאַזשינאָ־ליניע און זיך ניט רירן פון דאָרט. אין אַמעריקע האָט מען דעמאָלט געהאַלטן ביי דער „מאָנ־ראָו־דאָקטרין". לויט אַלע אויסרעכענונגען איז היטלער געווען גרייט צו מאַרשירן אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ווען היטלער וואָלט מאַרשירט פון איין זייט וואָלט ניט גענומען לאַנג און יאַפּאַן וואָלט מאַרשירט אויף דער צווייטער זייט. דער גורל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָלט געוואָרן פאַרחתמעט. דער פּאַקט איז פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען די איינציקע האָפענונג.

ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, איז דער פּאַקט געווען גוט פאַר סטאַלינען אָבער שלעכט פאַר היטלערן.

פאַרוואָס האָט דער פּאַקט געהאַט אַזאַ כוח, אָפּצושטעלן היטלערן? אין דער מלחמה צווישן דייטשלאַנד און סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען איין שוואַכער פּונקט — דאָס איז צייט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז גרויס, ציט זיך קיין אַזיע, אַזש ביז כינע אין מזרח, אין צפון ביז צום נאָרד־פּאָל. די רוסן האָבן אַ טראַדיציע ניט צו מאַכן קיין שלום נאָר אָפּטרעטן. זיי פאַרברענען די שטעט און טרעטן אָפּ. אַזוי האָבן זיי געטאָן אין נאַפּאָלעאָנס צייטן און אַזוי קאָנען זיי טאָן היינט. דאָס קאָן פאַרלענגערן די מלחמה. פאַר דעם האָבן די דייטשן מורא געהאַט. דייטשלאַנד קאָן נאָר געווונען אין אַ בליץ־קריג; אין אַ פאַרלענגערטע מלחמה קאָן ענגלאַנד זיך צוגרייטן און אַמעריקע קאָן

ענדערן איר מיינונג און סוף־כל־סוף יאָ אַריינגיין אין דער מלחמה. דאַן מוז דייטשלאַנד פאַרלירן. וואָלט היטלער גערענקט, אַז ער קאָן האָבן ענגלאַנד און אַמעריקע אויף זיין זייט, וואָלט ער קיינמאָל קיין פּאַקט מיט די קאָ־מוניסטן ניט געמאַכט נאָר וואָלט באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ווען ענגלאַנד און אַמעריקע וואָלטן געהאַלטן מיט אים, וואָלט ער געוואונען אַפילו אַ פאַרלענגערטע מלחמה.

היטלערס מאָטיוו צו מאַכן אַן אָפּמאַך מיט סטאַלינען איז געווען צו באַזייטיקן דעם געפערלעכן שונא — צייט. מאַכן אַ בליץ־קריג, איינגעמען גאַנץ אייראָפּע אײדער אַמעריקע און ענגלאַנד וועלן זיין גרייט. סטאַלינס מאָטיוו איז געווען — מורא. מורא פאַר היטלערס מיליטערישער מאַכט; עס איז געווען פאַר וואָס מורא צו האָבן. היטלער האָט געמאַכט דעם פּאַקט אָפּצונאַרן סטאַלינען. ער האָט דערוויל ניט געוואָלט האָבן קיין שטערונג אָנצוגיין מיט דעם בליץ־קריג און דערנאָך באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. סטאַלין, וואָס האָט געגלויבט, אַז די צייט אַרבעט סיי ווי פאַר אים, האָט ניט בדעה געהאַט אָפּצונאַרן היטלערן. ער האָט געוואָלט ערלעך דורכפירן דעם פּאַקט. דערפאַר איז עס געקומען צו אַזאַ מאָדנער לאַגע, דאָס קאָמו־ניסטן האָבן אין צייט פון פּאַקט כמעט ווי פאַרטיידיקט היטלערן. בלויז די רייד: „עס איז ניט קיין חילוק ווער עס וועט געווינען די מלחמה, היטלער צי טשוירטשיל, ווייל ביידע זיינען אימפּעריאַליסטן" זיינען אידיאָטישע רייד, וואָס די קאָמוניסטן וועלן זיך קיינמאָל ניט קאָנען אָפּוואַשן פון זיי.

עס איז ניט געווען די רויטע אַרמיי, פאַר וועלכער היטלער האָט זיך דאַן געשראָקן. עס זיינען געווען די אַמעריקאַנער טאַנקן און אייראָפּ־לאַנען וואָס האָבן נאָך דאַן ניט עקזיסטירט, וואָס היטלער האָט זיי נאָר גע־קאָנט זען אין זיין פאַנטאַזיע, פאַר וועלכע ער האָט זיך געשראָקן און גע־מאַכט אַ פּאַקט מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אייראָפּע און פאַרשטעלן דעם וועג פאַר אַמעריקע.

היטלערן האָט געלאָקט, וואָס ער וועט קאָנען אויסמיידן אַ מלחמה אויף צוויי פראָנטן. די עלייס זיינען איצט ניט צוגעגרייט, מיט דער צייט קאָנען זיי זיך אָבער יאָ צוגרייטן.

היטלערס אויסרעכענונג איז געווען ריכטיק; זיין בליץ־קריג איז געווען ווי אַן אמתער בליץ. ער איז צוגעקומען צו די ברעגעס פון ענגלישן קאַנאַל שנעלער ווי דערוואַרטעט. אין דריי וואָכן איז געפאַלן פּוילן, און נאָך ווייניקער צייט איז געפאַלן פראַנקרייך. די קלענערע לענדער ווי דענמאַרק, נאָרוועגיען, בעלגיע און האָלאַנד זיינען געפאַלן ווי די פליגן. קיינער האָט ניט געקאָנט ביישטיין היטלערס ריזיקע קריגס־מאַשין. ער האָט געפונען אַ וועג קיין פראַנקרייך אויסמיידנדיק די מאַזשינאָ־ליניע. די ריזיקע סומען

געלט און אַרבעט, וואָס די פראַנצויזן האָבן אויסגעגעבן אויף דער מאַזשי־נאָ־ליניע איז געווען אַרויסגעוואָרפן.

ביים ענגלישן קאַנאַל האָט זיך היטלער אָפּגעשטעלט.

אַלץ וואָס היטלער האָט פריער אַריינגעקראָגן האָט ער באַקומען לייכט, ביליק; ער האָט זייער ווייניק באַצאָלט דערפאַר. אינעם רהיין־געביט האָט ער אַריינמאַרשירט ווי אַ דערלייזער, געקראָגן כבוד און פאַרגעטערונג; אין עסטרייך האָט ער אַריינמאַרשירט ווי אַ נאַציאָנאַלער העלד, וואָס איז געקומען פאַרווירקלעכן אַ חלום פון אַ פאָלק — איין פאָלק און איין לאַנד; אין סודעטן־לאַנד, אַ טייל פון טשעכאָסלאָוואַקיע, מיט אַ דייטשער באַפעל־קערונג איז געווען די זעלביקע זאַך. ער האָט עס געקראָגן אַ מתנה פון ענגלאַנד און פראַנקרייך; נאָך אַ טייל פון דייטשן פאָלק האָט זיך פאַראייניקט מיט דעם דייטשן רייך. ער האָט דערנאָך פאַרנומען גאַנץ טשעכאָסלאָוואַקיע אָן איין שאָס. גאַנץ אייראָפּע האָט היטלער פאַרנומען מיט ווייניק פאַרלוסטן. ווען ער איז געקומען צו ענגלאַנד האָט ער געדאַרפט באַצאָלן אַ פּרייז. היטלער איז ניט געווען געוואוינט צו דעם; ער איז געוואוינט געווען צו כאַפּן מציאות.

די ענגלענדער זיינען ניט געווען דעמאָראַליזירט ווי די פראַנצויזן. זיי האָבן געוואוסט, אַז היטלער איז שטאַרקער פון זיי, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט בדעה זיך אונטערצוגעבן. טשוירטשילס ווערטער, אַז ער האָט ניט מער וואָס צו געבן זיין פאָלק ווי „בלוט, שוויס און טרערן" האָבן געקלונגען אין זייערע אויערן און פון יעדן ענגלענדער געמאַכט אַ העלדישן קעמפער. אַ גאַנץ פאָלק יונג און אַלט זיינען געשטאַנען גרייט אַוועקצוגעבן זייער לעבן און זיך ניט אונטערגעבן. טשוירטשילס ווערטער האָבן אויך געקלונגען אין היטלערס אויערן און אים איבערגעשראָקן.

עפּעס איז געווען אין דער שפּראַך און אין דער שטימע פון טשויר־טשיל, וואָס האָט ביי איין טייל וועלט אַרויסגערופן האָפנונג און העלדיש־קייט און ביי אַ צווייטן טייל וועלט — שרעק און אומרו.

היטלער איז געוואָרן אומרואיק. ער האָט געזען וויפיל פון די אייראָ־פּלאַנען, וואָס ער שיקט צו באָמבאַרדירן ענגלאַנד קומען ניט צוריק, האָט ער זיך דערשראָקן. די שרעק האָט געראַטעוועט די וועלט, ווייל היטלערס שרעק איז געווען גרעסער פון די ענגלישע כוחות. טשוירטשיל האָט עס צוגעגעבן אין זיינע מעמוארן. היטלער, וואָס איז געווען געוואוינט צו כאַפּן מציאות, האָט ניט געוואָלט באַצאָלן אַ גרויסן פּרייז פאַר אַריבערגיין דעם ענגלישן קאַנאַל. ער האָט געדענקט, אַז ער האָט דעם קאָנטינענט איז זיין זיג פאַרזיכערט. ווייל פונקט ווי עס איז שווער פאַר אים אַריבערצוגיין דעם קאַנאַל, וועט עס דאָך אויך זיין אַזוי שווער פאַר די ענגלענדער און אַמע־

ריקאַנער. האָט ער איצט גענוג צייט צו באַזיגן די רוסן. דאָ איז אָבער ווידער אונטערגעקומען דער גרעסטער שונא פון דייטשלאַנד — שונא־צייט און האָט באַזיגט היטלערן.

דער בליץ־קריג, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן ביים ענגלישן קאַנאַל, האָט זיך דערנאָך פאַרהאַלטן ביי מאָסקווע. דאָס האָט געגעבן צייט ענגלאַנד און אַמעריקע אויפּצובויען אַ ריזיקן לופט־פלאָט, אַז היטלער האָט שוין די מלחמה ניט געקאָנט געווינען. דעם ערשטן שטויס צוריק האָט היטלער געקראָגן פון די ענגלענדער ביי על־עלעמיין אין אַפריקע, מיט דער הילף פון יידישע פאַלעסטינער יונגעלייט. דעם צווייטן שטויס צוריק האָט ער געקראָגן פון די רוסן אין סטאַלינגראַד. דערנאָך איז שוין זיין מפּלה געווען אומפאַרמיידלעך.

סטאַלין האָט מיט גאָרניט געזינדיקט קעגן סאָציאַליזם מיט דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אַ פּאַקט מיט היטלערן; ער האָט מיט דעם געוואָלט ראַטעווען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און ער האָט געראַטעוועט. לויט די רע־זולטאַטן וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דערגרייכט נאָך דער מלחמה מוז מען צוגעבן — דאָס געבן צו אויך קעגנער — אַז די סאָוועטישע פּאָ־ליטיק און די דיפּלאָמאַטיע איז געווען קלוג און אויסגערעכנט.

עס איז פאַלש צו דענקען, אַז ווען ניט דער „פּאַקט" וואָלט זיך די מלחמה ניט געווען אָנגעהויבן. היטלער איז אין 1939 געווען גרייט פאַר מלחמה. ער וואָלט זיך אַליין ניט אָפּגעשטעלט. מען האָט אים געמוזט אָפּ־שטעלן. יאָ אַ פּאַקט אָדער ניט אַ פּאַקט, די מלחמה וואָלט זיך סיי ווי געווען אָנגעהויבן.

לאָמיר זאָגן אַז ניט, לאָמיר צוגעבן, אַז ווען ניט דער „פּאַקט" וואָלט קיין מלחמה ניט געווען. טאָ וואָס וואָלט געווען דאָס גליק? וואָלטן מיר דאָך היינט געהאַט אַ נאַצי־דייטשלאַנד מיט אַ היטלער וואָס וואָלט שוין זיכער היינט געהאַט אַטאָם און הײדראָדזשין באָמבעס. מיר וואָלטן אויך געהאַט אַ פאַשיסטישע יאַפּאַן מיט הונדערט מיליאָן יאַפּאַנעזער, וואָס וואָלטן געווען גרייט צו גיין אין פייער אַריין און זיי וואָלטן אויך שוין גע־האַט אַטאָם און הײדראָזשין באָמבעס. מיט זיי וואָלט נאָך עקזיסטירט אַ פאַשיסטישע איטאַליע, וואָס וואָלט באַהערשט דעם מיטללענדישן ים. קאָן זיך ווער פאָרשטעלן אין וואָס פאַר אַ טויט־שרעק מיר וואָלטן געלעבט? מען דאַרף אויך געדענקען, אַז ווען עס איז געווען אַ נאַצי־דייטשלאַנד זיינען אַלע דייטשן אין אַמעריקע געווען נאַציס, און ווען עס איז געווען אַ

פאַשיסטישע איטאַליע, זיינען אַלע איטאַליענער אין אַמעריקע געווען פאַ־שיסטן. קאָן זיך ווער פאַרשטעלן, ווי גרויס עס וואָלט געווען די ווירקונג פון אַזוי פיל מיליאָנען נאַציס און פאַשיסטן, אַמעריקאַנער בירגער, קעגן די קליינע צאָל וואָס מיר יידן זיינען?

וואָלטן מיר יידן געווען קעגן אַ מלחמה וואָס אַמעריקע און ענגלאַנד וואָלטן אונטערגענומען צו פאַרניכטן נאַצי־דייטשלאַנד? זיכער ניט. אַ סך יידן וואָלטן זיך פרייוויליק אַנגעשלאָסן אין אַזאַ מלחמה. דאָס וואָס היטלער האָט אָנגעהויבן די מלחמה, וואָס האָט געפירט צו זיין פאַרניכטונג איז געווען אַ נס. ווייל אַמעריקע און ענגלאַנד וואָלטן קיינמאָל אַזאַ מלחמה ניט אָנגע־הויבן. אויב דער „פאַקט" האָט געווירקט אַז אַ מלחמה זאָל זיך אָנהויבן, אַ מלחמה וואָס האָט געפירט צו דער פאַרניכטונג פון אַלע נאַציס און פאַ־שיסטן, דאַרפן מיר ניט זיין קעגן דעם.

אמת, מיר יידן האָבן באַצאָלט אַ גרויסן פרייז, אַ צו גרויסן פרייז. אָבער אַ פיל גרעסערן פרייז וואָלטן מיר באַדאַרפט צאָלן, ווען עס וואָלט געבליבן אַ נאַצי־דייטשלאַנד מיט אַ היטלערן וואָס וואָלטן געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער און מעכטיקער מיט אַ מעכטיקע פאַשיסטישע יאַפאַן מיט אַ פאַשיסטישע איטאַליע, וואָס אַמעריקע און ענגלאַנד וואָלטן געמוזט „אַפיזן", ווייל זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר אַ מלחמה מיט אַטאָם־ און הידרידזשין־באָמבעס. וואָס פאַר אַ וועלט וואָלטן מיר יידן דאַן געהאַט אויף דער וועלט. ניט זעקס מיליאָן יידן, נאָר אַלע יידן אויף דער גאַנצער וועלט וואָלטן געווען אין געפאַר.

די גרויסע און נאַטירלעכע אויפרעגונג וואָס דער „פאַקט" האָט אַרויס־גערופן ביי דער גאַנצער וועלט בכלל און ביי אונז יידן בפרט איז געווען, ווייל מיר האָבן ניט געוואוסט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן. עס האָט אויס־געזען, אַז דער פאַקט קאָן העלפן היטלערן געווינען די מלחמה.

ר ו ז ו ו ע ל ט י ז ם

.1

וואָס פאַר אַ ראָלע האָט קאַפּיטאַליזם געשפּילט אין דער וועלט און וואָס איז געוואָרן פון קאַפּיטאַליזם היינט אין אַמעריקע?

מאַרקס זאָגט וועגן קאַפּיטאַליזם אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט": „די בורזשואַזיע האָט געשפּילט אין דער געשיכטע אַ העכסט רעוואָלוציאָנערע ראָלע... אומעטום וואו די בורזשואַזיע האָט באַקומען די הערשאַפט האָט זי צעשטערט אַלע פעאָדאַלע, פּאַטריאַרכאַלישע, אידילישע פאַרהעלטניסן. זי האָט אָן רחמנות צעריסן די פאַרשיידענע פּילפאַרביקע פעאָדאַלע פעדע־מער וואָס האָבן צוגעבונדן דעם מענטש צו זיינע ‚נאַטירלעכע באַהערשער', דעם נידעריקן צו דעם העכערן אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט... די בורזשואַזיע האָט אויפגעוויזן, אַז דער גלאַנץ פון אויסערסטער ברוטאַלער מאַכט, וואָס האָט אויסגעצייכנט דעם מיטלאַלטער און פון וואָס די רעאַק־ציאָנערן קאָנען זיך נאָך עד־היום ניט אָפּוואונדערן איז גאָר ענג פאַרבונדן געווען מיט דער אינעוויניקסטער אומפעאיקייט פון דער פעאָדאַלער אַריס־טאָקראַטיע צו שאַפנדיקער אַרבעט.

„ערשט די בורזשואַזיע האָט באַוויזן וואָס די מענטשלעכע טעטיקייט קאָן אויפטאָן. זי האָט באַשאַפן פיל גרעסערע וואונדער־ווערק איידער די פּיראַמידן פון עגיפּטן אָדער די וואַסערלייטונגען אין דער רוימישער מלוכה און די גאָטישע קלויסטערס פון מיטלאַלטער. זי האָט אונטערנומען און דורכגעפירט נסיעות וואָס האָבן וויט איבערשטיגן די פעלקער־וואַנדערונ־גען און די מאַרשרוטן פון די צלם־טרעגער.

„די בורזשואַזיע קאָן אַנדערש ניט עקזיסטירן סיידן זי זאָל נאָכאַנאַנד רעוואָלוציאָניזירן די פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטן און במילא אויך אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטניסן. אַלע פריערדיקע אינדוסטריעלע קלאַסן האָבן פאַרקערט, געקאָנט האָבן אַ קיום נאָר כל־זמן עס זיינען געבליבן אומפאַרענדערט די אַלטע פּראָדוקציאָנס־פאָרמען... אַלץ וואָס שטייט אויף איין אָרט און קאָן זיך ניט ענדערן ווערט חרוב. יחוס ווערט אויסגעוועפּט, הייליקע ווערן וואָכעדיק און מענטשן זיינען סוף־כל־סוף געצוואונגען צו

קוקן מיט ניכטערע אויגן אויף זייער לעבנס־לאַגע און זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען.״

מאַרקס האָט באַוויזן, ווי ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען, ניט נאָר די שלעכטע זייט פון קאַפּיטאַליזם, נאָר אויך די גוטע זייט. ער האָט פאַר אונדז פעסטגעשטעלט צוויי זייער וויכטיקע פּונקטן: אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַ רעוואָלוציאַנערע באַוועגונג און אויך אַ דינאַמישע. פאַקטיש האָט מאַרקס געזען בלויז אַ קליינעם טייל פון קאַפּיטאַליסטישן אויפטו. דאָס וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן אויפגעטאָן נאָך מאַרקסן איז אומפאַרגלייכלעך מער, ווי דאָס וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן ביז מאַרקסן.

.2

אין יאָר 1933, אין זעלביקן יאָר ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, איז פראַנקלין ד. רוזוועלט דערוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער איז געווען דער קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

פראַנקלין ד. רוזוועלט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1882, אין הייד־פּאַרק; אַ שטעטל ניט ווייט פון ניו־יאָרק. זיין נאַציאָנאַליטעט איז אַ האָ־לענדישע, זיינע אור־עלטערן זיינען אין אַנהויב זיבעצנטן יאָרהונדערט געקומען פון האָלאַנד. דער פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט און דער זון האָט אויך שטודירט פאַר אַדוואָקאַט אין דעם אַריסטאָקראַטישן האַרוואַרד קאָלעדזש. ווען ער האָט גראַדואירט האָט ער זיך פאַרנומען מיט זיין פּראַפעסיע און אין דער זעלביקער צייט געווען אַקטיוו אין דער דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי. דעם ערשטן וויכטיקן אַמט האָט רוזוועלט געקראָגן, ווען ער איז אַלט געווען איין־און־דרייסיק יאָר. פּרעזידענט ווילסאָן האָט אים באַשטימט פאַר געהילף־סעקרעטאַר פון דער נייווי. ער האָט אָנגעהאַלטן דעם אַמט זיבן יאָר און רעזיגנירט, ווייל אין יאָר 1920 איז ער נאָמינירט געוואָרן פאַר וויצע־פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די דעמאָקראַטן האָבן דעמאָלט פאַרלוירן.

אַ יאָר שפּעטער, ווען ער איז אַלט געווען ניין־און־דרייסיק יאָר איז ער קראַנק געוואָרן אויף „פּאַליאָ״, אַ געפערלעכע קראַנקהייט פאַר קינדער, פאַר דערוואַקסענע איז עס גאָר פאַטאַל. ער האָט אָנגעפירט אַ העלדישן קאַמף פאַר זיין געזונט, וואָס אַלע האָבן באַוואונדערט און ער האָט זיך פון דער קרענק אַרויסגעדרייט; ניט אינגאַנצן, די פיס זיינען געבליבן אָפּגע־שוואַכט.

ער איז געווען אַ בן־יחיד, געוואָרן זייער אָפּגעהיטן ביי זיינע רייכע

עלטערן און אויסגעוואַקסן אַ צעבאַלעוועטער, האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין קעגנער.

ווען ער איז אַלט געוואָרן זעקס־און־פערציק יאָר, אין יאָר 1928 איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס גאָווערנאָר פון שטאַט ניו־יאָרק. אין יאָר 1933 איז ער נאָמינירט געוואָרן פאַר פּרעזידענט און פיר מאָל דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ביז אים איז קיינער מער ווי צוויי מאָל ניט נאָמינירט געוואָרן.

אין יאָר 1945 ווען רוזוועלט איז געווען אויף וואַקאַציע אין וואָרם ספּרינגס האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין דער אָנלען פון זיין שטול און געזאָגט: „אוי! איך האָב אַ שרעקלעכן קאָפּ־ווייטיק״. דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער. אַלע האָבן באַוויינט רוזוועלטס טויט. אַלע האָבן געפילט, אַז ניט נאָר אַמעריקע נאָר די גאַנצע וועלט האָט אורזאַכן צו דאַנקן רוזוועלטן און צו באַדויערן זיין טויט.

רוזוועלט האָט געשטאַמט פון אַ רייכער יחסנישער פאַמיליע. ער איז געווען אַ גוט דערצויגענער מיט אוניווערסאַל און מיליטערישע בילדונג. האָט זיך ניט געהאַט אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינטלעכע פעאיקייטן; אַ יונגערמאַן ווי פיל אַנדערע אין זיין קרייז.

אויף דעם ניט־אויסערגעוויינטלעכן יונגנמאַן איז אויסגעפאַלן דער גורל צו ווערן דער אויסערגעוויינטלעכער רעפאָרמער פון אונזער צייט. מיט פרענקלין ד. רוזוועלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע, די עפּאָכע פון איינפאַכן מענטש, אַ נייע צייט, די צייט פון „נייעם דיל״ און אַ נייע אידעאָלאָגיע וואָס איך רוף „רוזוועלטיזם״.

אין די פריערדיקע יאָרן האָט די וויכטיקסטע ראָלע געשפּילט דער אַריסטאָקראַט, דער גוט־באַזיצער, דער פּריסט, דער מיליטער מענטש און דער קאַפּיטאַליסט, דער איינפאַכער מענטש, דער מאַסן־מענש האָט געשפּילט אַן אומבאַדייטנדיקע ראָלע. ניט אַזאַ לאַנגע צייט צוריק האָט ער ניט געהאַט קיין רעכט אָנטיילצונעמען אין פּאָליטישן לעבן. אַפילו אין דער מאָדערנער צייט, ווען דער מאַסן־מענטש האָט שוין יאָ געהאַט אַ רעכט אָנטיילצונעמען אין פּאָליטישן לעבן, איז ער צוליב זיין אָפּגעשטאַנענקייט און איינגעוואוינטקייט צוריקגעהאַלטן געוואָרן פון אויסנוצן זיינע כּוחות, לויט דער ווירקלעכער, געזעצלעכער מאַכט וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

אין 1933 זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דער גרויסער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1929 און האָט נאָך אָנגעהאַלטן אין 1933, האָט אויסגעזען ווי צו זיין דער קריזיס, וואָס וועט פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם. דעמאָקראַטיע האָט אויסגעזען צו זיין צו שוואַך צו ראַטעווען קאַפּיטאַליזם פון געפאַר. די קאַפּיטאַליסטן האָבן

אין זייער געפּערלעכן צושטאַנד זיך געוואָלט העלפן דורך פאַשיזם. מוסאָ־ליני אין איטאַליע און היטלער אין דייטשלאַנד איז געשטיצט געוואָרן, אָפן אָדער געהיים, פון די קאַפּיטאַליסטן. אין יענער צייט האָט גרויס־בריטאַניע, די גרעסטע אימפּעריאַליסטישע אימפּעריע אַנגעהויבן פאַנאַנדערפאַלן. עס איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז די טייערסטע פּערל פון דער בריטישער אימ־פּעריע, אינדיע, וואָס דער ייד בענדזשאַמין דיזראַעלי האָט אונטערגעטראָגן די קעניגן וויקטאָריע, וועט מוזן באַפרייט ווערן. ניט נאָר פאַר אינדיע, נאָר פאַר אַלע לענדער וואָס האָבן געליטן פון אימפּעריאַליסטישער פאַר־שקלאַפונג, איז געקומען די צייט פון באַפרייאונג.

דאָס יאָר 1933 איז געווען אַ ביטער יאָר פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן. איבער דריי יאָר ווי דאָס לאַנד האָט זיך געמאַטערט אין די נעגל פון אַ שווערן קריזיס. אַרבעטסלאָזיקייט איז געווען גרויס. לאַנגע רייען, הונגעריקע מענטשן זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויף אַן אומזיסטן מאָלצייט. אַ סך האָט מען געוואָרפן פון די וואוינונגען און זיי האָבן זיך געוואַלגערט מיט זייער אָרעמקייט אויף דער גאַס. געשעפטס־לייט האָבן ניט געקאָנט אויס־האַלטן די שלעכטע צייטן און באַנקראָטירט. דער פאַרמער האָט ניט געקאָנט צאָלן זיינע חובות, זיינע „מאָרטגעדזשעס" און שטייערן; האָט מען אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיין ערד. דאָס האָט געפירט צו אומרוען אין די פאַרמער־געגנטן. דער „שעיר קראָפּער", דער אָרעמער פאַרמער וואָס האָט אַליין קיין ערד ניט געהאַט האָט זיך ממש אַרומגעוואַלגערט ווי אַ שלעפּער, ווי געטאָגט ניט געגנעכטיקט. באַנקען האָבן זיך צוגעמאַכט און צוגענומען די לעצטע פּאָר דאָלער ביי מענטשן. אין די גרויסע שטעט האָבן מענטשן וואָס האָבן ניט געהאַט וואו צו וואוינען געוואוינט אין כאַטעס, צוזאַמענגעקלאַפּט פון שטיקער האָלץ, וואָס מען האָט געפונען אויפן מיסט. די סאָרט וואוינונגען האָט מען גערופן „הואווערווילס". דער נאָמען איז געווען אַ סאָרט חוזק, אָפּצולאַכן פון פּרעזידענט הואווער וואָס טוט גאָרניט צו העלפן דאָס לאַנד. די נויט איז געווען גרויס, די מאָראַל געזונקען; עס איז געוואָרן אומרואיק אין לאַנד. וועטעראַנען, געוועזענע סאָלדאַטן, האָבן מאַרשירט צו דער הויפּטשטאָט וואַשינגטאָן פּראָטעסטירן, פאַרוואָס מען העלפט זיי ניט אין זייער נויט. די רעגירונג האָט באַנוצט געוועור אָפּצושטעלן דעם מאַרש. בכדי אויסצומיידן אַ קאַטאַסטראָפע, האָט פּרעזידענט הואווער גע־מוזט עפּעס טאָן, צו לינדערן די נויט. אין יאָר 1932 איז אָנגענומען געוואָרן דער „רעליף־אַקט", צו שטיצן די מענטשן אין נויט. דאָס איז ניט געווען גענוג, ווייל די הילף איז איבערגעלאָזט געוואָרן צו יעדן שטאַט באַזונדער.

אין 1933 האָבן ניט נאָר די אָרעמע אַרבעטער נאָר אויך דער מיטל־קלאַס און דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס געפילט, אַז זיי פאַלן צום אָפּגרונט

און עפּעס מוז געטאָן ווערן. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז דער פּרינציפּ פון „לעסעי פעיר" — מען זאָל אַלץ לאָזן גיין ווי עס גייט, וועט פירן צום אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם.

צום גליק איז רוזוועלט ניט געווען קיין דאָגמאַטיקער. ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר נייע וועגן. ער איז געווען אַמביציעז, געוואָלט זיך אויסצייכענען און עפּעס אויפטאָן פאַר דעם לאַנד. גענוי וואָס צו טאָן האָט ער נאָך ניט געוואוסט, אָבער ער האָט געוואָלט וויסן. ער האָט געזען דעם אָפּגרונט צו וועלכן דאָס לאַנד רוקט זיך צו און פאַרשטאַנען, אַז גרויס כוח מוז אָנגעווענדעט ווערן איינצוהאַלטן און אַרויספירן דאָס לאַנד אויף אַ נאָרמאַלן וועג. רוזוועלט איז געווען אַ מענטש מיט וויזיע, אַ מענטש מיט גוטע חושים; ער האָט דערהערט דעם רוף פון דער צייט. ער האָט דערפילט, אַז עס איז געקומען אַ צייט פאַר ענדערונגען און ער האָט זיך פאַרנומען צו מאַכן די נויטיקע ענדערונגען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פּראָבלעמען וואָס ער דאַרף לייזן זיינען עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. און אויף צו לייזן עקאָנאָמישע פּראָבלעמען וועלן אים ניט קאָנען העלפן די מיליטאַריסטן, די אינדוסטריאַליסטן אָדער „פּאָליטישנס" נאָר עקאָנאָמיסטן, מענטשן וואָס האָבן געלערנט און פאַרשטייען עקאָנאָמישע־וויסנשאַפט. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט מענטשן וואָס האָבן פאַרשטאַנען סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענינים. מען האָט זיי גערופן „די ניי דילערס". איינער אַזאַ מענטש, אַ גאון אין סאָציאַלער וויסנשאַפט, האָט געלעבט דאַן אין לאָנדאָן. זיין נאָמען איז געווען לאָרד קיינז. מען האָט אים געברענגט קיין אַמעריקע. און אים דאַרפן מיר אַ סך דאַנקען וואָס דאָס לאַנד איז צוריק אַרויף אויף אַ נאָרמאַלן וועג. רוזוועלט האָט געהאַט אַ גוטן חוש צו פאַרשטיין, ווער עס ווייסט וואָס ער רעדט און צו דעם האָט ער זיך צוגעהערט.

גרויסע ענדערונגען האָבן געמוזט געמאַכט ווערן. מען האָט געמוזט פאַרוואָרפן דעם פּרינציפּ פון „לעסעי פעיר", אַז די רעגירונג דאַרף זיך ניט מישן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד. מען האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון די „מערקאַנטיליסטן", אַז די רעגירונג דאַרף העלפן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, איבערהויפּט אין צייט פון געפאַר, אין צייט פון אַ קריזיס, פּונקט ווי זי טוט עס אין צייט פון אַ מלחמה.

דאָס יאָר 1929 האָט באַוויזן, אַז מען קאָן זיך מער ניט פאַרלאָזן אויף די אַלטע קאַפּיטאַליסטיש אָנגענומענע יסודות. דער קאַפּיטאַליזם קאָן ניט פירן די עקאָנאָמיע פון דער וועלט, אַפילו ניט די עקאָנאָמיע פון איין לאַנד אויף די וועגן פון די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע טראַדיציעס. דאָס לעבן האָט זיך געענדערט און דער קאַפּיטאַליזם, אויב ער וויל לעבן, מוז זיך אויך ענדערן.

דער נייער דיל איז געקומען אומדערוואַרטעט; קיינער האָט אים ניט פאַראויסגעזאָגט. ער איז געקומען אָן אַ פאָראויס אָנגעשריבענער טעאָריע. עס איז ניט געווען אַ קאַרל מאַרקס וואָס זאָל אָנשרייבן שווערע ביכער און אָנזאָגן דער וועלט, אַז עס וועט קומען די צייט פון נייעם דיל. עס איז ניט געווען אַ פאַרטיי וואָס זאָל מאַכן מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס פאַר דעם נייעם דיל. מען האָט ניט געמאַכט קיין סטרייקס, קיין אויפשטאַנדן, קיין רעוואָלוציעס פאַר דעם נייעם דיל. איז דען אַ וואונדער וואָס גאָר אַ גרויסער טייל ווייסט נאָך היינט ניט וואָס עס איז פאַרגעקומען? מען האָט דעם נייעם דיל ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק, עס איז קיין צייט ניט געווען. אַלץ איז פאַרגעקומען אַזוי אומדערוואַרטעט.

אַן אַלטע קאַפּיטאַליסטישע פאַרטיי, די דעמאָקראַטישע, מיט אַ רייך־דערצויגענעם פּרעזידענט, אַליין אַ קאַפּיטאַליסט, אַ לאַנד־אייגנטימער, האָבן גענומען מאַכן אַ ביסל אָרדנונג אין לאַנד; אָן טעאָריעס, בלויז די לאָגיק פון די אומשטענדן האָבן געפירט די ניי־דערוויילטע רעגירונג צו מאַכן רעפאָרמען. געשטויסן דורך דעם אימפּעט פון דער צייט, און פון דער ניי־געשאַפענער לאַגע, האָט מען זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן, נאָר ווייטער גיין צו ראַדיקאַלע ענדערונגען; ביז מען האָט דערזען עפּעס נייעס — אַ גרויסע ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער אָריענטאַציע. מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן „נייער דיל", אַ וואָכעדיקער נאָמען וואָס זאָגט גאָרניט.

אַ לאַנד וואָס איז באַרימט מיט איר קונסט פאַר „אַדווערטייזמענטס" און פּובליסיטי האָט געמאַכט די וויכטיקסטע רעפאָרמען אין לאַנד אָן אַד־ווערטייזמענטס און אָן פּובליסיטי.

איינפאַך, אָן נייע פילאָזאָפיעס און אָן נייע טעאָריעס, ווי אַ פּראַקטישער מענטש וואָס גייט ענדערן עפּעס וואָס איז נויטווענדיק און פּראַקטיש פאַר דער נייער צייט, האָט רוזוועלט געזאָגט: ער גייט מאַכן אַ נייעם דיל; ווי איינער וואָלט געזאָגט, ער גייט מאַכן אַ ניי געשעפט. די דעמאָקראַטישע פאַרטיי מיט רוזוועלטן אין דער שפּיץ האָבן ניט צוגעזאָגט גליקלעך צו מאַכן די וועלט; זיי האָבן ניט געטראַכט וועגן רעוואָלוציעס און איבער־קערענישן; זיי זיינען ניט געגאַנגען ענדערן די וועלט; זיי האָבן נאָר גע־וואָלט פאַרבעסערן די לאַגע אין זייער לאַנד.

סאָציאַליסטן האָבן אַלעמאָל געקוקט קרום אויף אַזעלכע רעפאָרמעס, וואָס ווילן איינהאַלטן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם מיט לייגן לאַטעס. זיי האָבן געדענקט, עס ברענגט שאָדן; מען נאַרט דערמיט אָפּ דעם אַרבעטער און מען פאַרהאַלט די גליקלעכע צייט וואָס סאָציאַליזם דאַרף ברענגען.

די קאָמוניסטן און די לינקע סאָציאַליסטן האָבן באַקעמפט רוזוועלטן אַלס אַ קאַפּיטאַליסטישער פאַרשטייער, וואָס וויל אָפּנאַרן די אַרבעטער.

מען האָט אים גערופן מלחמה־צינדער, באַהאַלטענער שונא, וואָס איז נאָך ערגער פון אָן אָפענעם שונא. זיי האָבן געשריגן, אַז ער פירט דאָס לאַנד צו פאַשיזם. די קאָמוניסטן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די ערגסטע רעאַקציאָנערן צו באַקעמפן רוזוועלטן. נאָך דעם פאַקט מיט היטלערן איז אין אַמעריקע געווען אַן אומאָפיציעלער פאַראייניקטער פראָנט צווישן די קאָמוניסטן און די רעאַקציאָנערן. די ערגסטע רעאַקציאָנערן זיינען פלוצים געוואָרן אויטאָריטעטן וועמען די קאָמוניסטן האָבן ציטירט צו באַווייזן, אַז רוזוועלט איז אומגערעכט. יידישע אַרבעטער באַאיינפלוסט פון דער קאָמוניסטישער פרעסע האָבן דאַן פיינט געהאַט רוזוועלטן און אים געשאָלטן. ווער קאָן דען פאַרגעסן, אַז נאָכדעם ווי היטלער האָט שוין געהאַט איינגענומען גאַנץ אייראָפּע, איין ענגלאַנד האָט נאָך פאַרצווייפלט געקעמפט קעגן היטלערן, זיינען יידישע און אויך ניט־יידישע יונגע מענטשן, מיט העכערער בילדונג און אויך אַרבעטער געקומען קיין וואַשינגטאָן „פּיקעטן" דאָס „ווייסע הויז" און געשריגן מיט באַנומענע קולות, מען זאָל ניט העלפן ענגלאַנד, ווייל עס איז ניט קיין אונטערשייד ווער עס וועט געווינען די מלחמה, היטלער צי טשוירטשיל. ווער קאָן פאַרגעסן די קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציעס און „סלאָגאַנס" אין יענער צייט: „די יענקיס וועלן ניט קומען", „עס איז ניט אונזער קריג, מיר דאַרפן זיך ניט מישן", „עס איז ניט קיין אונטערשייד צווישן דייטשע נאַציס און ענגלישע אימפּעריאַליסטן". באַלד אין אָנהויב האָבן די לינקע עלעמענטן דערפילט אין רוזוועלטן אַ שונא. דאָס איז געווען אַ סאָציאַליסטישע טראַדיציע צו באַטראַכטן אַ ניט־סאָציאַליסט ווי אַ שונא. די רעכטע סאָציאַליסטן און דער „פאָרווערטס" זיינען געגאַנגען מיט רוזוועלטן און זיינען געוואָרן אָנהענגער פון „ניו־דיל". זיי האָבן נאָך גערעדט סאָציאַליסטישע רייד, געפוצט זיך מיט סאָציאַליסטישע פראַזן, אָבער דאָס איז געווען מער אויס געוואוינהייט. אַ גאַנץ לעבן געוואוינט צו סאָציאַליסטישע פראַזן איז געווען שווער זיך אָפּצוגעוואוינען פון דעם.

3.

וואָס דער נייער דיל וועט ברענגען האָט קיינער געוואוסט, אַפילו ניט רוזוועלט. עס איז געווען אַ פּראָבע, עפּעס האָט געמוזט געטאָן ווערן. האָט רוזוועלט געטאָן דאָס וואָס די לאָגיק און די אומשטענדן האָבן אַרויסגערופן. ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן אַ נייער בליק אויף דער וועלט און אויף אירע עקאָנאָמישע יסודות. אַנדערש ווי די סאָציאַליסטן, האָבן די ניי־דילער געקוקט אויף דעם שטאַרק צעפּויקטן באַגריף פון קלאַסן־קאַמף. ביי מאַרקסן איז קלאַסן־קאַמף דער יסוד וואָס פירט אָן מיט

דער געשיכטע פון דער וועלט, און וואָס וועט פירן צו סאָציאַליזם, צו דעם גרויסן אידעאַל פון אַ וועלט אָן קלאַסן. די ניי־דילער האַלטן דעם געדאַנק פון אַ וועלט אָן קלאַסן פאַר אַן אוטאָפּיע. ווי אַזוי די וועלט זאָל זיך ענדערן וועט אַלץ זיין קלאַסן אויף דער וועלט. צו טראַכטן וועגן אַ וועלט וואו אַלע מענטשן וועלן ווערן אויסגעגליכט, איז פאַנטאַסטיש. עס איז סאָציאַ־לאָגיש פונקט ווי פסיכאָ־פיזיאָלאָגיש ניט מעגלעך. די צעטיילונג פון קלאַסן קומט ניט בלויז צוליב עקאָנאָמישע אורזאַכן נאָר אָפט צוליב פסי־כאָלאָגישע אורזאַכן. מענטשן ווערן רייך ניט בלויז דורך אומשטענדן; די זעלביקע אומשטענדן קענען זיין פאַר אַ סך, פונדעסטוועגן ווערן אַ טייל רייך און אַ טייל בלייבט אָרעם. צוויי ברידער קומען קיין אַמעריקע,ביידע לעבן אונטער די זעלביקע אומשטענדן און איינער ווערט רייך, דער צווייטער ניט, דערפאַר ווייל זיי זיינען צוויי פאַרשיידענע מענטשן. טאַקע צוויי ברידער, אָבער איינער קאָן זיין אַמביציעז, אַגרעסיוו, האָבן וויזיע און אונ־טערנעמונגס גייסט, זיין אויסגערעכנט און דערהויפּט, ער וויל רייך ווערן און ער ווענדט אָן אַלע זיינע פעאיקייטן רייך צו ווערן; דער צווייטער ברו־דער קאָן זיין פונקט פאַרקערט, ניט האָבן קיין איינע פון די אַלע אייגנ־שאַפטן, אָדער, ער קאָן האָבן די אַלע אייגנשאַפטן נאָר ער פאַרווענדט זיי אויף עפּעס אַנדערש, אויף כלל־טוערייַ, אויף ליטעראַרישע אָדער אַנ־דערע אַמביציעס. דער רייכער, וואָס ווערט ניט געבוירן רייך נאָר האָט זיך אַליין דערוואָרבן זיין רייכקייט, איז ניט נאָר אַ מענטש פון אַן אַנדער קלאַס נאָר אַן אַנדערער מענטש. די פראַגע איז ניט צי ער איז אַ בעסערער אָדער אַן ערגערער, אַ רייכער מוז ניט דווקא זיין שלעכט ווי אַן אָרעמער מוז ניט דווקא זיין גוט. עס איז אויך ניט קיין פראַגע ווער עס איז קלוגער אָדער אינטעליגענטער, עס איז אַ פראַגע פון פסיכאָלאָגישער אַנדערשקייט. אין אַמעריקע קאָן מען באַמערקן פאַלן, ווען דער פאַקטישער עקאָנאָמישער קלאַסן ־ אונטערשייד עקזיסטירט ניט. דער פאַקטישער עקאָנאָמישער אונטערשייד פון פאַבריקאַנטן און אַרבעטער איז וואָס די פאַבריקאַנטן זיינען רייך און די אַרבעטער אָרעם. אין די פאַראייניקטע שטאַטן און גע־וויס אויך אין אַנדערע לענדער קאָן מען געפונען רייכע אַרבעטער און אָרעמע פאַבריקאַנטן; דאָס הייסט, אַז אַן אַרבעטער וואָס אַרבעט ביי אַ מאַשין אָדער מיט אַ פּרעס־אייזן זאָל האָבן אַ גרעסערן איינקונפט ווי איינער וואָס איז אַן אייגנטימער פון אַ פאַבריק. דער קלאַסן־אונטערשייד איז אין דעם פאַל ניט קיין עקאָנאָמישער נאָר אַ פסיכאָלאָגישער. מען קאָן זאָגן, אַז אין מערסטנטייל וואָלט דער פאַבריקאַנט קיינמאָל ניט געקאָנט איינזיצן ביי דער מאַשין און ווען ער וואָלט געמוזט וואָלט ער זיך געפילט אומ־גליקלעך. און דער פרעסער אָדער „אָפּערייטאָר” וואָלט העכסט וואַרשיינלעך

באַגראָבן זיין געלט ווען ער פּרובירט צו ווערן אַ פאַבריקאַנט. דער סאָציאַ־ליסטישער מאָטיוו, אַז דער אַרבעטער מוזליידן ווייל ער האָט ניט די מיטלען פון פּראָדוקציע גילט פּאַקטיש ניט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַן אַרבעטער קאָן אַליין אָדער צוזאַמען מיט אַ שותף אָדער עטלעכע שותפים עפענען אַ קליינע פאַבריק און אַרבעטן פאַר זיך. די אורזאַך פאַרוואָס אַ סך טוען עס ניט איז די מורא פר דער ריזיקע וואָס שטעקט אין יעדער נייער אונטערנעמונג און ווייל עס לוינט זיך זיי ניט. פאַקטן דאָס צו באַווייזן זיינען דאָ אין די טויזנטער. דאָס וואָס מענטשן ווענדן אָן זייער גאַנצע ענערגיע און אַרבעט צו ווערן רייך איז ניט קיין שאָדן פאַר דער געזעל־שאַפט. די פאַנטאַזיעס, אַמביציעס און פעאיקייטן וואָס מאַכן איין מענטש רייך, מאַכט אין דער זעלביקער צייט רייך דאָס לאַנד. קינדער וואָס ירשענען זייערע עלטערן טאָן טאַקע גאָרניט אויף מיט דעם וואָס זיי ירשענען אַזוי פיל רייכקייט. זייערע עלטערן אָדער עלטערנס עלטערן וואָלטן זיך אָבער ניט געגעבן אַזוי פיל מי, ווען זיי זאָלן וויסן, אַז דאָס רייכטום וואָס זיי זאַמלען וועט ניט קאָנען איבערגעלאָזן ווערן צו זייערע קינדער.

אַמעריקע איז ניט דאָס איינציקע לאַנד וואָס איז רייך, אין פּאָטענ־ציעלע מעגלעכקייטן. כינע און נאָך אַנדערע אַזיאַטישע לענדער זיינען אויך רייך אין פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן. פונדעסטוועגן לעבן זיי אין נויט און אָרעמקייט ווי אין די פּרימיטיווע צייטן. און זיי זיינען אַלע פעלקער מיט טויזנטער יאָר קולטור. די אורזאַך איז ווייל דאָרט איז דער עלעמענט אַן אַנדערער, אַן עלעמענט וואָס האָט זיך ניט אינטערעסירט רייך צו ווערן. דער אָריענטאַלישער מענטש, אַ מיסטיש געשטימטער מענטש זעט בלויז דעם נעכטן. די צוקונפט איז פאַר אים אַ ווייטע, ניט אייגענע זאַך. זיינע חלומות וועבן זיך פון פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג. די צוקונפט איז פאַר אים אַ „נירוואַנאַ", דאָס פאַרגיין זיך אין גאָרניט. דער אָריענטאַלער וואָס איז אַזוי איינגעגלויבט אין מזל איז אויפן אינדוסטריעלן געביט אַ שלימזל. ער איז צופרידן אַפילו ווען ער גייט אַנגעטאָן אין שמאַטעס און עסט וואָס עס פאַלט פון דיביימער. ער איז אַפּגעלאָזן און פאַסיוו. ער האָט ניט קיין סך און דאַרף ניט פיל. ווען די אַמעריקאַנער וואָלטן געהאַט אַזאַ מענטאַ־ליטעט וואָלטן זיי אויך בעסער ניט געלעבט. די אינדיאַנער וואָס האָבן געלעבט אין אַמעריקע לאַנגע יאָרן פריער האָבן טאַקע בעסער ניט געלעבט. ווען עס וואָלטן דאָ ניט אַהערגעקומען די אייראָפּעער, ווען אַמעריקע בלייבט אין די הענט פון די אינדיאַנער, וואָלטן זיי נאָך היינט דאָ אַרומגעלאָפן ווי ווילדע און געלעבט ווי איידער קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע. דער פּערזענלעכער עלעמענט שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער מעגלעכקייט

עפּעס צו דערגרייכן. ישראל, און דאָס וואָס יידן מאַכן פון דעם לאַנד אין דעם פּרימיטיוון נאָענטן אַזיע, קאָן זיין אַ גוטער ביישפּיל.

צוגעבנדיק, אַז קלאַסן זיינען ניט קיין אומגליק און ניט קיין גליק נאָר אַן אומפאַרמיידלעכקייט האָבן די ניי־דילער מינימיזירט דעם קאַמף פון די קלאַסן. דער קאַמף פון די קלאַסן איז ניט קיין מוז, מען קאָן אים אויס־מיידן. דער סאָציאַליסט איז אויך מודה, אַז דער קאַמף פון די אַרבעטער קעגן די קאַפּיטאַליסטן איז ניט דערפאַר, ווייל דעם אַרבעטער שטייט ניט אָן וואָס ער איז אַן אַרבעטער און דער אַנדערער אַ בעל־הבית — כאָטש מען קאָן ניט לייקענען אַז אַזאַ קנאה־געפיל עקזיסטירט — דער סאָציאַליסט אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם. וואָס דער סאָציאַליסט וויל, איז אָפּשאַפן עקספּלואַטאַציע. די ניי־דילער האָבן געזאָגט: מען קאָן ניט אינגאַנצן אָפּשאַפן עקספּלואַטאַציע, מען קאָן זי בלויז פאַרמינערן. דער קאַמף פון די קלאַסן איז איבערטריבן. דער אַרבעטער קעמפט ניט קעגן דעם קאַפּי־טאַליסט, דעם פאַבריקאַנט, ווייל ער וויל אים מאַכן אויס פאַבריקאַנט. ער קעמפט פאַר אַ קאָנקרעטע זאַך, ער וויל דער פאַבריקאַנט זאָל אים געבן מער געלט און וויניקער אַרבעטס־שעהן. אויב דער אַרבעטער קריגט וואָס ער וויל הערט ער אויף צו קעמפן. דער קאַמף צווישן אַרבעטער און פאַבריקאַנט איז מער ניט אַזוי אַקטועל ווי געווען. די טרעיד־יוניאָנס האָבן שוין לאַנג אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון „געמיינשאַפטלעכע פאַרהאַנד־לונגען", וואָס האָט זייער פיל רעדוצירט די סטרייקס.

.4

אַדאַם סמיט, וואָס האָט געזאָגט: די בעסטע רעגירונג איז די, וואָס רעגירט אַמווינציקסטן, האָט געזאָגט אַ שיין וואָרט וואָס האָט אַפּעלירט צו אַלע און האָט זיך צוגעפּאַסט צו זיין צייט. גערעכט איז ער אָבער ניט געווען, ווייל אַפילו אין זיין צייט האָט די רעגירונג געקאָנט אַ סך טאָן צו פאַרלייכטערן די ליידן פון די מאַסן. פּונקט ווי עס איז ניט גוט ווען אַ רעגירונג רעגירט צופיל איז אויך ניט גוט ווען אַ רעגירונג רעגירט צו וויניק. עס וואָלט געווען ריכטיקער ווען מען זאָגט: אַ רעגירונג דאַרף רעגירן אַזוי פיל וויפיל עס איז נויטיק פאַר דעם לאַנד.

דער נייער דיל האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון „נויטיקן קאָנטראָל". די ניי־דילער האָבן געזאָגט: עס וואָלט זיכער בעסער געווען ווען מיר דאַרפן זיך ניט צופיל אַריינמישן אין די עקאָנאָמישע פירונגען פון לאַנד. און מיר וואָלטן זיך טאַקע ניט געמישט, ווען אַלעס וואָלט געווען נאָרמאַל. ווען אָבער דאָס לאַנד איז ניט אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד, ווען עס איז אַ קריזיס און דאָס פאָלק איז אין נויט, איז עס אַ פליכט די רעגירונג זאָל

העלפן דעם פאָלק — אויב צוליב דעם דאַרף די רעגירונג רעגירן אַ ביסל מער, איז עס אויך ניט קיין אומגליק. אויב די רעגירונג קאָן עפּעס טאָן אָפּצושאַפן אַ קריזיס, דאַרף זי עס טאָן. ווען די רעגירונג האָט אַן עצה אָפּצושאַפן קריזיסן אין דער צוקונפט, איז עס זיכער איר פליכט דאָס צו טאָן.

רוזוועלט האָט געדענקט, עס איז דאָ אַזאַ מעגלעכקייט, ער קאָן אָפּ־שאַפן דעם איצטיקן קריזיס און פאַרזיכערן דאָס לאַנד פון אַן ערנסטן קריזיס אין דער צוקונפט. ער קאָן עס אָבער ניט טאָן לויט דער איצטיקער איינשטעלונג פון לאַנד, ווען אַלץ בלייבט ווי געווען. מען דאַרף מאַכן ענדערונגען, מען דאַרף מאַכן נייע רעגולאַציעס, נייע געזעצן וואָס זאָלן רעגולירן די עקאָנאָמיע פון לאַנד. צו פאַרבעסערן די לאַגע אין לאַנד מוז מען מער רעגירן.

דער קאַפּיטאַליסט איז בטבע אַן אינדיווידואַליסט. ער בויט אויף און מאַכט רייך דאָס לאַנד, ניט ווייל ער וויל דאָס לאַנד רייך מאַכן; ער וויל אַליין רייך ווערן; נאָר אַרבעטנדיק שווער און אָנווענדנדיק זיין גאַנצע ענערגיע אַליין רייך צו ווערן, ווערט דאָס לאַנד ממילא רייך. סוף־כל־סוף מוז דער קאַפּיטאַליסט אויך שטאַרבן און איבערלאָזן זיין רייכקייט. דער קאַפּיטאַליסט קאָן ניט אַליין אויסמיידן קריזיסן און אומגליקן וואָס באַפאַלן אַ לאַנד. ער אַליין פאַרלירט אויך, ער קאָן אַמאָל פאַרלירן אַלץ וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין זיין לעבן. אויסצומיידן אָדער לייכטער מאַכן אַן עקאָ־נאָמישע קאַטאַסטראָפע איז נויטיק אַ געזעלשאַפטלעכער כוח, וואָס אַ רע־גירונג פאַרמאָגט.

צום גליק — צום אומגליק דאַרף מען אויך האָבן גליק — צום גליק איז דאָס לאַנד אין יענער צייט, ווען רוזוועלט איז געוואָרן פּרעזידענט, געווען אין אַזאַ כאַאָס, אַז אויך דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט געוואָלט די רעגירונג זאָל עפּעס טאָן צו פאַרבעסערן די לאַגע אין לאַנד. זיי זיינען אַליין געווען דערשראָקן און הילפלאָז. די מורא פאַר קאָמוניזם איז זיי אַריין אין די ביינער. זיי האָבן רוזוועלטן ניט געשטערט צו טאָן דאָס, וואָס ער האָט געפונען פאַר נויטיק. דערנאָך, ווען רוזוועלט האָט זיי צוריקגע־שטעלט אויף זייערע אייגענע פיס, האָבן זיי אים גראָד שטאַרק באַקעמפט.

דער נייער דיל פּרינציפּ, אַז די רעגירונג איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די לאַגע אין לאַנד האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן.

דער הואווער־רעליף אַקט וואָס האָט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון רעליף איבערגעלאָזט צו די שטאַטן האָט ניט גוט געאַרבעט. מען האָט אָנ־גענומען דעם „פעדעראַל רעליף אַקט”, אַז די פעדעראַלע רעגירונג איז פאַראַנטוואָרטלעך און גיט געלט פאַר רעליף. דעם 12־טן מאַי 1933 איז עס

געוואָרן אַ געזעץ, אַז די רעגירונג איז פאַרפליכטעט צו געבן הילף צו אַלע וואָס נויטיקן זיך.

רוזוועלט איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיקער. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געחלומט און זיך צוגעגרייט צו ווערן אַ פּאָליטישער פירער. נאָר אין די ביכער וואו אַמענטש ווערט פאַרשריבן מיט וואָס ער באַשעפ־טיקט זיך איז רוזוועלט געווען פאַרשריבן אַלס פאַרמער. דאָס האָט ניט צו טאָן מיט דער אורזאַך, וואָס רוזוועלטס ערשטע רעפאָרמען האָבן געהאַט צו טאָן מיט דעם פאַרמער, דאָס איז געווען אַ צופאַל. רוזוועלט האָט געזען אַז דער פאַרמער, אין זיין נויט, שלעפּט מיט, מיט זיך, דאָס גאַנצע לאַנד. האָט ער באַשלאָסן, אַז די וויכטיקסטע זאַך וואָס מען דאַרף טאָן, איז העלפן דעם פאַרמער. דריי אָרגאַניזאַציעס זיינען געגרינדעט געוואָרן באַלד ווי ער איז דערוויילט געוואָרן. די א.א.א., די פ.ס.א. און די ס.ס.ס. די דריי אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געשטעלט איין ציל — העלפן דעם פאַרמער. אויף צו העלפן דעם פאַרמער האָט מען באַדאַרפט איינשטעלן אַ קאָנטראָל אין דער פאַרם־פּראָדוקציע און דער פאַרמער האָט באַדאַרפט קאָאָפּערירן.

דער פאַרמער האָט געליטן פון דעם, וואָס עס איז געווען צופיל תבואה אויפן מאַרק. די תבואה איז געוואָרן צו ביליק און עס איז געווען שווער די תבואה צו פאַרקויפן. האָט די רעגירונג געזאָגט צום פאַרמער: רייס ניט איין די וועלט, אַרבעט ניט צו שווער, באַאַרבעט ניט אַלע פעלדער; אויב וועסט ווייניקער אַרבעטן וועט זיין ווייניקער תבואה; און אַז עס וועט זיין ווייניקער תבואה, וועט דער פּרייז ניט פאַלן אַזוי נידעריק. אויב דיין איינקונפט וועט ניט זיין גענוג וועלן מיר דיר צו צאָלן. און אויב וועסט האָבן איבעריקע תבואה, וואָס וועסט ניט קאָנען פאַרקויפן וועלן מיר ביי דיר אָפּקויפן דיין איבערגעבליבענע תבואה.

אויף אַזאַ גליק האָט זיך דער פאַרמער ניט געריכט.

די רעפאָרם פון „סובסידיעס", צו באַצאָלן דעם פאַרמער פאַר ניט באַאַרבעטן די פעלדער איז אַזוי ניי און ראַדיקאַל, אַז מען האָט עס נאָך ביז איצט ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק. דער פאַרמער האָט עס אָבער יאָ ריכטיק אָפּגעשאַצט און ער האָט רוזוועלטן ניט געוואָלט אַראָפּלאָזן פון זיין פּרעזידענטן שטול. ווען רוזוועלט איז געשטאָרבן און טרומאַן איז גע־וואָרן פּרעזידענט האָט ער נאָכגעפאָלגט די זעלביקע פּאָליסיס וואָס רוז־וועלט. כאָטש אַלע זיינען געווען קעגן טרומאַנען, אַפילו זיין אייגענע פּאַרטיי, און ער האָט געהאַט קעגן זיך וואַלאַסן מיט די לינקע פון איין זייט און די „דיקסיקראַטס" מיט די רעאַקציאָנערן פון דער סאַוט אין דער צווייטער זייט, און טרומאַן, מוז מען דאָך צוגעבן, איז ניט קיין רוזוועלט,

האָבן אים די פאַרמער פונדעסטוועגן געראַטעוועט פון אַלע געפאַרן און אים מיט טריאומף ווידער אָוועקגעזעצט אויף דער פּרעזידענטן שטול.

דער סענסיטיווסטער טייל פון לאַנד, דער טייל וואָס גיט דעם לאַנד ברויט האָט זיך אָנגעהויבן שטעלן אויף די פיס. דער נייער דיל איז ניט נאָר געווען ניי, נאָר אויך גוט פאַר דעם לאַנד.

.5

מען האָט זיך גענומען צום געפערלעכסטן עלעמענט אין אַ לאַנד, צום אַרבעטסלאָזן. דער אַרבעטער האָט ניט קיין אַרבעט און די פּריוואַטע אינדוסטריעס קאָנען אים קיין אַרבעט ניט געבן. וואָס זאָל מען טאָן? זאָל מען אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום און די רעגירונג זאָל איבערנעמען און אָנפירן מיט אַלע אינדוסטריעס פון לאַנד? דאָס ווילן די סאָציאַליסטן, מאַרקס האָט שוין לאַנג באַוויזן, אַז דאָס איז דער בעסטער און דער איינציקער וועג. רוזוועלט און די ניי־דילער האָבן ניט געהאַלטן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געבײַדע איז אַזוי שלעכט דאָס מען דאַרף זי אינגאַנצן צעוואַרפן. זיי זײַנען אויך ניט געווען אַזוי זיכער, צי די נײַע געבײַדע, די סאָציאַליסטישע, וועט טאַקע זײַן אַזוי פּערפעקט ווי די סאָציאַליסטן מיינען. דאָס וואָס די קאָמוניסטן האָבן געמאַכט פון סאָציאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיי זייער ווייניק געלאָקט. רוזוועלט האָט געזאָגט, אויב עס זײַנען דאָ אַ סך אַרבעטסלאָזע וואָס קאָנען ניט קריגן קיין אַרבעט בײַ פּריוואַטע אינדוסטריעס, וועט די רעגירונג זיי געבן אַרבעט, ביז די פּריוואַטע אינדוסטריעס וועלן זיך שטעלן אויף די פיס און וועלן האָבן אַרבעט פאַר זיי. עס האָבן זיך געגרינדעט די פּ.וו.א. און די וו.פּ.א., צוויי אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט שאַפן אַרבעט פאַר אַרבעטסלאָזע. די צוויי אָרגאַניזאַציעס האָבן אַ ביסל פאַרלייכטערט דעם דרוק פון אַרבעטסלאָזיקייט. אַ סך פון די אַרבעט וואָס די אַרבעטסלאָזע האָבן געטאָן זײַנען ניט געווען זייער נויטיק. די רעגירונג האָט זיי פּונקט אַזוי געקאָנט געבן „רעליף" אָנשטאָט אַרבעט. די רעגירונג האָט געהאַלטן, אַז „רעליף" דעמאָראַליזירט דעם אַרבעטער און געוואוינט אים אָפּ פון אַרבעט. די אַרבעט וואָס די רעגירונג האָט געגעבן די אַרבעטסלאָזע האָט געהאָט די אויפגאַבע צו געבן הילף און אויפהאַלטן די מאָראַל.

דאָס אַליין איז ניט געווען גענוג אַרויסצושלעפּן דאָס לאַנד פון קריזיס. די הויפּט־צרה אין אַן אינדוסטריעל לאַנד איז וואָס די גרויסע מאַסן אַרבעטער פאַרדינען ווייניק און קאָנען ניט קויפן די סחורות, וואָס ווערן פּראָדוצירט. דאָס איז אַ פּשוטע זאַך און צו דעם איז דאָ אַ פּשוטע עצה: מען דאַרף זען דער אַרבעטער זאָל פאַרדינען מער געלט. אָבער ווי אַזוי?

די פאַבריקאַנטן װעלן דאָך ניט אַליין, פון זייער אייגענעם װילן, געבן דעם אַרבעטער מער געלט. נו, פאַר דעם, אַז דער אַרבעטער זאָל קריגן מער געלט, דאַרף מען ניט גרינדן נייע אָרגאַניזאַציעס. עס זיינען שוין דאָ אַלטע אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם — די יוניאָנס. האָט די רעגירונג געהאָלפן פאַר־שטאַרקן די אַלטע יוניאָנס און אָרגאַניזירן נייע. די יוניאָנס האָבן פאַרשטאַ־נען װי געהעריק אויסצונוצן די נייע צייט. מיליאָנען אַרבעטער זיינען אָרגאַ־ניזירט געװאָרן. אויב די טרעיד יוניאָנס זיינען געװאָרן אַזאַ גרויסע מאַכט אין אַמעריקע, האָבן זיי אַ סך צו פאַרדאַנקען רוזוועלטן. װי אַנדערש איז דאָס געװען אין דער נאָר װאָס פאַרגאַנגענער צייט, װען אין אַ סטרייק האָט די פּאָליציי געשלאָגן די סטרייקער און באַשיצט די סטרייק־ברעכער. װען די פאַבריקאַנטן האָבן געדונגען גענגסטערס צו שלאָגן די סטרייקער האָט די פּאָליציי געהאָלפן די גענגסטערס.

מען האָט זיך ניט פאַרלאָזט בלויז אויף דעם כוח פון די יוניאָנס. די רעגירונג האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין העלפן לייזן פאַרשיידענע אַר־בעטער פּראָבלעמען. עס איז געגרינדעט געװאָרן אַ „לייבאָר רילײשאָנס באָארד", װאָס האָט זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט אַרבעטער־פּראָבלע־מען. אונטער דעם איינפלוס פון רוזוועלטן האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען געזעצן צום גונסטן די אַרבעטער. דער ערשטער און וויכטיקסטער געזעץ — דער װאַגנער־אַקט — איז אָנגענומען געװאָרן אין 1935. דאָס איז אַזאַ וויכטיק געזעץ דאָס די אַרבעטער האַלטן עס פאַר דעם אַרבעטערס „מאַגנאַ קאַרטאַ". דאָס איז אַ געזעץ װאָס, װי פריער דערמאָנט, האָט די יוניאָנס געגעבן גרויסע מעגלעכקייטן. דאָס געזעץ לויטעט: „אַרבעטער האָבן אַ רעכט זיך צו אָרגאַניזירן, צו פאַרמירן, אָנצוגעהערן און העלפן אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס צו פאַרהאַנדלען געמיינשאַפטלעך, דורך פאַרשטייער װאָס זיי אַליין קלייבן אויס, און זיין פאַרבונדן מיט אַקציעס פאַר דעם צװעק פון קאָלעקטיװע פאַרהאַנדלונגען אָדער אַנדערע געמיינשאַפטלעכע הילף פאַר פאַרזיכערונג". װען דאָס געזעץ איז אָנגענומען געװאָרן איז דער קאַמף װאָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַלעמאָל אָנגעפירט קעגן יוניאָנס געקומען צו אַ סוף. דער קאַמף פון די קאַפּיטאַליסטן מיט פּאָליציי און גענגסטערס אויף זייער זייט, װאָס האָט אַ סך יוניאָנס צעבראָכן איז געװאָרן צעשטערט.

אין 1935, דעם פערצנטן אויגוסט איז אָנגענומען געװאָרן דער סאָ־ציאַלער פאַרזיכערונגס־געזעץ. אַ געזעץ װאָס פאַרזיכערט דעם אַרבעטס־לאָזן און עלטערן אַרבעטער, װאָס פאַלט אַרויס פון דער אַרבעט מיט אַן איינקונפט, ער זאָל ניט דאַרפן הונגערן. היינט קריגט אַן אַרבעטסלאָזער 36 דאָלאַר אַ װאָך מאַקסימום. אויב זיין פרוי אַרבעט אויך און זייביידע פאַלן אַרויס פון דער אַרבעט קריגן זיי 72 דאָלאַר אַ װאָך. דאָס איז אַ באַ־

דייטנדיקע סומע אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן און מען דאַרף אַזעלכע אַרבעטסלאָזע ניט באַדויערן. דער פאַרזיכערונגס־געזעץ האָט מער ווי אַלע אַנדערע געזעצן געראַטעוועט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. דער הויפּט געפאַר פאַר דעם סיסטעם איז אַרבעטסלאָזיקייט. מיט דער גרויסער טעכני־שער אַנטוויקלונג אין אַמעריקע איז צייטווייליקע אַרבעטסלאָזיקייט אַן אומ־פאַרמיידלעכע זאַך. פאַר אַן אַרבעטסלאָזן, הונגעריקן אַרבעטער האָבן פריי־הייט, דעמאָקראַטיע און נאָך אַזעלכע גוטע דערגרייכונגען ניט קיין גרויסן ווערט; אַ סיסטעם וואָס גיט אים די אַלע גוטע זאַכן און לאָזט אים אויסגיין פון הונגער איז ניט קיין גוטער סיסטעם און ער וועט אַלעמאָל זיין גרייט אים צו ענדערן. ווען דער אַרבעטער איז פאַרזיכערט, אַז ער וועט ניט הונגערן אַפילו ווען ער וועט ניט האָבן קיין אַרבעט און ער האָט נאָך דערצו פרייהייט און דעמאָקראַטיע, מאַכן אויף אים די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פראַזן ניט אַזאַ איינדרוק. און אויב ער וויל זיך געבן די מי, זיך אַריינצוטראַכטן און פאַרשטיין — וואָס ער קאָן לייכט טאָן, ווען ער איז ניט הונגעריק, — וועט ער אויסגעפונען, אַז די פראַזן זיינען גלאַט פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן היינט ניט קיין ווערט. כאָטש דער געזעץ איז גע־קומען שפּעט, אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד עקזיסטירט אַזאַ געזעץ שוין פון לאַנגע יאָרן, איז ער אָבער געקומען אין צייט, ווען מען האָט אים זייער נויטיק באַדאַרפט.

דער „נייער דיל" האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, האָט פאָרטגעזעצט זיין אַרבעט צו רעפאָרמירן דעם קאַפּיטאַליזם. אין 1938 איז אָנגענומען געוואָרן דער מינימום לוין און מאַקסימום שעה געזעץ, וואָס האָט באַשטימט פאַר די אַרבעטער אַ מינימום לוין וואָס איז היינט אַ דאָלאַר אַ שעה און אַ מאַקסי־מום צייט פון 8 שעה אַ טאָג און 5 טעג אַ וואָך.

די נייע געזעצן האָבן ניט נאָר רעפאָרמירט דעם קאַפּיטאַליזם און פאַרבעסערט דעם אַרבעטערס לאַגע, זיי האָבן אַוועקגעשטעלט דעם עקזיס־טירנדיקן סיסטעם אויף אַ פעסטערן באָדן; זיי האָבן געשאַפן אַ לאַגע, אַז אויב אַ קריזיס וועט קומען וועט ער ניט זיין אַזוי פאַטאַל, ווי ער איז געווען אין פריערדיקע צייטן. פריער, ווען עס איז געקומען אַ קריזיס וואָס האָט אַרויסגעוואָרפן אַ דריטל פון די אַרבעטער פון זייער אַרבעט — אויך אין אַ קריזיס זיינען ניט אַלע אַרבעטער אָן אַרבעט, אויב אַ דריטל אַר־בעט נישט איז עס אַ שווערער קריזיס — דער דריטל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פאַרזיכערונג האָט געוואָלט אַרבעטן פאַר יעדן פּרייז; דאָס האָט געפירט דערצו, אַז דער פּרייז פון די אַרבעטער וואָס האָבן יאָ געאַר־בעט איז אַראָפּגעזונקען צו אַ מינימום. דאָס האָט פאַרערגערט דעם קריזיס ווייל דער קויף־קראַפט, אַפילו פון די וואָס האָבן געאַרבעט, איז אויך

געוואָרן פאַרקלענערט. אַזוי האָט דאָס ראָד זיך געקייקלט באַרג־אַראָפּ און האָט געקאָנט פירן צו די ערגסטע רעזולטאַטן. אויך קאַפּיטאַליסטן פאַרלירן אין אַ קריזיס און זייערע כוחות ווערן שטאַרק אָפּגעשוואַכט. דער קריזיס איז דער שטאַרקסטער אויפרייס־שטאָף ביי די סאָציאַליסטן אין די הענט. דער נייער דיל האָט פון דעם אויפרייס־שטאָף אַרויסגעריסן דעם דינאַמישן כוח. מיט דעם וואָס דער אַרבעטסלאָזער האָט אַרבעטסלאָזע־פאַר־זיכערונג האָט ער צייט צו וואַרטן און מוז ניט לויפן אַרבעטן פאַר יעדן פּרייז. די צוויי דריטל, וואָס אַרבעטן אַפילו אין אַ קריזיס, מוזן ניט אַרבעטן פאַר וויניקער און זייער קויף־קראַפט ווערט ניט געמינערט; דער קריזיס קאָן דערפאַר ניט גיין באַרג־אַראָפּ און קאָן ניט ווערן פאַטאַל. דער נייער דיל האָט פאַרזיכערונגען אַפילו פאַר אַ קריזיס וואָס האַלט אָן אַ לענגערע צייט.

איך וויל אויסרעכענען בלויז אַ פּאָר פון די געזעצן וואָס זיינען אָנ־גענומען געוואָרן אונטער רוזוועלטן, וואָס האָבן אינגאַנצן געענדערט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. זיי זיינען: דער וואַגנער־אַקט, וואָס האָט געגעבן גרויסע מעגלעכקייטן די יוניאָנס זיך אויסצושפּרייטן און אַנטוויקלען; סאָציאַלע און אַרבעטסלאָזע פאַרזיכערונג וואָס גיט היינט אָן אַרבעטסלאָזן ביז זעקס־און־דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך און איינעם נאָך 65 יאָר — ביז הונדערט און אַכט דאָלאַר אַ חודש עלטער־פאַרזיכערונג; דער לוין און שעה געזעץ, וואָס דערלויבט נישט צו צאָלן אַן אַרבעטער וויניקער ווי אַ דאָלאַר אַ שעה און אַרבעטן דאַרף ער ניט מער ווי אַכט שעה אַ טאָג און פינף טעג אַ וואָך; דער אייגנטום שטייער אַקט וואָס לייגט אַרויף גאַר אַ גרויסן שטייער אויף די מענטשן וואָס פאַרדינען אַ סך כדי ניט צו דערלויבן צופיל אייגנטום און עקאָנאָמישע מאַכט אין איינצלנע הענט. די אַלגעמיינע גרויסע שטייערן און דער ירושה־שטייער דערלאָזן ניט דער איבערפליסי־קער קאַפּיטאַל זאָל אין אַ געפערלעכער מאָס אַריין אין איינצלנע הענט, וואָס קאָן שטערן דעם ווייטערדיקן אינדוסטריעלן גאַנג.

דער וואָס דענקט נאָך היינט אין אַמעריקע וועגן קאַפּיטאַליזם ווי ער האָט געדענקט איידער די געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן, ניט צו באַ־נוצן קיין שאַרפע ווערטער, וואָלט איך געזאָגט, ער איז אַ צוריקגעשטאַנענער מענטש; ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ צייטווייליקן פּלאָנטער פון וואַנען ער קאָן ניט אַרויס. עס מאַכט ניט קיין אונטערשייד וואָס דער מענטש איז, אַ סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט, אַ פאַשיסט, אַ טראָצקיסט צי אַ בעלזער חסיד — איז ער אַלץ געבליבן ערגעץ שטעקן ווי אַן איינגעפרוי־רענער.

רוזוועלטיזם האָט דעם קאַפּיטאַליזם וואָס איז געוואָרן עלטער און

פאַרלוירן אַ סך פון זיינע כוחות צוריק אַרויפגעפירט אויף דעם דינאַמישן וועג, ער זאָל ווייטער קאָנען גיין באַרג־אַרויף. רוזוועלטיזם איז אַ קאַפּיטאַ־ליזם וואָס קאָן געבן דעם אַרבעטער זיין ווערט לויט זיינע פעאיקייטן און אַ פאַרזיכערונג, אַז דער אַרבעטער מוז קריגן זיין טייל, אַפילו ווען ער ווערט אומפעאיק אָדער זיינע פעאיקייטן ווערן ניט באַנוצט.

דער אַרבעטער פאַרלאַנגט ניט מער!

וואָל סטריט

.1

עס איז געווען נאָך אַ ווינקל וואָס האָט געקאָנט ברענגען שאָדן, וואו עס איז געווען נויטיק צו מאַכן אַן אָפּעראַציע. דאָס ווינקל איז „וואָל סטריט".

„אַלע צרות נעמען זיך פון וואָל־סטריט": וואָל־סטריט ברענגט אָרעמ־קייט, וואָל־סטריט ברענגט קריזיסן, וואָל־סטריט ברענגט מלחמות, וואָל־סטריט ברענגט פאַשיזם, וואָל־סטריט איז עפּעס אַן אויסטערלישער טייוול־שער כוח, וואָס האָט איין אויפגאַבע: ברענגען אומגליק אויף דער וועלט. ווען מען אומברענגען וואָל־סטריט, וועט די וועלט ווערן געראַטעוועט; וועט מען ניט אומברענגען וואָל־סטריט וועט וואָל־סטריט אומברענגען די וועלט. אומגעפער אַזוי גייען די רייד ניט נאָר פון קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן נאָר פון אַ סך ראַדיקאַל־געשטימטע מענטשן.

וואָס איז דער טייוולשער כוח וואָס שטעקט אין וואָל־סטריט? עס איז דער כוח פון געלט. דאָס איז אַ כוח וואָס קאָן רואינירן און אומברענגען די וועלט. אַזוי איז עס אַנגענומען צייט דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט זיך אָנגעהויבן איינבירגערן אין דער וועלט און נאָך פריער.

ווי אַלץ וואָס סאָציאַליסטן זאָגן, אַזוי איז אין דעם אויך דאָ אַ היבש ביסל פאַנטאַזיע און איבערטרייבונג.

וואָס איז וואָל־סטריט אין דער אמתן?

מיט דעם נאָמען וואָל־סטריט מיינט מען ניט בלויז דעם באַגרענעצטן טייל פון באַנקען, וואָס זיינען אין וואָל־סטריט, אַ גאַס אין ניו־יאָרק; מיט וואָל־סטריט מיינט מען די פינאַנציעלע וועלט אין אַמעריקע; מיט אירע באַנקען און אַגענטורן, מיט אירע אַגענטן, מיט דעם האַנדל מיט שערס און באָנדס, מיט טראָסטס און מאָנאָפּאָלס. וואָס מיר רופן וואָל־סטריט רופט מען אין אייראָפּע די בערזע.

וואָל־סטריט איז אַ מאָדערנע אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען און איז אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן פאַרנעם צוזאַמען מיט דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון אונזער מאָדערנער צייט. די טאַטעס פון וואָל־סטריט זיינען געווען די אַמאָליקע פּראָצענטניקעס און מעקלער, וואָס

שײַלאָק איז געװען אײנער פון זײ. פּראָצענטניקעס האָבן אַלע מאָל געהאַט אַ שלעכטן נאָמען. פּראָצענט איז געװען פאַרבאָטן צו נעמען סײ בײַ ײדן, סײ בײַ גױים. נאָר ײדן האָבן זיך געמאַכט אַ היתר. בײַ גױים האָט מען געמעגט נעמען פּראָצענט. האָבן ײדן גענומען פּראָצענט און רײַך געװאָרן. אין יאָר 1561 האָט אײנער אַ טאָמאַס געשריבן אין אַ בוך װעגן איטאַליע: „די װענעציאַנער האָבן אַ גרױסן געװינס, װאָס זײ קאָנען באָרגן געלט בײַ ײדן. אין יעדער שטאָט האָבן ײדן לײַ־געשעפטן און זײ באָרגן געלט אויף פּראָצענט. זײ נעמען 15 פּראָצענט פון 100. אָפט װערן די משכנות פאַרפאַלן און ײדן װערן רײַך דורך דעם, אױסערגעװײנטלעך רײַך". פאַר טאָמאַסן איז געװען װיכטיק, װאָס די איטאַליענער האָבן בײַ װעמען צו באָרגן געלט.

פון דעם אַמאָליקן פּראָצענטניק און מעקלער ביז הײַנטיקער װאָל־סטריט איז אַ װײַטער מהלך; אָבער סײ די פונקציעס, סײ די שנאה איז פון פּראָצענטניק אַריבער צו װאָל־סטריט. װאָל־סטריט האָט אָנגעהױבן שפּילן אַ ראָלע און װערן אַ װיכטיקע מאַכט אין דער װעלט, װען דער קאַפּיטאַליזם איז שױן געװען אַנטװיקלט און די אינדוסטריעס האָבן אָנ־געהױבן װאַקסן מיט אַ טעמפּאָ, װאָס איז געװען איבער די כוחות פון די קאַפּיטאַליסטן. דער רײַכער, דערגעלט־מענטש, דער קאַפּיטאַליסט איז גע־בליבן אונטערשטעליק. ער האָט ניט געקאָנט נאָכקומען דעם שנעלן טעמפּאָ פון דער אינדוסטריעלער אַנטװיקלונג. עס איז אַרױפגעקומען אױף דער אַרענע דער גרױסער אונטערנעמער, דער מענטש מיט פעאיקײטן, אַמביציע, פאַנטאַזיע און אומבאַגרענעצטן אונטערנעמונגס גײַסט. די שטערונג איז געװען געלט. ער האָט באַדאַרפט אַ סך געלט, מער װיפיל ער האָט געהאַט און מער װיפיל ער האָט געקאָנט קריגן געבאָרגט; דעמאָלט איז אױפגע־קומען װאָל־סטריט, די בערזע אידעע. די אידעע איז געװען אַ װאונדערלע־כע, װאָס האָט געעפנט די מעגלעכקײט פאַר דער װעלט צו אומבאַגרענעצ־טער אינדוסטריעלער אַנטװיקלונג און צו אומבאַגרענעצטער רײַכקײט. מען דאַרף ניט האָבן צופיל געלט און מען דאַרף ניט באָרגן קײן געלט. מענטשן װעלן געבן אַ סך געלט, אָבער מען װעט זײ דאַרפן געבן אַ טײל פון די פּראָפיטן; פון אַ סך מענטשן קאָן מען צוזאַמענעמען גאָר אַ סך געלט און מען קאָן אױפטאָן גאָר אַ סך.

פריער, פאַר װאָל־סטריט, איז דער עקאָנאָמישער כוח, די מעגלעכ־קײט צו אַנטװיקלען די אינדוסטריעס פון אַ לאַנד געלעגן אױסשליסלעך אין די הענט פון די רײַכע; אױב דער רײַכער איז געװען אַמביציעז, ענער־גיש, מיט אַ סך אונטערנעמונגס־גײַסט האָט ער גיכער און בעסער געקאָנט אַנטװיקלען דאָס לאַנד; אױב ער איז געװען אַ מענטש אָן ענערגיע אָן

אַמביציעס האָט ער פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון לאַנד. אַז אַ רייכער טאַטע האָט איבערגעלאָזט אַ זון אַ שלימזל, האָט דער זון אַ תל געמאַכט פון טאַטנס פאַרמעגן. אַ מענטש אָן געלט האָט מיט די בעסטע פעאיקייטן גאָרניט געקאָנט אויפטאָן. אויך דער קאַפּיטאַליסט איז געווען באַגרענעצט. ער האָט נאָר געקאָנט אַזוי פיל אויפטאָן, ווי רייך ער איז געווען; אויב ער איז געווען מער רייך האָט ער געקאָנט מער אויפטאָן, אויב ער איז געווען ווייניקער רייך האָט ער געקאָנט ווייניקער אויפטאָן. מיט דעם אויפקום פון דער פינאַנץ־וועלט וואָס וואָל־סטריט שטעלט מיט זיך פאָר, איז אַ רעוואָלוציע געמאַכט געוואָרן אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער וועלט. וואָל־סטריט האָט אַריינגעגעבן כוח אין די הענט פון שע־פערישן מענטש, אין די הענט פון אויפטוערס און אונטערנעמער, און ממילא פאַרלייכטערט דעם שאָדן פון די רייכע שלימזלניקעס, וואָס האָבן גאָרניט געקאָנט אויפטאָן דורך זייער פוילקייט און פּאַסיוויטעט און זייער געלט איז געלעגן פאַרגליווערט אין די אייזערנע קאַסעס. וואָל־סטריט האָט, ווי געזאָגט צום פעאיקן מענטש: דאַרפסט ניט זיין רייך, מוזט ניט האָבן אַ סך געלט, באַוויז אונז נאָר, אַז דו קאָנסט עפּעס אויפטאָן וועלן מיר דיר געבן געלט. וואָל־סטריט האָט ווי אָפּגעשאָפט די אייזערנע קאַסעס, וואו דער רייכער האָט באַהאַלטן זיין געלט, וואָס דאָס האָט צוריקגעהאַלטן די אַנט־וויקלונג פון לאַנד. וואָל־סטריט האָט באַשאַפן די באַנק און דעם אויסטויש פון געלט און פּאַפּירן; דאָס געלט האָט באַלד געברענגט נוצן, די פּאַפּירן האָבן געברענגט ריווח שפּעטער. אויפטאָן, דערפאַלג מיינט ביי וואָל־סטריט — פּראָפיט; אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט עס אויך געמיינט, טאָן עטוואָס וואָס ברענגט נוצן, שאַפן דאָס וואָס מענטשן דאַרפן און פאַרלאַנגען, ווייל נאָר אַזוי אַרום קאָן זיין פּראָפיט. עס זיינען געווען אַזעלכע גרויסע אונטערנעמונגען, ווי צום ביישפּיל דאָס בילדן פון באַנען, וואָס וואָלטן ניט געקאָנט צושטאַנד קומען ווען ניט וואָל־סטריט, די בערזע; עס זיינען ניט געווען אַזעלכע רייכע מענטשן וואָס זאָלן מיט זייער אייגן געלט קאָנען בויען אַזאַ גרויסע אונטערנעמונג. דער פאַקט איז, אַז אין אַזאַ לאַנד ווי רוסלאַנד, וואו די בערזע האָט ניט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע האָט די צאַרישע רעגירונג אַליין געמוזט בויען די באַנען, פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן אין רוסלאַנד זיינען עס ניט געווען אימשטאַנד צו טאָן.

2.

פון דעמאָלט אָן, צייט וואָל־סטריט איז געוואָרן אַן אָנפירנדיקער כוח זיינען אַנטשטאַנען דריי קלאַסן אין אונזער אינדוסטריעל־עקאָנאָמישן לעבן. דער קלאַס פון אַרבעטער וואָס האָבן ניט קיין געלט און טאָן די

פיזישע אַרבעט; דער קלאַס פון רייכע, וואָס האָבן געלט און טאָן ניט קיין שום אַרבעט; און אַ קלאַס פון אונטערנעמער, די וואָס אָרגאַניזירן, בויען און פירן אָן מיט דער אַרבעט. וואָל־סטריט איז דער אומשולדיקער מעקלער, וואָס שאַפט די פאַרבינדונגען צווישן דעם פּאַסיוון געלט־מענטש און דעם אַגרעסיוון אויפטוער. פאַרשטייט זיך, אַז זייער אָפט איז דער רייכער, דער געלט־מענטש, אַליין אויך דער אונטערנעמער און אויפטוער. דאַן דאַרף ער ניט אָנקומען צו וואָל־סטריט סיידן ער וויל זיך פאַרנעמען גאָר גרויס, איבער זיינע כוחות. וואָל־סטריט איז פאַר די וואָס דאַרפן געלט אָדער פאַר די וואָס דאַרפן מער געלט ווי זיי פאַרמאָגן.

יעדער קלאַס פאַר זיך דענקט, ער איז דער וויכטיקסטער טייל פון דער אונטערנעמונג. דער אַרבעטער מיינט, ער איז דער וויכטיקסטער טייל, ווייל אָן אים קאָן גאָרניט געטאָן ווערן, אָן אים בלייבן אַלע רעדער שטיל. דער רייכער דער פינאַנסיסט זאָגט: ער איז וויכטיקער, אָן אים קאָן מען גאָרנישט אויפטאָן, ווייל אָן געלט קאָן מען ניט קויפן קיין מאַשינען, מען קאָן ניט בויען קיין פאַבריקן און מען קאָן ניט באַצאָלן דעם אַרבעטער. דער אונטערנעמער וואָס אָרגאַניזירט די גאַנצע אונטערנעמונג האַלט, אַז ער איז וויכטיקער פון אַלע, ווייל אָן אַרבעטער קאָן נאָר האָבן אַרבעט, ווען עס איז דאָ אַ פאַבריק מיט מאַשינען, אַ פינאַנסיסט־קאַפּיטאַליסט קאָן נאָר האָבן „דיווידענדן”, איינקום פאַר זיין געלט, ווען עס איז דאָ אַ פאַבריק מיט מאַשינען, עס איז דאָ אַרבעט און דאָס אויסגעאַרבעטע ווערט פאַרקויפט. אָרגאַניזירן די אַלע זאַכן, צוזאַמענשטעלן אַ פאַבריק מיט מאַשינען וואָס זאָל קאָנען פונקציאָנירן, זאָל האָבן אַרבעט און זיין דערפאָלג־רייך איז ניט אַזאַ לייכטע זאַך. אַ סך פעאיקייטן, ענערגיע און וויזיע איז נויטיק. ניט דער אַרבעטער און ניט דער רייכער פּוילענצער, צי די רייכע אַלמנה, וואָס דער מאַן האָט איבערגעלאָזט אַ סך געלט, האָבן די אַלע מעלות; דערפאַר האַלט ער אַז ער איז דער וויכטיקסטער טייל. וואָל־סטריט, וואָס שטייט אין אַ זייט, האַלט ניט פון כבוד, בלויז פון טרוקענע ציפערן, פון פּראָפיט — וויפיל וועט עס אַריינברענגען, לאַכט זיך אויס פון אַלע און דענקט, אַז וויכטיקער פון אַלע איז זי, ווייל זי איז די רייף, וואָס האַלט אַלעס צוזאַמען; נעמט מען אַוועק די רייף, צעפאַלט אַלעס ווי אַ קאָרטן־שטיבל. וואָל־סטריט, וואָס איז שטאַרק אויסגעוואַקסן פילט איר כוח; דער כוח איז גאָר אַ גרויסער.

דער אמת איז, אַז יעדער איז גערעכט. יעדער אָנטיילנעמער איז וויכטיק, אָן אים וואָלט גאָרניט געקאָנט ווערן אויפגעטאָן. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז אַרבעטער זיינען דאָ אַ סך און עס איז זיי לייכט צו קריגן; רייכע, מענטשן מיט געלט זיינען אין אַמעריקע אויך דאָ אַ סך; אין דעם

קלאַס רייכע רעכן איך אַריין, אַלע וואָס האָבן געלט אין די באַנקן אָדער אינוועסטירט געלט אין אינדוסטריעס — פינאַנסיסטן, רייכע אלמנות, יורשים און אַרבעטער וואָס האָבן געלט אין באַנק. דער אַרבעטער איז טאַקע ניט רייך — כאָטש אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אויך דאָ רייכע אַרבעטער — אָבער דאָס איבעריקע געלט, וואָס דער אַרבעטער לייגט אַוועק אין באַנק, אָדער ער אינוועסטירט, איז „רייך געלט", דאָס איז אַ סאָרט מער־ווערט, מער געלט וויפיל ער קאָן אָדער וויל באַנוצן פאַר זיין גע־ברויך; גאָר אַ סך מיליאָנען דאָלאַרן ליגן אין באַנק וואָס געהערן צו אַרבעטער; אַ רייכער האָט אַ סך געלט פון דעם סאָרט, אַן אַרבעטער האָט ווייניק געלט פון דעם סאָרט, עס דינט אָבער דעם זעלבן צוועק — צו פינאַנסירן די אינדוסטריעס. פעאיקע אונטערנעמער זיינען אָבער ניט דאָ צופיל.

וואָל־סטריט האָט געגעבן כוחות צו די פעאיקע אונטערנעמער, וואָס קאָנען אויפטאָן אין דער אינדוסטריעלער און עקאָנאָמישער וועלט. דער סוף איז, דער גאַנצער קאָנטראָל פון די גרויסע אינדוסטריעס איז אַריבער אין די הענט פון די אונטערנעמער און אין די הענט פון וואָל־סטריט.

דער אַרבעטער, וואָס האָט ניט קיין אַנדערע פעאיקייט ווי אַרבעטן פיזיש, האָט ניט און קאָן ניט האָבן קיין קאָנטראָל איבער די אינדוסטריעס. ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווען ער האָט דעם קאָנטראָל, עס איז ניט זיין געביט. די קאַפּיטאַליסטן, די „סטאָקהאָלדערס" וואָס האָבן אַריינ־געלייגט זייער געלט אין די אינדוסטריעס, וואָס זיינען געזעצלעך די אייגנ־טימער און האָבן דעם געזעצלעכן קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע, ווייסן פּשוט ניט וואָס צו טאָן מיט זייער קאָנטראָל. זיי האָבן ניט קיין שום אַנונג אין דער אינדוסטריע, וואָס ווערט געבויט מיט זייער געלט. די אַלע פינאַנסיסטן, רייכע אלמנות און יורשים ווילן ניט קיין קאָנטראָל; זיי ווילן פּראָפיט, „דיווידענדן". דאָס זעלביקע איז מיט די אַרבעטער, וואָס אינוועסטירן זייער געלט, דירעקט אין אַן אונטערנעמונג, אָדער זייער געלט ווערט אינוועסטירט דורך דער באַנק, וואו זיי האָבן זייער אָפּגעשפּאָרט געלט. זיי, די אַרבעטער, ווייסן ניט וואָס עס ווערט געטאָן מיט זייער געלט. דער אַרבעטער וואָס האָט געלט אין באַנק אָדער אינוועסטירט זיין געלט אין אינדוסטריעס איז אַן אַרבעטער און אַ קאַפּיטאַליסט; זיין אינוועס־טירט געלט איז קאַפּיטאַליסטיש געלט, עס האָט דעם צוועק צו ברענגען פּראָפיט אָן אַרבעט.

די וואָס קאָנטראָלירן פאַקטיש די אינדוסטריעס זיינען די אונטערנע־מער, וואָס אָרגאַניזירן די אינדוסטריעס. זיי זיינען די ספּעציאַליסטן וואָס ווייסן ווי אַזוי אָנצוגיין און אָנצופירן מיט דער גאַנצער קאָמפּליצירטער און

שווערער אַרבעט, וואָס עס פאָדערט זיך ביי אַ היינטיקער מאָדערנער אינדוסטריעלער אונטערנעמונג. זיי זיינען די באַאַמטע, די אָנפירער פון דער אינדוסטריע. אויב די אינדוסטריע איז אַן איינגעפונדעוועטע, די ביז־נעס גייט גוט, עס ברענגט אַריין פראָפיט, איז ניטאָ קיין גרונט צו טוישן די באַאַמטע, אַן ענדערונג אין סטעף קאָן ברענגען שאָדן. די באַאַמטע קאָנען זיין אין זייערע עמטער פאַר לאַנגע יאָרן און קיינעם וועט ניט אינטערעסירן זיי צו טוישן. די באַאַמטע האָבן אָפט אַליין אַ גרויסע צאָל שערס, אַזוי אַז זייער קאָנטראָל איז געזיכערט. די גרויסע צאָל „סטאָקהאָל־דערס" זיינען צעשפּרייט איבערן לאַנד און זיי געבן איבער זייער רעכט צו שטימען צו די באַאַמטע.

אויף וויפיל וואָל־סטריט העלפט אַרויס אַ שעפערישן מענטש, אַ מענטש מיט אונטערנעמונגס־גייסט צו קאָנען שאַפן איז וואָל־סטריט אַ שעפערישער כוח. אָן וואָל־סטריט וואָלט די עקאָנאָמיע פון לאַנד געווען אָפּהענגיק אין די רייכע, אין די געלט־מענטשן. אַזוי ווי ניט אַלע רייכע זיינען אַזעלכע גרויסע חכמים און אויפטוער, וואָלט דאָס לאַנד דערפון געליטן.

3.

וואָל־סטריט האָט דעמאָקראַטיזירט דעם קאַפּיטאַליזם. פריער, פאַר וואָל־סטריט, איידער עס זיינען אויפגעקומען די גרויסע קאָרפּאָראַציעס מיט אַקציעס, באַנקן און בערזעס איז דער קאַפּיטאַליזם געווען אויטאָקראַ־טיש. דער קאַפּיטאַליסט האָט אַריינגעלייגט זיין געלט אין דער פאַבריק און געקאָנט טאָן וואָס ער האָט געוואָלט; קיינער האָט אים ניט געקאָנט זאָגן קיין דעה. אין אַ מאָדערנער קאָרפּאָראַציע זיינען אָבער דאָ אַקציאָנערן און די אַקציאָנערן האָבן די דעה איבער דער פאַבריק לויט דער סומע געלט וואָס זיי אינוועסטירן. אין די מערסטע פאַלן, אויב די אונטערנעמונג איז אַ דערפאָלג מישן זיך ניט די אַקציאָנערן, זיי האָבן אָבער די געזעצלעכע רעכט צו זאָגן אַ דעה און קאָנען זיך מיט זייער רעכט באַנוצן. די בעלי־בתים פון אַ מאָדערנער אונטערנעמונג זיינען אַזוי לאַנג בעלי־בתים ווי לאַנג די אונטערנעמונג איז אַ דערפאָלג; אויב עס גייט שלעכט, קאָן מען זיי מאַכן פאַר אויס בעלי־בתים.

וואָל־סטריט האָט אויף אַזוי פיל דעמאָקראַטיזירט דעם קאַפּיטאַליזם, דאָס אין די פאַראייניקטע שטאַטן קאָן מען זען אַ היפּשע צאָל אַרבעטער וואָס, ווען זיי קויפן ציייטונגען איז דאָס ערשטע וואָס זיי זוכן, איז די פי־נאַנציעלע זייט — זיי ווילן אויסגעפונען צי זייערע אַקציעס האָבן זיך געהויבן.

אין די אַלטע צייטן האָבן מענטשן געהאַלטן זייער געלט אין די אייזערנע קאַסעס. זיכער איז מען מיט דעם געלט ניט געווען, דאָס לעבן איז אויך געווען איינגעשטעלט, מען האָט מורא געהאַט פאַר אַן איבערפאַל פון מערדער. אויב מען האָט געוואָלט דאָס געלט אַוועקגעבן עס אָפּצוהיטן האָט מען באַדאַרפט באַצאָלן און מען איז ניט געווען זיכער צי מען וועט עס צוריקקריגן. היינט ווערט דאָס געלט וואָס מען לייגט אַריין אין אַ באַנק גוט אָפּגעהיט און מען צאָלט נאָך צו, די באַנק צאָלט פּראָצענט דערפאַר. די באַנק צאָלט ניט אומזיסט, דאָס געלט וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין באַנק ווערט באַלד צוריק אַרויסגענומען פון אַנדערע וואָס מאַכן געשעפטן מיט דעם געלט. פון דעם וואָס אַנדערע צאָלן פאַר דעם געבאָרגטן געלט מאַכט די באַנק ריווח.

אַ סך גוט-באַצאָלטע אַרבעטער אינוועסטירן זייער געלט אין קאָרפּאָראַציעס וואָס ברענגט זיי אַריין אַ פיל גרעסערן פּראָצענט ווי די באַנק צאָלט. דער סאָרט אַרבעטער איז ניט קעגן וואָל-סטריט.

פאַר דעם מיטלקלאַס איז וואָל-סטריט ווי אַ דערלייזער, דאָס איז דער מיטלקלאַס וואָס מוז אָפט אָנקומען צו דער באַנק נאָך הלוואות. מיט דער הילף פון וואָל-סטריט ווערן די מענטשן פאַרבונדן מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם.

וואָל-סטריט האָט אויך אַריינגעברענגט דעמאָקראַטיע צווישן די אויבערשטע שיכטן, די אָנפירער פון דער אינדוסטריע. פריער איז דער אָנפירער פון דער אינדוסטריע געווען דער, וואָס האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט; היינט איז ער אַן אָנגעשטעלטער פון דער קאָרפּאָראַציע, וואָס קאָן פאַרביטן ווערן פאַר אַן אַנדערן. עס טרעפט אָפט דאָס אַ קליינער באַאַמטער קאָן דורך זיינע פעאיקייטן דערגרייכן צו אַ הויכן אַמט.

עס איז אַלענפאַלס זיכער, אַז די סאָציאַליסטן קאָנען אויף דעם גוט באַצאָלטן אַרבעטער און אויף דעם מיטלקלאַס ניט רעכענען. אויב אַזוי, קאָנען די סאָציאַליסטן קיינמאָל ניט דערוואַרטן איינצופירן סאָציאַליזם דורך דעמאָקראַטיע, ווייל זיי וועלן קיינמאָל ניט האָבן קיין מערהייט.

פאַרשטענדלעך, עס איז אויך דאָ אַ שאָטנדיקע זייט פון וואָל-סטריט, אַ פינצטערע זייט. די פינצטערע זייט איז מער דראַמאַטיש און לאָזט מער הערן פון זיך, די מערסטע מענטשן וויסן נאָר פון דער פינצטערער זייט. די פינצטערע זייט איז ספּעקולאַציע. אין דעם גייט אויך אַריין אָפּנאַרעריי און שווינדל. צענדליקע טויזנטער מענטשן האָבן פאַרלוירן זייער געלט אין וואָל-סטריט.

די צרה איז געווען וואָס וואָל-סטריט האָט געהאַט אַ פרייע האַנט, אַ צו-פרייע האַנט. וואָל-סטריט האָט געקאָנט מאַכן מענטשן רייך און אָרעם,

האָט געקאָנט ברענגען קריזיסן און אָנטאָן גרויס שאָדן, ניט נאָר אין לאַנד נאָר אויך אויף דער גאַנצער וועלט.

אמת, וואָל־סטריטס עובדה איז ניט צו מאַכן קריזיסן. זי איז בלויז אַ באַראָמעטער וואָס זאָגט אָן, אַז אַ קריזיס קומט אָן. אָבער אין דעם קריזיס פון 1929 איז וואָל־סטריט אַ סך שולדיק געווען.

.4

שוין אין 1927 האָבן זיך באַוויזן קריזיס־שוואַלבן אין אויסטראַליע און אין די האָלענדישע איסט־אינדיעס ; די פינאַנסן האָבן זיך אָנגעהויבן וואַקלען. אין 1928 האָבן זיך אויך אין דייטשלאַנד, פינלאַנד און אין בראַזיל באַוויזן קריזיס כמאַרעס, ווי פאַר אַ שטורעם. אין אַמעריקע האָט זיך דער פאַרמער אָנגעהויבן שטיקן מיט זיינע פאַרם־פּראָדוקטן, צוליב די אומזי־כערע געלט־וואַלוטעס אין אויסלאַנד. וואָל־סטריט האָט גוט דערפילט דעם שטאָך פון קריזיס, און אַ פאַלן אויף דעם סטאָק־מאַרק איז געווען אומ־פאַרמיידלעך. ווען וואָל־סטריט וואָלט אַליין ניט געשפּילט אַזאַ הפקרדיקע ראָלע אין אויפבלאָזן דעם פינאַנציעלן באַלון, וואָלט דער באַלון ניט גע־קראַכט מיט אַזאַ שטורעם, און דער קריזיס וואָלט ניט געווען אַזאַ פאַר־ניכטנדיקער.

וואָל־סטריט לעבט פון „טראַנזאַקציעס" פון דעם וואָס „שערס" ווערן געקויפט און פאַרקויפט. פאַר 1929 איז געווען „פּראָספּעריטי", האָבן זיך שערס געהויבן. עס איז נאַטירלעך, אויב ביזנעס איז גוט, די אינדוסטריעס אַנטוויקלען זיך און עס זיינען דאָ גוטע אויסזיכטן אויף שפּעטער, אַז שערס זאָלן זיך הייבן. עס איז אָבער געוואָרן אַ גרויסער בום, וואָס איז אינסינואירט געוואָרן פון וואָל־סטריט. שערס זיינען אומנאַטירלעך גע־וואַקסן. די פירמע, וועמענס שערס זיינען פאַרקויפט געוואָרן, איז ווייט ניט ווערט געווען אַזוי פיל, וויפיל די שערס האָבן באַטראָפן. דער מאַרזשין איז געווען גרויס, האָט מען געקאָנט קויפן אַ סך שערס מיט ווייניק געלט. אַזוי אַרום זיינען מענטשן רייך געוואָרן אויפן פּאַפּיר, פּאַפּירענע מיליאָנערן. אַז מען איז רייך, אָדער מען מיינט אַז מען איז רייך, לעבט מען רייך. דאָס האָט פאַרשטאַרקט די פּראָספּעריטי. ווען דער קריזיס איז אָנגעקומען האָבן די אַלע מענטשן אויסגעפונען, אַז זיי פאַרמאָגן גאָרניט, אויסער חובות. באַלד אין 1929 זיינען די שערס געפאַלן אויף 32 פּראָצענט. פון 1929 ביז 1931 זיינען די שערס געפאַלן אויף מער ווי די העלפט, אויף 60 פּראָצענט. אַזוי ווי די אייגנטימער פון די שערס האָבן געהאַט איינגעצאָלט אַ פּיל קלענערן פּראָצענט איז זייער געלט אָפּגעווישט געוואָרן און די שערס זיינען מער ניט געווען זייערע.

צענדליקער טויזנטער רייכע מענטשן האָבן פּלוצים אויסגעפּונען, אַז זיי זיינען אָרעם און מוזן לעבן אַן אָרעם לעבן. דער קויף־קראַפט האָט געגעבן אַ פאַל אַראָפּ. פאַבריקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַ גרויסע, שעדלעכע אַרבעטסלאָזיקייט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. צוליב אַמעריקע האָבן זיך אַלע אַנדערע לענדער אין דער וועלט נאָכגעשלעפּט און אַריינ־געפאַלן אין קריזיס. ווער פריער, ווער שפּעטער. אַזעלכע פינאַנציעל־גע־זונטע לענדער ווי שוועדן, דענמאַרק און נאָרוועגיען האָבן אויך ניט גע־קאָנט ביישטיין און זיינען אין 1930 מיטגעפאַלן מיט אַלע אַנדערע לענדער און אָנגעהויבן ליידן פון קריזיס.

די אויפגעבלאָזענע רייכקייט האָט געפּלאַצט. די וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן אויף דעם פינאַנציעלן אויבערפלאַך און נאָך ניט אַלץ פאַרלוירן האָבן מורא געהאַט פאַרן מאָרגן. דער מאָרגן האָט אויסגעקוקט זייער שוואַרץ. כאַאָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען זיך געפרייט. די שעה איז געקומען; דער קאַפּיטאַליזם ברעכט צוזאַמען, פּונקט ווי מאַרקס האָט פאָראויסגעזאָגט: „די אינערלעכע ווידערשפּרוכן אין קאַפּיטאַליזם וועלן אומברענגען דעם קאַפּיטאַליזם“.

***

אַן אַנדערע אידעע האָט אָנגעהויבן ווייזן גרויסע כוחות און זיך גענומען פאַרשפּרייטן — די אידעע פון פאַשיזם. פאַשיזם איז אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַלע אידעע וואָס האָט די אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן און פאַרגרעסערן די כוחות פון לאַנד, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש. נאַציאָנאַל, האָט פאַשיזם אַ נייגונג צו נאַציאָנאַל־שאָוויניזם; סאָציאַל, ווילן די פאַשיסטן, דער פּרי־וואַט־אייגנטום סיסטעם זאָל בלייבן ווי געווען, אָבער די רעגירונג זאָל האָבן דעם פולשטענדיקן קאָנטראָל איבער דער עקאָנאָמיע פון לאַנד. די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון לאַנד דאָמינירן די אינדוסטריעל־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג. אידעאיש איז פאַשיזם ניט אַזאַ געפערלעך שלעכטע אידעע; פאַר אַ פאָלק צו וועלן ווערן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש שטאַרק איז ניט קיין פאַרברעכן. די שלעכטקייט ליגט אין דעם, ווי אַזוי די פאַשיסטן ווילן דורכפירן זייער אידעע. אין לאַנד, וויל פאַשיזם דורכפירן זיין אידעע מיט געוואַלט, מיט אָפּשאַפן פרייהייט, אָפּשאַפן דעמאָקראַטיע. דאָס איז אַ צו טייערער פּרייז צו באַצאָלן. פרייהייט און דעמאָקראַטיע האָבן מער די ווערט פון אַ נאַציאָנאַלן שטאַט. די מיטלען צעשטערן די אידעע. פאַרוואָס קעמפן דען פעלקער פאַר אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן שטאַט, ווייל זיי ווילן זיך באַ־פרייען פון פרעמדער אונטערדריקונג. אייגענע אונטערדריקונג איז ניט

בעסער פון פרעמדער אונטערדריקונג. דערפאַר איז פאַשיזם אין איר טאָטאַליטאַרישקייט אין גרונט פאַלש. דער תוך פון פאַשיזם איז צו פאַר־בעסערן די לאַגע פון פאָלק, פאַקטיש פאַרערגערט ער די לאַגע. אויסערן לאַנד איז פאַשיזם פאַר מלחמות, פאַר באַזיגן און פאַרנעמען שוואַכערע לענדער. מלחמות זיינען צו ריזיקאַליש; די שוואַכערע פעלקער האָבן פאַרבינדונגען מיט די שטאַרקערע פעלקער, מען קאָן ווערן אַריינגעפלאָנ־טערט אין אַ מלחמה וואָס מען זאָל מער ניט קאָנען ארויס, ווי עס איז פאַק־טיש געווען מיט דייטשלאַנד, יאַפּאַן און איטאַליע.

פאַשיזם איז ניט אומעטום גלייך. דאָרט וואו ער איז מילדער, ווייני־קער אַגרעסיוו און ווייניקער טאָטאַליטאַריש קאָן ער עקזיסטירן אַ לענ־גערע צייט, ווי עס איז דער פאַל אין די סאַוט־אַמעריקאַנער לענדער. פאַשיזם קאָן אויך עקזיסטירן אין אייראָפּע אין אַ לאַנד וואָס קאָן שטיין אויף די אייגענע פיס ווי שפּאַניע; זי דאַרף ניט קיין מאַרקן, ווייל זי האָט ניט וואָס צו פאַרקויפן און דאַרף ניט אָנקומען צו אַנדערע לענדער פונוואַנען צו קריגן ברויט, ווייל זי האָט איר אייגן ברויט. דאָס אינדוסט־ריעלע דייטשלאַנד, וואָס מוז האָבן מאַרקן צו פאַרקויפן אירע פּראָדוקטן און מוז אויך האָבן לענדער פון וואַנען צו קריגן ברויט, האָט פאַרבונדן איר פאַשיזם מיט אויסשפּרייטונג און מלחמות און דורכדעם זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פונוואַנען זי האָט ניט געקאָנט אַרויס. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז געווען אַזוי עקסטרעם און האָט אַזוי אַריבערגעכאַפּט די מאָס אין זיין טאָטאַליטאַרישקייט, אַז ער האָט פאַרלוירן יעדע ראַציאָנאַלע פאַרבינדונג מיט דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דער געשיכטע. אין צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט האָט אַזאַ סיסטעם געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס אָנקומען פון אַ „הוראַגאַן" וואָס וויל חרוב מאַכן די וועלט.

די פאַשיסטישע לענדער האָבן זיך געוואָלט וואָס מער אויסשפּרייטן, פאַרנעמען מער לעבנס־רוים. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי זיינען באַרעכטיקט, ווייל זיי זיינען די געקריוודעטע, ווייל אַנדערע לענדער האָבן צופיל פאַר־כאַפּט; די רוסן האָבן אַ זעקסטל פון דער וועלט; די ענגלענדער האָבן אַ דריטל פון דער וועלט; און זיי, אַזעלכע גרויסע פעלקער ווי דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן, מוזן זיך שטיקן אין ענגשאַפט. צו דעם איז דאָ נאָר איין עצה, ווערן מיליטעריש שטאַרק, שטאַרקער פון אַנדערע און כאַפּן וואָס עס וועט זיך לאָזן. מוסאָליני איז באַפאַלן עטיאָפּיע, יאַפּאַן איז באַפאַלן כינע, דייטשלאַנד האָט זיך גענומען גרייטן צו אַ גרויסער מלחמה, וואָס זאָל ענדערן די מאַפּע פון דער וועלט.

עס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך קריטישע לאַגע. עס האָט אויס־געזען, אַז די וועלט זינקט אין אַ תהום און וועט מיטשלעפּן אַמעריקע.

רוזוועלט האָט געוואוסט, אַז וואָל־סטריט איז אַ קראַנקער פּונקט וואָס קאָן זיין אַנשטעקנדיק און מען דאַרף דעם קראַנקן פּונקט אויסהיילן. דער בייער דיל האָט גענומען מאַכן ענדערונגען אין וואָל־סטריט. נייע געזעצן זיינען געמאַכט געוואָרן, אַז דאָס זאָל מער ניט מעגלעך זיין, דאָס צוליב וואָל־סטריט ספּעקולאַציעס זאָל ווערן אַ קריזיס. און אַ קריזיס קאָן ברענגען צו פאַשיזם אָדער קאָמוניזם.

אין 1934 איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ קעגן „וואַשערייִ" — ווען וואָל־סטריט האָט געוואָלט אָנציען דעם עולם צו קויפן שערס, פלעגט מען אָפּמאַכן מיט צוויי „בראָוקערס", איינער זאָל כלומרשט פאַרקויפן שערס, דער צווייטער זאָל קויפן. אין דער ווירקלעכקייט האָט דער ניט געקויפט און דער צווייטער ניט פאַרקויפט, מען האָט עס בלויז געטאָן אָפּצונאַרן דעם אומשולדיקן קויפער, ער זאָל מיינען, אַז די שערס הייבן זיך, אַז מען כאַפּט זיי אויף דער בערזע — דאָס האָט מען גערופן „וואַשערייִ". דער סאָרט פירערכטס איז געוואָרן פאַרבאָטן. מען טאָר מער ניט אָפּנאַרן דעם עולם.

דער מאַרזשין איז געוואָרן פאַרקלענערט. פריער האָט מען געקאָנט קויפן שערס, איינצאָלנדיק אַ קליינעם פּראָצענט. דאָס האָט אויפגעבלאָזן די פינאַנסן, געמאַכט זיי אומנאַטירלעך גרויס — אָט די געשווילעכטס האָט דעם מינדעסטן שטילשטאַנד געקאָנט דערפירן צו אַ קריזיס. אַ געזעץ איז געמאַכט געוואָרן צו פאַרקלענערן דעם מאַרזשין, מען מוז איינצאָלן אויף די שערס דעם גרעסערן טייל פון זייער ווערט. לעצטנס איז דער מאַרזשין נאָך מער פאַרקלענערט געוואָרן; דאָס האָט איינגעהאַלטן די ספּעקולאַציע, מען האָט מורא געהאַט אַזוי פיל צו ריזיקירן. בערזעס אין פינף־און־צוואַנציק לענדער האָבן צוגעשטימט, אַז אומעטום זאָל אָנגעומען ווערן דער זעלביקער געזעץ וואָס אין אַמעריקע — צעשטערן ספּעקולאַציעס פון בערזע־אַגענטן, וואָס זייער צוועק איז אָפּצונאַרן דעם קויפער.

עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ קאָנטראָל אויף די שערס וואָס ווערן פאַרקויפט אויף דער בערזע: אַ פולער רעפּאָרט מוז אָנגעגעבן ווערן וועגן דעם פאַרמעגן און די פאַרדינסטן פון די אינדוסטריעס, וואָס פאַרקויפן זייערע שערס. עס זיינען נאָך אַ סך געזעצן אָנגענומען געוואָרן און ווערן אָנגענומען, איינצוצאַמען די צעשטערנדיקע כוחות פון וואָל־סטריט.

עס זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן געזעצן דאָס די באַנקן זאָלן ניט קאָנען צונעמען דעם פאָלקס אָנגעזאַמלט און אויסגעהאַרעוועט געלט. פריער זיינען די באַנקן געווען ווי אַלע אַנדערע ביזנעס אונטערנעמונגען, זיי האָבן זיך געקאָנט דערקלערן באַנקראָט און אויפהערן צאָלן די געלטער, וואָס מענטשן האָבן אַריינגעלייגט אין דער באַנק. זיי האָבן צוליב דעם גע־

קאָנט ריזיקירן און שפּעקולירן וויפיל זיי האָבן געוואָלט. דורך פאַרשיידענע מאַניפּולאַציעס האָבן די באַנקן געקאָנט באַשווינדלען די מענטשן.

דאָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. היינט זיינען אַלע געלטער וואָס ווערן אַריינגעלייגט אין באַנק פאַרזיכערט. די באַנק איז מער ניט דערלויבט צו ספּעקולירן מיט צווייפלהאַפטע, ריזיקאַלישע געשעפט־אונטערנעמונגען.

אַ גרויסע ענדערונג איז געמאַכט געוואָרן אין וואָל־סטריט. וואָל־סטריט איז ניט מער דאָס וואָס געווען.

דער „שטענדיקער ראַדיקאַל" שרייט נאָך אַלץ, אויף יעדע אומאָנגענעמע געשעעניש וואָס קומט פאָר, אַז וואָל־סטריט איז שולדיק. דאָס באַווייזט בלויז, אַז דער „שטענדיקער ראַדיקאַל" איז אַלט־מאָדיש, ווייסט ניט וואָס פאַראַ ענדערונגען עס זיינען געמאַכט געוואָרן די לעצטע צייט. היינט זיינען די הענט פון וואָל־סטריט קורצע און שוואַכע. וואָל־סטריט פירט ניט מער — זי ווערט געפירט. די לאַגע אין וואָל־סטריט איז אָפּהענגיק אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד.

וואָל־סטריט היינט איז פּשוט אַ רער דורך וועלכער עס גיסן זיך די פאַרשיידענע פינאַנציעלע „טראַנזאַקציעס" פון לאַנד. גייען די „טראַנזאַקציעס" נאָרמאַל, גיסן זיי זיך גלייך אַדורך דער רער; גייט עס ניט נאָרמאַל, פאַרהאַלטן זיי זיך אין דער רער. די רער קאָן פון זיך אַליין גאָרנישט פאַרהאַלטן; פאַרשיידענע געזעצן זיינען געמאַכט געוואָרן צו האַלטן די רער ריין.

רעפאָרמירן וואָל־סטריט איז געווען ווייניק, מען האָט באַדאַרפט טאָן מער ווי דאָס. מען האָט באַדאַרפט אויסגעפונען אַ מיטל וואָס זאָל העלפן אַ לאַנד, ווען דאָס לאַנד איז פאַרפלאָנטערט אין אַן עקאָנאָמישער צרה; וואָס מיינט, ניט דערלאָזן די וועלט זאָל ווערן אַריינגעשלעפּט אין אַ צרה.

דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך שאַפן דעם מאַרשאַל־פּלאַן.

מאַרשאַל־פּלאַן

די געמיינשאַפטלעכע פאַרזיכערונגס אַגענטור

די וועלט־געשיכטע גייט זיך איר וועג. וואָס זי מוז גיין. עס געשען זאַכן וואָס אין דער צייט ווען זיי געשען פאַרשטייט מען זיי ניט, מען הייבט זיי אָן פאַרשטיין ערשט אַ צייט שפּעטער. אָט איז דאָ אַ מאַרשאַל־פּלאַן, וואָס זייער ווייניק מענטשן פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם. אַן אַמעריקאַנער גענעראַל מיט דעם נאָמען מאַרשאַל, וואָס איז, אגב, געווען דער הויפּט־אָנפירער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אָנגענומען. אָבער דער אומשולדיקער פּלאַן האָט באַשאַפן דעם פּרינציפּ וואָס וועט אויסמיידן מלחמות.

די הויפּט־אורזאַך פאַר אַ מלחמה אין אונזער מאָדערנער צייט איז אַן עקאָנאָמישער. ניט אַמעריקע ניט ענגלאַנד און ניט פראַנקרייך האָבן געוואָלט די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות עס זיינען געווען די דייטשן וואָס דאַרפן לעבנס־רוים. די יאַפּאַנעזער, אַ גרויס פאָלק וואָס שטיקט זיך אויף אַ קליין, באַגרענעצט פּלאַץ און די איטאַליענער, וואָס האָבן אַמאָל באַ־הערשט אַ גרויסן טייל פון דער וועלט און היינט לעבן זיי אין גרויס אָרעמקייט, וואָס האָבן געוואָלט מלחמה. זיי האָבן געוואָלט מלחמה, ווייל זיי האָבן זיך אין דעם געניטיקט. זיי האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן לענדער, גע־וואָלט האָבן קאָלאָניעס. זיי האָבן זיך אָבער געכאַפּט צו שפּעט. די וועלט איז שוין געווען פאַרכאַפּט און עס איז ניט געווען וואָס צו פאַרכאַפּן, סיידן דורך אַ מלחמה מיט די פאַרכאַפּערס, דאָס מיינט אַ מלחמה מיט די גרויסע אימפּעריעס. צו דעם האָבן זיי זיך געגרייט. דער סוף איז פאַר זיי געווען אַ שלעכטער; זיי האָבן די מלחמות פאַרלוירן. די אורזאַך פאַר מלחמות איז אָבער דורך דעם ניט פאַרשווינדן. עס זיינען ווידער געבליבן די אָרעמע לענדער וואָס האָבן ווייניקער וויפיל זיי באַדאַרפן און די רייכע לענדער וואָס האָבן מער וויפיל זיי באַדאַרפן. די פאַראייניקטע שטאַטן דאַרף וואַרפן תבואה אין ים אַריין, אָדער זיי האַלטן אַזוי לאַנג ביז די תבואה ווערט פאַרפוילט און אין די אָרעמע לענדער איז ניטאָ גענוג תבואה פאַר דער באַפעלקערונג. על־פּי־יושר וואָלט מען באַדאַרפט די איבעריקע

שפּייז וואָס די רייכע לענדער האָבן, אַוועקגעבן צו די אָרעמע, וואָס האָבן ניט גענוג. די וועלט ווערט אָבער ניט געפירט מיט יושר. קיינער אין אַמע־ריקע וועט ניט וועלן אַרבעטן כדי דער איטאַליענער אָדער גריך זאָל האָבן גענוג צו עסן. איז געקומען דער מאַרשאַל־פּלאַן און געזאָגט: מיר דאַרפן יאָ אַרבעטן כדי די פעלקער, וואָס האָבן ניט, זאָלן האָבן גענוג צו עסן. און דאָס האָט ניט אַזוי פיל צו טאָן מיט יושר ווי מיט אַ געפאַר פאַר אונז, ווייל אויב מיר וועלן עס ניט טאָן, וועט ווידער קומען צו אַ מלחמה, וואָס וועט אונז קאָסטן אַ סך טייערער. דער פּרייז וואָס מיר באַצאָלן איז גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דער געפאַר, ווייל מיר האָבן דאָך אַזוי פיל. דער מאַרשאַל־פּלאַן האָט געשאַפן דעם פּרינציפּ, וואָס וועט אָפּשאַפן די הויפּט־אורזאַך פאַר מלחמה — די עקאָנאָמישע אורזאַך. דער מאַרשאַל־פּלאַן נעמט אָן, אַז די רייכע לענדער, די וואָס האָבן מער וויפיל זיי באַדאַרפן, זאָלן דאָס איבעריקע אַוועקגעבן צו די אָרעמע לענדער.

דער מאַרשאַל־פּלאַן איז ניט קיין צדקה, ניט קיין הילף אין אַ צייט פון אַ קאַטאַסטראָפע נאָר אַ פּרינציפּ, וואָס ווערט אָנגעווענדט ניט בלויז צו העלפן יענעם נאָר אויך זיך, אַליין אויסצומיידן אַ קאַטאַסטראָפע — אַ מלחמה, וואָס איז זיכער די גרעסטע קאַטאַסטראָפע. דער מאַרשאַל־פּלאַן איז אַן אָנהויב וואָס דאַרף זיך אַנטוויקלען אין אַ גראַנדיעזן איינשטעל, אַז די וועלט איז איין וועלט. און פּונקט ווי עס איז אַ פאַרברעכן, אַז אין איין לאַנד זאָל מען, אין איין טייל, וואַרפן תבואה אין ים אַריין און אין אַ צווייטן טייל זאָל מען הונגערן, איז עס אויך אַ פאַרברעכן דאָס אין איין לאַנד זאָל מען וואַרפן תבואה אין ים אַריין און אין אַ צווייטן לאַנד זאָל מען הונגערן. דער פּלאַן איז אַזוי ניי, אַזוי אויסערגעוויינטלעך און אַזוי ניט צוגעפּאַסט צו דעם איינפיר אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַז מיר באַנעמען ניט וואָס עס קומט פאָר.

דער באַגריף „איין וועלט", וואָס איז געזאָגט געוואָרן פון וואַנדל ווילקי, אַן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסט און פּאָליטישן, האָט דורך דעם מאַרשאַל־פּלאַן געקראָגן אַ רעאַלן ווערט. פּונקט ווי עס איז אומדענקבאַר, אַז אין איין פאַמיליע זאָל איין קינד עסן צו דער זעט און אַ צווייט קינד זאָל הונגערן, אַזוי איז אויך אוממעגלעך אַז אין איין וועלט זאָל איין פאָלק האָבן צופיל און אַן אַנדער פאָלק זאָל האָבן צו ווייניק. דייטשלאַנד, יאַפּאַן און איטאַליע דאַרפן זיך ניט שלאָגן צוליב דעם וואָס זיי האָבן ווייניק ברויט, זיי דאַרפן קריגן אַזוי פיל ברויט וויפיל זיי ווילן פון די לענדער וואָס האָבן צופיל. וואָלט די וועלט געווען אָפן פאַר עמיגראַציע, ווי אַמאָל — די פון קליינע און אָרעמע לענדער וואָלטן געקאָנט עמיגרירן און זיך באַזעצן אין די גרויסע און רייכע לענדער, וואָלט עס ניט באַדאַרפט קומען

צו אַזאַ איינוועלטיקער איינשטעל; ווען אָבער די טויערן פון די גרויסע און רייכע לענדער זיינען פאַרמאַכט האָט עס געמוזט פירן, אויב מען וויל אויסמיידן מלחמות, צו דעם מאַרשאַל־פּלאַן.

דאָס אַלץ איז נאָר אַן אָנהויב; מענטשן זיינען נאָך ניט דורכגע־נומען מיט דער אידעע פון דעם פּלאַן. מיט דער צייט וועט עס ווערן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אַזוי דאַרף זיין.

דער מאַרשאַל־פּלאַן וואָס העלפט אַנדערע לענדער זיך שטעלן אויף די פיס איז ניט קיין ציטווייליקע דערשיינונג, איז געקומען צו בלייבן. אויב מאָראַל מיינט עפּעס, אויב מאָראַל האָט אַ ממשותדיקע באַדייטונג, איז עס זיכער ניט מאָראַליש, אַז אין איין לאַנד זאָל מען הונגערן און אין אַ צווייט לאַנד זאָל מען וואַרפן תבואה אין ים אַריין. די וועלט ווערט טאָקע ניט געפירט על־פּי־יושר, אָבער אַ געפיל פון יושר עקזיסטירט. און דער מענטש ווערט גייסטיק באַרואיקט, ווען דער געפיל ווערט באַפרידיקט. ווען אפילו מען זאָל אָננעמען די מאַטעריאַליסטישע קאָנצעפּציע, אַז יושר, מאָראַל ווערט קאָנטראָלירט פון מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן, איז עס אין די אינטערעסן פון דער וועלט, אויב זי וויל ניט פאַרניכטעט ווערן אין מלחמות, צו האַנדלען יושרדיק און ניט לאָזן אַ טייל פעלקער הונגערן ווען אַנדערע האָבן צופיל.

מיט דער אינדוסטריעלער און טעכנישער אַנטוויקלונג וועט קומען דערצו, אַז אַ סך לענדער וועלן קאָנען פּראָדוצירן מער וויפיל זיי באַדאַרפן. דעם איבערפלוס פון פּראָדוקטן וועלן זיי ניט קאָנען פאַרקויפן אויף דעם געוויינטלעכן אויסטויש וועג, ווייל זיי וועלן זיך ניט נויטיקן אין דעם, וואָס די אַנדערע לענדער האָבן צו פאַרקויפן. אַ טייל פון די אָרעמע לענדער וועלן ניט האָבן וואָס צו געבן אין אויסטויש פון די פּראָדוקטן אין וועלכע זיי נויטיקן זיך. דאָס וועט פירן דערצו, אַז אַ סך פּראָדוקטן זאָלן ניט קאָנען פאַרקויפט ווערן נאָר מוזן אַוועקגעגעבן ווערן אָדער זיי פאַרניכטן.

דער מאַרשאַל־פּלאַן איז ניט אַ סאָציאַליסטישע אידעע. ער איז מער פון דעם. סאָציאַליזם האָט געמאַכט אַ גרענעץ, אַז נאָר די וואָס אַרבעטן האָבן אַ רעכט אויף די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן און די וואָס אַרבעטן ניט האָבן ניט קיין רעכט. דער מאַרשאַל־פּלאַן האָט אַוועקגענומען די גרענעץ. דער ווילן צו אַרבעט איז גענוג צו קריגן אַ טייל פון דעם וואָס ווערט פּראָ־דוצירט.

עס איז נאָך צו פרי צו באַנעמען אַ סך פון די ענדערונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער לעצטער צייט. ווען די צייט וועט קומען צו פאַרשטיין די אַלע ענדערונגען וועלן אַ סך מענטשן איינזען, אַז די אידעען מיט וועלכע זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן, געוואָרן מיט זיי איינגע־

לעבט זיינען אַלט און אָפּגעלעבט. סאָציאַליסטישע, מאַרקסיסטישע און קאָמוניסטישע אידעען זיינען פאַר דער היינטיקער דינאַמיש־אַטאָמישער עפּאָכע ווי גראָבן ערד מיט לאָפּעטעס, ווען עס זיינען דאָ הויב־מאַשינען.

ווי עס ווייזט אויס האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איינגעזען, די וויכ־טיקייט פון מאַרשאַל־פּלאַן, און זיי ווילן שאַפן אַן אייגענעם מאַרשאַל־פּלאַן. דאָס וואָס בולגאַנין און כרושטשעוו זיינען אין 1955 און 1956 אַרומגעפאָרן אין אַזיע און צוגעזאָגט צו העלפן די אַזיאַטישע לענדער, איז די איינזעע־ניש, ווי וויכטיק עס איז אַזאַ פּלאַן. די היסטאָרישע צעטיילונג אויף פעל־קער וואָס האָבן צופיל און פעלקער וואָס האָבן צו ווייניק און די געפאַר, אַז אַ מלחמה קאָן אויך חרוב מאַכן די לענדער וואָס וועלן געווינען די מלחמה פירט דערצו, אַז דורך אַ מאַרשאַל־פּלאַן אָדער ענלעכע פּלענער זאָל געשאַפן ווערן אַן עקאָנאָמישער עקוויליבריום וואָס וועט ראַטעווען די וועלט.

סאָציאַליזם קאָן פאַרגרעסערן עקספּלואַטאַציע

1.

סאָציאַליזם אָן גלייכהייט, אָן דעם, אַז אַן אַרבעטער זאָל קריגן לויט זיינע באַדערפעענישן, קאָן אַמאָל ניט פאַרקלענערן די עקספּלואַטאַציע, נאָר די פאַרגרעסערן.

סאָציאַליסטן זאָגן, אַז אַ גרויסע קאַפּיטאַליסטישע קאָרפּאָראַציע איז אין איר עצם אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע. ווען די זעלביקע קאָרפּאָראַציע זאָל איבערגיין צו אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט וואָלט זיך פאַקטיש גאָרניט געענדערט אַחוץ דער קאָנטראָל — עס איז אַפילו ניט נויטיק צו ענדערן דעם פּערסאָנאַל — דער קאָנטראָל וואָלט איבערגעגאַנגען צום שטאַט, צום פאָלק הייסט עס, און די וואָס פירן אָן מיט דער קאָרפּאָראַציע וואָלטן געוואָרן פאַרשטייער פון פאָלק.

דער אונטערשיד איז אָבער אַ גרויסער! אין אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם האָבן מיר דריי כוחות אין דער עקאָנאָמישער ווירטשאַפט: דער אַרבעטער, דער קאַפּיטאַליסט און די רעגירונג. דער אַרבעטער האָט זיינע אינטערעסן, וואָס גייען אָפט, ניט אַלעמאָל, קעגן די אינטערעסן פון דעם קאַפּיטאַליסט. דער קאַפּיטאַליסט האָט זיינע אינטערעסן, וואָס זיינען אָפט קעגנעריש צום אַרבעטער. די רעגירונג איז דער נייטראַלער צד, וואָס פאַרטרעט דאָס לאַנד; דאָס הייסט, די אינטערעסן פון ביידע פאַראינטערעסירטע צדדים, און אויך פון דער איבעריקער באַפעלקערונג, אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד איז די רעגירונג אַ פאָלקס־רעגירונג.

דער אַרבעטער איז שטענדיק דער זעלביקער; אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט זיינען זיינע כוחות, זיינע הענט צו אַרבעטן. וואָס פאַר אַ סיסטעם עס זאָל זיין, אַ קאַפּיטאַליסטישער אָדער אַ סאָציאַליסטישער, האָט דער אַרבעטער מער ניט וואָס צו געבן ווי זיינע הענט, זיינע פיזישע כוחות. אין אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם דאַרף דער קאַפּיטאַליסט צוגרייטן פאַר דעם אַרבעטער אַ פאַבריק מיט מאַשינען, דער אַרבעטער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן. דער קפּיטאַליסט דאַרף אויך זאָרגן דערפאַר, די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן זאָלן ווי גיכער צעטיילט און פאַר־

ברויכט ווערן. אין אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם וועט די רעגירונג דאַרפן טאָן דאָס זעלביקע, אַנגרייטן פאַר דעם אַרבעטער אַ פאַבריק מיט מאַשינען און זאָרגן דערפאַר די פּראָדוקטן זאָלן צעטיילט און פאַרברויכט ווערן.

דער קאַפּיטאַליסט איז ניט שטענדיק געווען אין דער זעלביקער פּאָזיציע. אַמאָל איז ער געווען דער רייכער, דער געלט-מענטש, דער פּעאיקער ספּעציאַליסט און דער אָרגאַניזאַטאָר, וואָס האָט מיט זיין געלט און מיט זיינע פעאיקייטן געבויט די אינדוסטריעס. דאָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אין פאָדערגרונט פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג און האָט אים געגעבן אַ פיל שטאַרקערע פּאָזיציע ווי דעם אַרבעטער. די אַרבעטער וואָס זיינען געווען אַ סך און ניט אָרגאַניזירט, זיינען געווען שוואַך און הילפלאָז קעגן קאַפּיטאַליסט. די רעגירונג איז ניט געווען נייטראַל; דער קאַפּיטאַליסט האָט געהאַט אַ סך מער פּאָליטישן איינפלוס. צוליב זיין גרויסער עקאָנאָמישער מאַכט, איז נאַטירלעך, דאָס די רעגירונג איז געווען מער גענויגט צו דער קאַפּיטאַליסטישער זייט. נאָכדעם ווען די פאַרמעגנס זיינען איבערגעגאַנגען בירושה און די יורשים זיינען ניט אַלעמאָל געווען פעאיקע אונטערנעמער, און ווען די אינדוסטריעס זיינען זיך אַזוי צעוואַקסן, דאָס דער קאַפּיטאַליסט-אונטערנעמער האָט ניט געקאָנט מיט זיין אייגן געלט נאָכקומען דעם געלט פאַרלאַנג פון די אינדוסטריעס, איז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס געוואָרן צעטיילט צווישן מענטשן ספּעציאַליסטן, פעאיקע, אַמביציעזע אונטערנעמער, און רייכע מענטשן מיט געלט, וואָס ווילן עס אינוועסטירן. דער אונטערנעמער איז ניט אַלעמאָל רייך, ער קאָן פירן אַ פאַבריק מיט געבאָרגטע געלט, אָבער ער איז דער פאַקטישער בעל-הבית, וואָס פירט אָן מיט דער אונטערנעמונג און זעט דערצו, ער זאָל באַקומען אַ גרויסן חלק פון די פּראָפיטן. דורך דעם וואָס דער קאַפּיטאַליסט אָפּערירט ניט מיט זיין אייגן געלט, ווערט ער מער ספּעקולאַנט און אַזאַרט-לוסטיק, וואָס שוואַכט אַביסל אָפּ זיין פּאָזיציע. מיט דער אויסשפּרייטונג פון דעמאָקראַטיע און די אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער שטייגט דער פּאָליטישער כוח פון די אַרבעטער. די רעגירונג, דער דריטער צד, האָט ממילא זיך אָנגעהויבן נייגן צו דער זייט פון די אַרבעטער און זיך געמוזט רעכנען מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער. געזעצן צו פאַרטיידיקן די אַרבעטער אינטערעסן זיינען געמאַכט געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער.

אין די צייטן פון קריזיס, ווען רוזוועלט איז געוואָרן פּרעזידענט, האָט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס געהאַט אַזוי פאַרפּלאָנטערט אין זיין אייגענער נעץ, דאָס ער האָט ניט געקאָנט אַליין אַרויסקריכן, געמוזט

אָנקומען צו דער רעגירונג. דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס איז געוואָרן אַזוי אָפּגעשוואַכט, דאָס די רעגירונג האָט זיך געגעבן אַ שטאַרקן נויג צו דער זייט פון די אַרבעטער. אין יענער צייט זיינען די יוניאָנס, מיט דער הילף פון דער רעגירונג, זיך שטאַרק צעוואַקסן, און אַ סך געזעצן לטובת די אַרבעטער זיינען געמאַכט געוואָרן.

אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג פאַרטרעט דאָס גאַנצע פאָלק און איז דער פאַרמיטלער צווישן די פאַרשידענע קעמפענדע צדדים.

2.

אַ סאָציאַליסטישער שטאַט מיינט פּאַקטיש, דאָס פון די דריי צדדים, דער אַרבעטער, דער קאַפּיטאַליסט און די רעגירונג, ווערן צוויי, דער אַרבעטער און די רעגירונג. דער קאַפּיטאַליסטישער צד ווערט ניט אינ־גאַנצן אָפּגעשאַפט, ער ווערט טראַנספּערירט, אַריינגעזאַפּט אין דער רעגי־רונג. אַ סאָציאַליסטישער שטאַט מוז אויך האָבן מענטשן וואָס זאָלן אָנפירן מיט די אינדוסטריעס. די מענטשן וואָס זיינען פריער געווען אַ קלאַס פאַר זיך ווערן רעגירונגס מענטשן. אין דער מאָדערנער אינדוסטריע דאַרף מען האָבן העכסט קוואַליפיצירטע ספּעציאַליסטן, וואָס דאַרפן שטו־דירן פיל יאָרן ביז זיי דערגרייכן די נויטיקע קוואַליטעט אָנצופירן איין אינדוסטריע; זיי געהערן ניט צום קלאַס פון געוויינלעכע אַרבעטער. אין אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם, וואו עס זיינען מער ניטאָ ווי צוויי כוחות, דער אַרבעטער און די רעגירונג, האָט דער אַרבעטער די זעלביקע אינ־טערעסן, וואָס ער האָט געהאַט פריער אין אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם: ער וויל מער געלט און וויניקער אַרבעטס־שעה׳ן; נאָר איצט איז די רעגי־רונג די איינציקע קערפּערשאַפט פון וועמען ער קאָן פאָדערן און וועלכע קאָן נאָכגעבן וואָס ער פאַרלאַנגט. די רעגירונג קאָן איצט ניט זיין ניי־טראַל ווי זי עס געווען פריער אין אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. זי איז דאָך איצט די קערפּערשאַפט צו וועלכן די אַרבעטער שטעלן פאָדער־רונגען. זי מוז נעמען אַ שטעלונג, אָדער זיין פאַר דעם מען זאָל נאָכגעבן די אַרבעטער וואָס זיי פאַרלאַנגען אָדער זיין קעגן דעם. דער אַרבעטער, ווען ער פאַרלאַנגט עפּעס האָט אין זינען זיינע אייגענע אינטערעסן; די רעגירונג מוז אָבער אין זינען האָבן די אינטערעסן פון לאַנד. דער אַר־בעטער קאָן אַמאָל פאַרלאַנגען אַזעלכעס, וואָס איז ניט לטובת דעם לאַנד און מען קאָן זיין פאַרלאַנג ניט נאָכגעבן. אויב די אַרבעטער ווען פאַר־לאַנגען מער געלט פאַר זייער אַרבעט, פאַר אַן אַרטיקל וואָס די באַפעל־קערונג איז ניט וויליק צו קויפן פאַר אַזאַ טייערן פּרייז, קאָן די רעגירונג זייער פאַרלאַנג ניט נאָכגעבן, סיידן זי זאָל צולייגן געלט. צולייגן געלט

אין אַזאַ פאַל מיינט, אַז אַנדערע אַרבעטער וועלן דאַרפן אַרבעטן אומזיסט צו דעקן דעם פאַרלוסט; דאָס קאָן אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג ניט טאָן. אַפעלירן צו די אַרבעטער און באַווייזן, אַז זייערע פאָדערונגען זיינען אומגערעכטע וואָלט מען נאָר געקאָנט, ווען עס וואָלט געווען אַ גלייכע צעטיילונג פון איינקונפט. ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אונטערשיד אין די פאַרדינסטן צווישן אַרבעטער און אַרבעטער, צווישן אַרבעטער און ספעציאַליסטן, וואָלטן די אַרבעטער איינגעזען, אַז זיי קאָנען ניט פאַר־לאַנגען מער, ווייל דער אַנדערער האָט אויך ניט מער. ווען אָבער עס איז יאָ דאָ אַן אונטערשיד צווישן די פאַרדינסטן פון אַ געוויינלעכן אַרבעטער און אַ ספעציאַליסט קאָן דער אַרבעטער טראַכטן יענער קריגט צופיל; דערפאַר האָט ער צו ווייניק. פונקט ווי די סאָציאַליסטן קאָנען ניט איינ־זען אַז דער אונטערנעמער לויט זיינע פעאיקייטן האָט די ווערט צו קריגן אַ גרעסערן איינקונפט פון איין אַרבעטער און זיי זאָגן, אַז דער סיסטעם טויג ניט, ווייל דער בעל־הבית האָט צופיל. לויט דער זעלביקער סאָציאַ־ליסטישער לאָגיק וועלן די אַרבעטער אין אַ סאָציאַליסטישן שטאַט ניט קאָנען איינזען, פאַרוואָס דער אָנפירער פון אַ פאַבריק, וואָס איז ניט קיין בעל־הבית — ווייל דער סאָציאַליסטישער שטאַט האָט אָפגעשאַפט בעלי־בתים — וואָס האָט ניט ליגן זיין געלט אין דער פאַבריק, זאָל פונדעסט־וועגן קריגן מיט אַזוי פיל מער, און לעבן אַזוי פיל בעסער, ווי דער אַרבעטער; אַז יענער איז אַזוי פיל פעאיקער וועט ער ניט וועלן צוגעבן, און דער אַרבעטער וועט וועלן, אויב ער וואָלט געקאָנט, קעמפן פאַר קריגן אַ גרעסערן טייל פאַר זיך. אָבער ער וועט ניט קאָנען קעמפען, ווייל ער וועט דאַרפן קעמפן קעגן אַ רעגירונג. אין דעם פאַל, ווען עס זיינען בלויז דאָ צוויי צדדים און עס איז ניטאָ קיין דריטער צד צו ווענדן צו אַפעלירן, קאָן דער קאַמף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רעוואָלט. אַמאָל, ווען די מילי־טערישע כוחות פון אַ רעגירונג איז באַשטאַנען פון איינפאַך געווער, האָט מען געקאָנט זיך אָנגרייטן מיט דעם זעלביקן סאָרט געווער, אויפשטעלן באַריקאַדן און רעוואָלטירן, ווי מען האָט עס אַזוי אָפט געטאָן, היינט איז אַזאַ זאַך אוממעגלעך.

די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט אַ פאָרגעפיל, וואָס עס וועט ווערן פון סאָציאַליזם. פרודאָן און באַקונין האָבן באַקעמפט מאַרקסן און געוואָרנט קעגן די נייע סאָציאַליסטישע הערשער, וואָס קאָנען זיין פונקט אַזוי שלעכט ווי די קאַפּיטאַליסטישע — אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זיי קאָנען זיין ערגער.

אמת, אַרבעטער זיינען אַ סך און ספעציאַליסטן ווייניק און מען קאָן פון די ספעציאַליסטן צונעמען די גרויסע געהאַלטן און עס אַוועקגעבן

צו די אַרבעטער; אַזוי וואָלט מען באַדאַרפט האַנדלען לויט דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט. אָבער דאַן וואָלט מען פאַרלוירן די ספּעציאַליסטן און געבליבן ביי די געוויינלעכע אַרבעטער, וואָס וואָלט געפירט, ביי דער היינטיקער קאָמפּליצירטער טעכנישער אַנטוויקלונג, צו אַ טעכנישער רואינע; פאָלגלעך, ליגט עס אין דער נאַטור פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַט — ווען עס עקזיסטירן ניט מער ווי צוויי צדדים, דער אַרבעטער און די רעגירונג — און דעם אַרבעטערס פאַרלאַנגען קאָנען נאָר נאָכגעגעבן ווערן פון דער רעגירונג, אַז די רעגירונג זאָל זיך קעגנשטעלן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, וואָס צעשטערן דעם עקאָנאָמישן עקוויליבריום און אויב נויטיק אָנווענדן מאַכט; ווייל דער אויפבוי פון לאַנד איז וויכטיקער ווי די צייטווייליקע באַדערפעניש פון וואָס פאַר אַ עס איז גרופּע, גרויס אָדער קליין. דעמאָקראַטיע קאָן אין אַזאַ פאַל זיין קעגן די אומצופרידענע אַרבעטער.

דעמאָקראַטיע קאָן נאָר ווירקן אין אַ סיסטעם וואו די רעגירונג קאָן זיין אַ נייטראַלער צד, ווי עס איז דער פאַל מיט אונדזער דעמאָקראַטיע, ווען די אינטערעסן און דער ווילן פון פאָלק ווערט צעטיילט צווישן אַרבעטער, קאַפּיטאַליסטן, קליין-בירגער, פּראָפעסיאָנאַלן און די רעגירונג. ווען די רעגירונג הערט אויף צו זיין אַ נייטראַלער צד און ווערט אַליין אַ פאַראינטערעסירטער צד, ווי זי מוז עס ווערן אין אַ סאָציאַליסטישן שטאַט, דאַן מוז דעמאָקראַטיע ליידן. עס מוז אַמאָל קומען אַ צייט, ווען דער ווילן פון פאָלק און די אינטערעסן פון פאָלק גייען זיך פאַנאַנדער. דער סאָציאַליסטישער שטאַט, וואָס וועט זיך באַטירלעך דאַרפן שטעלן אויף דער זייט פון די אינטערעסן פון פאָלק, וועט מוזן זינדיקן קעגן דעמאָקראַטיע און גיין קעגן ווילן פון די אַרבעטער.

ווי געזאָגט, דער טייל פון קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, וואָס אָרגאַניזירט און אַנטוויקלט די אינדוסטריעס, גייט ניט אונטער אין אַ סאָציאַליסטישן שטאַט, נאָר ווערט איינגעשלאָסן אין דער רעגירונג, ווערט אַ טייל פון דער רעגירונג. דער טייל וויל אָבער ניט זיינע כוחות פאַרשווענדן אומזיסט. ער וויל גוט באַצאָלט פאַר זיינע פעאיקייטן. די רעגירונג, וואָס מוז איינזען ווי נויטיק דער טייל איז פאַר די אינדוסטריעס, מוז אים גוט באַצאָלן. דערמיט וואָס דער טייל פון פעאיקע אונטערנעמער איז אין אַ סאָציאַליסטישן שטאַט איינגעשלאָסן אין דער רעגירונג, ווייל די רעגירונג ווערט דאָך אויך דער אונטערנעמער, ווערט עס ממילא לייכטער פאַר דעם טייל פון פעאיקע אונטערנעמער אַרויפצוציען זייער לעבענס-סטאַנדאַרט צו גאָר אַ הויכער שטופע; אומפאַרגלייכלעך העכער פון דעם געוויינלעכן

אַרבעטערס לעבנס־סטאַנדאַרט; ווי עס איז טאַקע אַזוי דער פאַל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וואָס ווערט דאָן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן אָפּגעשאַפט? עס קאָן ווערן, גלויבט עס אָדער ניט, אַ גרעסערע עקספּלואַטאַציע. די עקספּלואַטאַציע קאָן ווערן גרעסער, ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זי אָפּשטעלן. אין אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם זיינען דאָ יוניאָנס און די רעגירונג וואָס קאָנען אָפּשטעלן די עקספּלואַטאַציע. אין אַ סאָציאַליסטישן שטאַט, וואָס שאַפט אָפּ קלאַסן, זיינען דאָך ניט נויטיק יוניאָנס וואָס זאָלן פאַרטרעטן דעם אַרבעטער קלאַס. און אויב אַפילו עס זאָלן זיין פיקטיווע יוניאָנס ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען זיי רעגירונגס אינסטיטוציעס, וואָס דאַרפן העלפן דער רעגירונג; קומט ממילא אויס, אַז דער קלאַס קאַפּיטאַליסטן, וואָס ווערט אין אַ סאָציאַליסטישן שטאַט פאַרוואַנדלט אין באַאַמטע און אָנפירער פון אינדוסטריעס, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט, אַז זיי אַליין זאָלן קריגן גוט באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, זאָל ווערן זייער אַ מעכטיקער קלאַס. דער עלעמענט וואָס איז אַמביציעזער, פעאיקער און וויל לעבן בעסער, וואָס עקזיסטירט אויך אין אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם, וועט, מיט דער הילף פון דער רעגירונג, פון וועלכער ער איז אַן אַקטיווער טייל, קריכן וואָס מער באַרג אַרויף. אַזוי לאַנג ווי דער סלאָגאַן „יעדער אַרבעט לויט זיינע פעאיקייטן און קריגט לויט זיינע באַדערפענישן" ווערט ניט דורכגעפירט, ווערט דער צעטיילונגס־פונקט פון לעבנס־סטאַנדאַרט וואָס גרעסער. און וואָס מער איין טייל קריכט באַרג אַרויף מוז דער צווייטער טייל פאַלן באַרג אַראָפּ. עס איז דערפאַר מעגלעך, אַז דער אונטערשיד צווישן דעם „סטאַנדאַרט" פון לעבן פון אַ סאָציאַליסטישן הויכן באַאַמטן אָדער אָנפירער פון פּראָדוקציע און אַן איינפאַכן אַרבעטער זאָל זיין גרעסער ווי אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד און קאָן ווערן, פּראָפּאָרציאָנעל, נאָך גרעסער, ווען אַפילו דעם אַרבעטערס לאַגע זאָל זיך פאַרבעסערן.

די קאָמוניסטישע אָדער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט באַדאַרפט אין אַזאַ פאַל זיין דער כוח צו רעגולירן די עקאָנאָמיע אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער, ווערט, ניט ווילנדיק, צוליב די עקאָנאָמישע געזעצן וואָס אַרבעטן ניט לויט טעאָריעס, נאָר לויט די פאַקטן פון לעבן אַ רעגירונגס פּאַרטיי און קאָן ניט האַנדלען קעגן דער רעגירונג. אין אָנהויב האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זיך אַריינגעמישט, געמאַכט משפּטים, ניט געוואָלט דערלאָזן צו דער נייער קלאַסן צעטיילונג. די פּאַרטיי האָט געמוזט אויפגעבן איר קאַמף, זי האָט פּשוט איינגעזען, אויב מען וויל אויף אַן אמת אַנטוויקלען דאָס לאַנד, מוז מען די פעאיקע באַצאָלן פאַר זייערע

פעאיקייטן און אַ נייע קלאַסן צעטיילונג קאָן מען ניט אויסמיידן. סטאַ־ליניזם האָט געקריגן די אויבערהאַנט.

3.

אויב אַ פּריוואַט אייגנטום עקאָנאָמיע איז מער „עפישענט" ווי אַ סאָציאַליסטישע און אויב אין אַ סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיע פירט עס אויך צו דעם, דאָס דער עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אָנפירנדער רעגירונגס מענטש זאָל לעבן אַ רייכער לעבן, ווי די אַנדערע איינפאַכע אַרבעטס־מענטשן; וואָס פירט, נאַטירלעך, צו אַ קלאַסן צעטיילונג אונטער אַנדערע נעמען, פון קאַפּיטאַליסטן ווערן ביוראָקראַטן, טאָ וואָס געווינט דער אַרבעטער? אין אַ דעמאָקראַטיש קאַפּיטאַליסטיש אַנטוויקלט לאַנד ווי די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט דער אַרבעטער פאַרלירן נאָך אַ סאָציאַלער רע־וואָלוציע. ער וועט פאַרלירן אין פרייהייט, ווייל אַ פולשטענדיק פּלאַנירטע סאָציאַלע עקאָנאָמיע, ווי די סאָציאַליסטן ווילן, מוז באַגרענעצן די פריי־הייט. פולשטענדיקע פּלאַנירונג מיט פולשטענדיקע פרייהייט קאָנען ניט גיין צוזאַמען. ער וועט אויך פאַרלירן אין זיין איינקונפט. ער וועט פּשוט פאַרדינען ווינציקער. מיט די גרויסע פּראָפיטן, וואָס די קאַפּיטאַליסטן מאַכן, וועט אויסקומען ווי מיט יענעם סאָציאַליסט, וואָס איז אַליין געקומען צו ראָטשילדן צו נעמען דאָס פאַרמעגן, וואָס ראָטשילד האָט צוגענומען פון די אַרבעטער. זאָגט ראָטשילד: וואו איז יושר? פאַרוואָס קומט דיר דאָס גאַנצע פאַרמעגן? דו ביסט נאָר איינער, קומט דיר בלויז אַ טייל, דיין חלק. טאָ זאָל מען זיך אַוועקזעצן איבעררעכנען און מען וועט זען, וואָס עס קומט דיר אויף דיין חלק. האָט מען איבערגערעכנט, איז אויסגעקומען אויף דעם חלק פון דעם סאָציאַליסט גאָר אַ קליינע מטבעה. זאָגט צו אים ראָטשילד: נאָ דיר דיין חלק און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען. דאָס זעלביקע וועט פאָרקומען מיט די פּראָפיטן וואָס די קאַפּיטאַליסטן מאַכן. אַ סאָציאַ־ליסטישע רעגירונג וועט וואַרשיינלעך זיין ווייניקער „עפישענט" און האָבן מער אויסגאַבן ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע; וועט זי דאַרפן האָבן מער געלט, וואָס מיינט, מער פּראָפיט און מער עקספּלואַטאַציע. סאָציאַליסטישע רעגירונגס־באַאַמטע וועלן דאָך ניט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין פאַבריק און ביינאַכט ווערן באַאַמטע; זיי וועלן מוזן אויסגעהאַלטן ווערן פון דער פּראַצע פון די אַרבעטער. די סאָציאַליסטישע טעאָריע, וואָס איז באַזירט אויף אַן עקנאָמיע פון מאַרקס׳ צייטן און אויף אַן עקספּלואַטאַציע פון יענער צייט, לעבט מיט פאַלשע אילוזיעס. זי קאָן, ווען עס זאָל איר געלינגען, צו מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אַמעריקע און אָפּשאַפן די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע, דערפירן צו אַ גרעסערער עקספּלואַטאַציע. פון דער

איצטיקער צעטיילונג, אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן עקספּלואַטאַרס, וועט ווערן אַרבעטער און ביוראָקראַטן עקספּלואַטאַרס.

ווען די רעגירונג האָט אַלע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע כוחות אין אירע הענט, ווערט זי אַ טאָטאַלער כוח, וואָס עס ווערט שווער צו קעמפן קעגן איר; מען האָט פאַר איר מורא. ווען רוזוועלט האָט באַטאָנט, אַז עס איז נויטיק צו האָבן פרייהייט פון מורא, איז געלעגן אַ טיפער זין אין דעם, ווייל דאָ וואו עס איז דאָ מורא, האָבן אַלע שיינע קאָנסטיטוציעס און דעמאָקראַטישע געזעצן ניט קיין גרויסן ווערט. פאַר אַ רעגירונג וואָס איז אַזוי מעכטיק, ווי זי מוז זיין אין אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם, וועט מען מוזן מורא האָבן. דעמאָקראַטיע וועט מוזן ווערן באַגרענעצט. אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג וועט ניט קאָנען דערלויבן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן זאָלן קאָנען פריי אַגיטירן אומצוברענגען דעם סאָציאַליסטישן סיסטעם, וועט מען יענע עלעמענטן מוזן באַגרענעצן. ווייסט מען ניט וואו די באַגרענעצונג וועט זיך אָפּשטעלן.

די צוויי כוחות אין אַ סאָציאַליסטישן שטאַט, די אַרבעטער און די רעגירונג, אָן אַ דריטן נייטראַלן עלעמענט, ווערן צוגעפירט צו אַ געפערלעכן פונקט, ווען איין כוח מוז באַהערשן דעם צווייטן. די גרויסע מאַסן, מיט זייער איבערוועגנדער צאָל, האָבן ניט גענוג וואָג אַריבערצוועגן אויף זייער זייט אַ מאָדערנע אויסערגעוויינטלעך קאָמפּליצירטע, טעכניש אַנטוויקלטע עקאָנאָמישע איינשטעלונג, ווייל די מאַסע איז מאַכטלאָז, קאָן גאָרניט אויפטאָן אָן יענע טעכניש אויסגעבילדעטע, דערפאַרענע און הויך קוואַליפיצירטע טעכניקער, פּאָליטיקער און פירער. ווען מען דאַרף אַ הויך קוואַליפיצירטן מעכאַניקער־אינזשעניער קאָן מען ניט זאָגן, נאַ דיר צען, פופציק אָדער הונדערט איינפאַכע אַרבעטער. די צאָל איז דאָ ניט וויכטיק! אין אונזער הויך אַנטוויקלטער, קאָמפּליצירטער סאָציאַל־עקאָנאָמישער איינשטעלונג הערט אויף די צאָל צו זיין די דאָמינירענדע מאַכט.

ווען עס איז ניטאָ קיין דריטער נייטראַלער כוח, און איינער פון די צוויי צדדים קריגט אַריין די גאַנצע מאַכט, ווערט דער צד די הערשנדע מאַכט. אַלע געזעצן און אַלע קאָנסטיטוציעס וועלן זיין מאַכטלאָז קעגן דעם אַלטן אויסגעפּרובירטן געזעץ: „מאַכט קאָרופּטירט, טאָטאַלע מאַכט קאָרופּטירט טאָטאַל”.

איז ווען איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן, ווי אַזוי האָט אַזאַ אויסטערלישע געשעעניש געקאָנט פאָרקומען? ווי אַזוי אַ לאַנד, וואו מען האָט געמאַכט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, באַזיגט דעם קאַפּיטאַליזם און ניט געהאַט קיין שטערונגען איינצופירן אַ סאָציאַליסטישן סיסטעם — קיין

פּאַררעטער וואָס זאָלן זיך פאַרקויפן צום שונא, צו די קאַפּיטאַליסטן, זיינען ניט געווען; לענין, טראָצקי, בוכאַרין, זינאָוויעוו, סטאַלין, מאַלאָטאָוו און כרושטשעוו זיינען געווען, די וואָס לעבן זיינען נאָך ערלעכע סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן — קיינער פון זיי האָט זיך ניט פאַרקויפט צו די קאַפּיטאַ־ליסטן — איז געקומען צו אַזאַ לאַגע, דאָס דער נייער סיסטעם האָט מענטשן פאַרשיקט אין שקלאַפן־לאַגערן אויף געצוואונגענע אַרויסגע־פּרעסטע באַשולדיקונגען; מען האָט מענטשן אַרויסגענומען ביינאַכט פון די בעטן און דערשאָסן אָדער פאַרשיקט פאַר אויסגעטראַכטע זינד; אַ ברודער האָט מורא געהאַט פאַר אַ שוועסטער, אַ טאַטע פאַר אַ קינד. ווי אַזוי האָט אַזעלכעס געקאָנט פּאַסירן? ווער איז שולדיג אין דעם? פאַרוואָס איז דער איינצלנער מענטש אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַזוי הפקר? פאַרוואָס האָט יעדער איינער „גע. פּע. או." פירער געהרגעט וועמען און וויפיל ער האָט געוואָלט, ביז מען האָט אים אַליין דערהרגעט? פאַרוואָס האָבן זיי אַליין זייערע אייגענע פירער דערהרגעט? איז אין סאָוועטן־פאַר־באַנד ניטאָ קיין קאָנסטיטוציע, זיינען דאָרט ניטאָ קיין געזעצן, איז עס אַ הפקר לאַנד?

ניין! דאָס לאַנד איז ניט הפקר, דער קאָנטראָל איז דאָרט גרעסער ווי אין וועלכן עס איז אַנדער לאַנד. אַ קאָנסטיטוציע איז דאָרט אויך דאָ, אַ קאָנסטיטוציע מיט גאָר געהויבענע געזעצן, וואָס מען רופט „די סטאַלין קאָנסטיטוציע".

אין דער קאָנסטיטוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1936, אין צענטן קאַפּיטל, אַרטיקל 125, איז געשריבן: „אַ בירגער פון י.ס.ס.ר איז גאַראַנטירט פון געזעץ פרייהייט פון וואָרט, פרייהייט פון פּרעס, פרייהייט פון פאַרזאַמלונג, איינגעשלאָסן מאַס־מיטינגען". אין זעלבן קאַפּיטל, אַר־טיקל 127, איז געשריבן: „די בירגער פון י.ס.ס.ר. איז גאַראַנטירט אומ־באַרירלעכקייט פון פּערזאָן, קיין פּערזאָן טאָר ניט ווערן אַרעסטירט, סיידן דורך אַ באַשלוס פון געריכט אָדער מיט דער צושטימונג פון געריכט באַשולדיקער". אין אַרטיקל 128 איז געשריבן: „די פּריוואַטע היימען פון די בירגער זיינען באַשיצט פון געזעץ ניט צו ווערן איבערגעוואַלטיקט".

פאַרוואָס ווערן די געזעצן דאָרט אַזוי איגנאָרירט און פאַרגוואַלטיקט פון דער רעגירונג?

די אורזאַך איז, וואָס עס איז דאָ איין אונטערשיד פון געזעצן, וואָס פּריוואַטע בירגער דאַרפן אָפּהיטן און געזעצן, וואָס אַ רעגירונג דאַרף אָפּהיטן. פּריוואַטע בירגער מוזן אָפּהיטן אַלע געזעצן, אויב ניט וועט די רעגירונג באַשטראָפן. די רעגירונג האָט אַלע מיטלען פון שטראָף אין אירע הענט, זי קאָן אַפילו באַשטראָפן מיט טויט.

וואָס איז אָבער, ווען אַ רעגירונג היט ניט אָפּ די געזעצן? ווער קאָן די רעגירונג באַשטראָפן?

קיינער ניט. אַ רעגירונג קאָן מען ניט באַשטראָפן, אַ רעגירונג קאָן מען באַזייטיקן. ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז מען קאָן זי באַזייטיקן, ווען מען האָט ניט קיין מורא פאַר איר, ווי מיר אין אַמעריקע האָבן ניט קיין מורא פאַר דער רעפּובליקאַנער רעגירונג; ווען עס איז דאָ פריי־הייט, מען קאָן ריידן, שרייבן און אַגיטירן קעגן דער רעגירונג; ווען מען קאָן אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען צו באַווייזן, אַז די רעגירונג איז שלעכט, זינדיק און מען מוז זי באַזייטיקן; ווען עס איז דאָ אַ דעמאָקראַטיע מיט דירעקטע וואַלן — יעדער בירגער שטימט דירעקט פאַר אָדער קעגן די רעגירונג.

4.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט די הערשאַפט פון איין פאַרטיי — די קאָמוניסטישע פאַרטיי. דאָס איז אַ דיקטאַטור. עס איז אַ דיקטאַטור פון אַ קליינער מינאָריטעט; ווייל אין גאַנצן לאַנד, פון צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן, זיינען מער ניטאָ ווי זיבן ביז אַכט מיליאָן מיטגלידער אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דערווייל ווערן קאָנען נאָר די קאַנ־דידאַטן, וואָס די איינע פאַרטיי שטעלט אַרויס. מען האָט געקאָנט, פּונקט אַזוי, איינגאַנצן אָפּשאַפן די וואַלן, און די פאַרטיי זאָל באַשטימען וועלכע מענטשן עס זאָלן זיין די רעגירער. דאָס וואָלט אָבער געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, ווען מענטשן האָבן אַ מעגלעכקייט צו שטימען שאַפט זיך אַן אילוזיע פון אַ דעמאָקראַטיע — די קאָמוניסטן נויטיקן זיך אין אילוזיעס, זייער גאַנצער סיסטעם איז ניט מער ווי אַן אילוזיע, אַן איינרעדעניש, און עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז דאָס פאָלק האָט אַ שטיקל דעה, ווייל זיי קאָנען דאָך שטימען קעגן. נאָך ערגער איז עס, וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען ניטאָ קיין דירעקטע וואַלן, דאָס פאָלק שטימט ניט דירעקט פאַר די וואָס דאַרפן זיין די פירער פון לאַנד. עס איז וואָס מען רופט „דעמאָקראַטישער צענטראַליזם". די מאַסן קאָנען נאָר שטימען פאַר פאַרשטייער פון גרעסערע קאָמיטעס, די פאַרשטייער פון די גרעסערע קאָמיטעס שטימען פאַר פאַרשטייער פון קלענערע קאָמיטעס, אַזוי ווייטער, ביז צום „סופרים־סאָוויעט". ביי אַ מיטינג פון „סופרים־סאָוויעט" איז שוין אַלץ אַזוי צוגעגרייט און אויסגעאַרבעט, אַז קיינער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען קעגן דעם וואָס די אָנפירער פון דער רעגירונג שלאָגן פאָר. די אומדירעקטע וואַלן פאַראורזאַכן, אַז די פירער קאָנען ניט באַזייטיקט

ווערן דורך די מאַסן און אויף די העכערע קאָמיטעס האָט די רעגירונג אַ פולשטענדיקן קאָנטראָל.

דעמאָקראַטישער צענטראַליזם שטיצט זיך אויף דעם געדאַנק, אַז דאָס פאָלק איז ניט געזונג דערוואַקסן צו קאָנען אַליין באַשטימען, ווער עס זאָל זיין דער פירער. די מאַסן קאָנען ניט דערוויילן די רעגירונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייל די פאַרטיי, וואָס דאַרף העלפן די מאַסן, האָט ניט קיין צוטרוי צו זיי.

די פירער פון דער פאָליציי און פון מיליטער ווערן גענומען פון דער קליינער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דערפאַר איז דער כוח פון דער פאַרטיי אַזוי גרויס. עס איז ניט דאָס קאָמוניסטישע וואָרט, וואָס האָט אַזאַ כוח אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, עס איז די קאָמוניסטישע ביקס און טורמע, וואָס האָט אַזאַ שטאַרקן איינפלוס.

אין אַזאַ פאַל, ווען די רעגירונג הערשט מיט דעם כוח פון דער פאָליציי, ווען עס איז ניטאָ קיין דעמאָקראַטיע און דאָס פאָלק האָט ווייניק וואָס צו זאָגן, ווערט עס לייכט פאַר די אָנפירער פון דער רעגירונג צו ווערן קאָרופּטירט; כאָטש זיי אַליין, די וואָס ווערן קאָרופּטירט, האַלטן זיך ניט פאַר אַזעלכע — אַלץ וואָס זיי טוען ווערט דאָך געטאָן אין נאָמען פון דער רעגירונג און אין נאָמען פון אַן אידעאַל.

צו באַשטימען וואָס עס איז מאָראַליש און וואָס קאָרופּט איז ניט פאַר דעם איינצלנעם מענטש, נאָר פאַר דער געזעלשאַפט. דאָרט וואו די געזעלשאַפטלעכע מיינונג ווערט איגנאָרירט, ווי עס מוז זיין דער פאַל ביי אַ דיקטאַטור, ווערט די מיינונג פון די דיקטאַטאָרישע פירער די גיל־טיקסטע און די מיינונג פון דעם העכסטן פירער די סאַמע מאָראַלישסטע. צו זאָגן אויף די פירער פון אַזאַ רעגירונג, אַז זיי באַגייען פאַרברעכנס איז פאַרראַט; אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען דערפאַר געגעבן טויט־שטראָף.

פון דעם שטאַנדפונקט, איז דאָס אַרויסטרעטן פון די איצטיקע סאָ־וועטישע פירער קעגן סטאַלינען זיכער דער גרעסטער פאַרראַט. אַ פאַר־ראַט צום סיסטעם וואָס זיי האָבן, וואָס זיי ווילן ווייטער אַזוי אָנהאַלטן. די אַלע פאַרברעכנס וואָס מען שרייבט צו צו סטאַלינען זיינען דאָך ניט געווען קיין פאַרברעכנס אין סטאַלינס אויגן, אַפילו מען זאָל אָננעמען, אַז סטאַלין האָט געהרגעט זיין אייגן ווייב, איז ער דאָך ביי זיך מסתמא געווען גערעכט. אין אַ לאַנד, וואו די איינציקע מיינונג, וואָס איז געווען דעצי־דירנד איז געווען סטאַלינס, איז דאָך אומלאָגיש צו זאָגן, אַז סטאַלין איז געווען אומגערעכט. עס איז אומלאָגיש, ווייל סטאַלין איז דאָך געווען דער וואָס האָט באַשטימט וואָס איז רעכט און וואָס איז אומרעכט. צו דעם

האָבן דאָך אויך צוגעשטימט די איצטיקע פירער. ווייל זיי אַליין האָבן דאָך אָנטייל גענומען אין דער סטאַלין פאַרגעטערונג. יעדער פאַרברעכן פון סטאַלין פאַלט ממילא אויף דעם סיסטעם.

קיין קעגנער האָט ניט אַזוי ביטער אַראָפּגעריסן און צו־נישט געמאַכט דעם סיסטעם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי עס טוען עס די איצטיקע פירער, וואָס רייסן אַראָפּ סטאַלינען. וואָס מיינט עס צו קומען צו דער וועלט און זאָגן: מיר האָבן געהאַט דרייסיק יאָר אַ פירער, וואָס האָט געמאַכט אַ סך פעלערן און איינע פון די פעלערן איז, וואָס ער האָט געהרגעט אומשולדיקע מענטשן. און מיר האָבן אים גאָרניט געקענט טאָן, נאָר נאָך געמוזט אים העלפן הרגענען די אומשולדיקע מענטשן. מיינט עס דען ניט, ווי מודה זיין, אַז דער סאָוועטישער סיסטעם איז דער ערגסטער אין דער וועלט? ווייל וואָס קען נאָך זיין אַן ערגערער סיסטעם, ווי אַזעלכער, וואָס הרגעט אומשולדיקע מענטשן? אויב מען ענדערט ניט דעם סיסטעם, נאָר מען לאָזט עס ווייטער אַזוי אָנגיין — אַ רעגירונג וואָס שטיצט זיך אויף דעם כוח פון דער פּאָליציי — קאָן עס דאָך ווייטער פירן צו דער זעלביקער לאַגע, צו פאַרברעכנס און מערדערייען. וואָס איז דער חלוק, צי איין מענטש איז דער פירער און קאָן הרגענען אומשולדיקע מענטשן וויפיל ער וויל, צי עס זיינען דאָ עטלעכע פירער, וואָס זיי האָבן דעם כוח עס צו טאָן?

ווען עס וואָלט עקזיסטירט אַ האָר גערעכטיקייט און געזעלשאַפטלעכער כוח אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען באַדאַרפט כרושטשעוון, מיקאָיאַן, מאַלענקאָוון און די אַנדערע, וואָס זיינען איצט קעגן סטאַלינען אויסשיסן ווי די ערגסטע פאַרברעכער, ווייל זיי זיינען מודה, אַז פאַרברעכנס זיינען באַגאַנגען געוואָרן און זיי קאָנען נישט פאַרלייקענען, אַז זיי האָבן אָנטייל גענומען אין די פאַרברעכנס.

אין אונגאַרן זאָגט דער פּרעמיער ראַקאָשי, אַז ראַיק און זיינע חברים, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן מיט זיבן יאָר צוריק, זיינען געווען אומשולדיק. אויב זיי זיינען אומשולדיק איז דאָך ראַקאָשי אַ פאַרברעכער, אַ מערדער, ווייל ער האָט זיי דאָך אומגעבראַכט.

מען קאָן, גלויב איך, זיין זיכער, אַז די איצטיקע פירער וועלן בלייבן ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט קיין רעוואָלוציעס וועט מען ניט מאַכן.

ווען מען האָט מורא פאַר אַ רעגירונג, ווען מען טאָר ניט ריידן, שרייבן און אַגיטירן קעגן איר, ווען די רעגירונג, וואָס איז שלעכט און זינדיק, קאָן באַגיין נאָך אַ זינד: מיך אַרויסנעמען ביינאַכט פון בעט און דערשיסען, קעגן אַזאַ רעגירונג קאָן מען ניט קעמפן. מען דאַרף ניט

דערלאָזן, באַלד אין אָנהויב, עס זאָל געשאַפן ווערן אַזאַ טאָטאַליטאַרישער סיסטעם, ווייל ווען אַזאַ סיסטעם ווערט געשאַפן איז שווער פון איר פטור צו ווערן. אַ רעגירונג וואָס האָט אַלע מיטלען פון פּראָדוקציע אין אירע הענט, ווי די סאָציאַליסטן ווילן, אַז די רעגירונג זאָל האָבן, האָט אָן אַ שיעור מאַכט וואָס קאָן טאָן וואָס זי וויל און זינדיקן וויפיל זי וויל. עס איז ניטאָ קיין מאַכט וואָס קאָן זי צוריקהאַלטן. די שיינע געזעצן און גוט געשריבענע קאָנסטיטוציעס בלייבן אויפן פּאַפּיר, ווייל עס איז ניטאָ דער כוח וואָס זאָל קאָנען צווינגען דער רעגירונג אָפּצוהיטן די געזעצן. דאָס פאָלק וואָס האָט באַדאַרפט האָבן אַזאַ כוח האָט מורא, איז אין שרעק פאַר אַ קלאַפּ אין טיר...

אַ קאָנסטיטוציע, געזעצן האָבן נאָר אַ ווערט, ווען עס איז דאָ אַ כוח, וואָס קאָן צווינגען זיי אָפּצוהיטן. דעמאָקראַטיע מיינט ניט די מערהייט הערשט בלויז דערפאַר ווייל זי איז אַ מערהייט, נאָר אַז זי האָט דעם כוח צו הערשן. אַ מערהייט אָן כוח וועט קיין דעמאָקראַטיע ניט קאָנען אָנ־האַלטן. די שקלאַפן אין צייט פון שקלאַפעריי האָבן אַ סך מאָל געהאַט אַ מערהייט און זיי האָבן זיכער ניט געוואָלט זיין קיין שקלאַפן. זיי זיינען עס אָבער געווען, ווייל זייער מערהייט האָט קיין כוח ניט געהאַט. די פּויערים אין פעאָדאַלן־סיסטעם האָבן זיכער ניט געוואָלט ווערן פאַר־שקלאַפט פון פריץ. זיי זיינען געווען אַ ריזיקע מערהייט, נאָר זייער מער־הייט האָט קיין כוח ניט געהאַט. אַלע כוחות, סיי די פּאָליטישע, סיי די עקאָנאָמישע זיינען געלעגן אין די הענט פון די הערשער. אַזוי וועט אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג מיט אַלע מיטלען פון פּראָדוקציע אין אירע הענט האָבן טאָטאַלע מאַכט, אָן גלייכהייט, אָן דעם, אַז יעדער זאָל קריגן לויט זיינע באַדערפענישן מוז דער סיסטעם פירן צו דעם וואָס עס האָט געפירט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו טאָטאַליריזם.

מען קאָן פרעגן: פאַרוואָס, ווען סטאַלין איז געשטאָרבן, איז די רעגירונג אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק און מורא געהאַט, אַז בעריאַ וועט פאַרכאַפּן די מאַכט? מען האָט געמוזט צוליב דעם אים אַפּרוימען פון וועג. איז ווען מען פון די הונדערט און פינף און זעכציק מיליאָן מענטשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן איינגעפאַלן, אַז נאָכדעם ווי פּרעזידענט רוזוועלט איז געשטאָרבן זאָל עדגאַר הואווער, וואָס פאַרנעמט ביי אונז דעם זעלביקן אַמט וואָס בעריאַ האָט פאַרנומען, פאַרכאַפּן די מאַכט? ניין! אַזעל־כעס האָט קיינעם ניט געקאָנט איינפאַלן.

פאַרוואָס זאָל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו די זעלביקע רעגירונג פון איין פּאַרטיי עקזיסטירט שוין באַלד פערציק יאָר; אַ רעגירונג, וואָס האָט דורכגעלעבט אַ בירגער־קריג, אַ וועלט־קריג און אַ סך אַנדערע

שווערי‎קייטן, און אַלץ בייגעקומען, פאַרוואָס זאָל אַזאַ רעגירונג מורא האָבן, דאָס אַ הויפט פון אַ שפּיאָנען אָרגאַניזאַציע זאָל קאָנען צונעמען ביי איר די מאַכט?

דאָס קאָן נאָר זיין איינס פון די צוויי: אָדער די רעגירונג איז בכלל שוואַך און האָט מורא פאַר יעדן מענטשן מיט מאַכט, ווי אַן אָנפירער פון שפּיאָנען, אַ גענעראַל פון אַן אַרמיי צי אַן אַנדערער פירער, אָדער דער אָנפירער פון שפּיאָנען איז דאָרט אויסגעוואקסן צו אַזאַ גרויסן כוח, דאָס עס איז דאָ פאַר וועמען מורא צו האָבן; וואָס דאָס גיט ניט צו קיין קרעדיט צו דעם לאַנד.

אין דער אמתן ליגט די שוואַכקייט אין דעם צענטראַליזירטן און טאָטאַליטאַרישן סיסטעם, אין דעם וואָס די רעגירונג האָט די גאַנצע מאַכט אין אירע הענט, און דער וואָס פאַרכאַפּט די רעגירונג קריגט ממילא אַריין די גאַנצע מאַכט. אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג וועט זיין אין דער זעלביקער לאַגע.

אין אַ דעמאָקראַטיש פּריוואַט־אייגנטום סיסטעם, ווען די לאַגע איז נאָרמאַל, קאָן עס ניט פּאַסירן, ווייל די מאַכט אין לאַנד איז צעטיילט, די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, עקזעקוטיווע און יורידישע כוחות ליגן אין באַזונדערע הענט. אין אַ דעמאָקראַטיע איז ניט נויטיק צו פאַרכאַפּן די מאַכט, יעדע פּאַרטיי קאָן קריגן די מאַכט אויף אַ לעגיטימן וועג, אויב זי קאָן האָבן אַ ווירקונג אויף דער באַפעלקערונג.

די אַנאַרכיסטן און סינדיקאַליסטן, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַר דער צענטראַליזאַציע פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מאַכט אין די הענט פון דער רעגירונג, האָבן געהאַט אַ גוטן חוש צו דערפילן, וואָס עס קאָן פון דעם אַרויסקומען.

5.

פאַרוואָס איז איין לאַנד פריי און דעמאָקראַטיש, און אַ צווייט לאַנד איז ניט פריי און ניט דעמאָקראַטיש? פאַרוואָס האָבן מיר אין די פאַראייניקטע שטאַטן פרייהייט און דעמאָקראַטיע, און די רוסן האָבן עס ניט? ווילן ניט די רוסן קיין פרייהייט און דעמאָקראַטיע? האָבן זיי ליב צו ווערן באַהערשט און פאַרשקלאַפט? פאַרוואָס האָבן די זעלביקע איטאַליענער, וואָס האָבן היינט פרייהייט און דעמאָקראַטיע, ניט געהאַט קיין פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין דער צייט ווען מוסאָליני איז געווען דער פירער? האָבן די איטאַליענער אין יענער צייט פּלוצים פיינט געקריגן פרייהייט און איצט האָבן זיי עס ליב?

מען זאָגט: מענטשן האָבן ליב צו הערשן, האָבן ליב מאַכט. פאַר־

וואָס האָט זיך ניט געפונען איין פּרעזידענט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז דער הויפּט פון דער אַרמיי, ער זאָל צעטרייבן דעם קאָנגרעס און ווערן אַ דיקטאַטאָר? זיינען אַלע אונזערע פּרעזידענטן געווען צדיקים און האָבן פיינט געהאַט מאַכט?

ניין! אונזערע פּרעזידענטן זיינען ניט געווען אַלע צדיקים; וואָר־שיינלעך, וואָלט זיך צווישן זיי געפונען איינער, וואָס וואָלט גערן צעטריבן דעם קאָנגרעס און געוואָרן דער אַליין־הערשער. די רוסן און די איטאַ־ליענער האָבן אויך ליב פרייהייט און דעמאָקראַטיע אַזוי גוט ווי מיר און וואָלטן עס זייער געוואָלט האָבן.

דער פּרעזידענט, וואָס וואָלט צעטריבן דעם קאָנגרעס און געוואָלט ווערן אַ דיקטאַטאָר וואָלט עס ניט געקענט ווערן, ווייל אין דעם מאָמענט ווען ער צעטרייבט דעם קאָנגרעס ווערט ער אויס פּרעזידענט, ער ווערט אַ פאַרברעכער און איז ניט מער דער הויפּט פון דער אַרמיי. די אָנפירער פון דער אַרמיי דאַרפן אים ניט פאָלגן און וואָלטן אים זיכער ניט גע־פאָלגט.

די רוסן קאָנען ניט האָבן קיין פרייהייט, ווייל אין דעם מאָמענט ווען אימיצער וועט זיך אַוועקשטעלן און זאָגן, מען דאַרף האָבן מער פריי־הייט, ווערט ער אַרעסטירט ווי אַ העצער קעגן דער רעגירונג. דאָס זעל־ביקע וואָלט געשעען מיט אַן איטאַליענער אונטער מוסאָליני און מיט אַ דייטש אונטער היטלערן.

פאַרוואָס זאָל אין דער זעלביקער צייט, אין לענדער וואָס שטייען אין קולטור און ציוויליזאַציע אויף דער זעלביקער מדרגה, אין איין לאַנד זיין פולע פרייהייט און דעמאָקראַטיע, און אין אַ צווייט לאַנד זאָל פרייהייט און דעמאָקראַטיע ווערן אונטערדריקט?

דאָס האָט צו טאָן מיט דער לאַגע אין לאַנד. עס איז ווייניק וואָס מען האָט פיינט אָדער ליב, מען דאַרף האָבן כוח אָפּצושאַפן וואָס מען האָט פיינט און דערגרייכן וואָס מען האָט ליב. דער וואָס זיצט אין אַ תפיסה וואָלט אוודאי געוואָלט זיין אויף דער פריי, אָבער ער מוז זיצן אין תפיסה, ווייל ער האָט ניט קיין ברירה.

ווי וויכטיק עס איז פרייהייט און דעמאָקראַטיע, איז דאָס לעבן וויכ־טיקער. ווען דאָס לעבן איז אין געפאַר וועלן מענטשן ווערן ווילינג צו פאַרקוקן אויף פרייהייט און דעמאָקראַטיע, כדי צו מאַכן זייער לעבן זיכער. ווי עס איז געווען דער פאַל אין דייטשלאַנד און אין איטאַליע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה: אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער זיינען געלעגן ווי אַ חלף אויפן האַלדז, וואָס האָט דערפירט די צוויי פעלקער צו פאַשיזם.

אין רוסלאַנד האָט, די ניט זיכערקייט אין לאַנד נאָך דעם פאַלן פון צאַר, געברענגט קאָמוניזם.

נאָכדעם, ווען די נייע אָרדנונג ווערט איינגעפירט, זיינען דאָ פאַר־שידענע כוחות וואָס ווירקן זי אָנצוהאַלטן: די מורא פאַר דער פריער־דיקער געפאַר האַלט אָן, עס קומט אויף אַ ביוראָקראַטיע, וואָס איז פאַר־אינטערעסירט די נייע אָרדנונג זאָל אָנהאַלטן, די אידעאָלאָגיע פון דער נייער אָרדנונג קאָן אויך האָבן אַ סך פאַרערער; אויב די נייע אָרדנונג איז ניט קיין דעמאָקראַטישע קאָן זי, מיט דער מיליטערישער מאַכט אין אירע הענט, אָנהאַלטן זייער אַ לאַנגע צייט, אַפילו ווען די מערהייט איז קעגן איר.

עס איז ניט וויכטיק, וואָס די אידעאָלאָגיע פון קאָמוניזם איז געווען צוגעטשעפּעט צו אַ מאַרקסיסטישער טעאָריע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער שטאַט וועט אינגאַנצן אויפהערן צו עקזיסטירן, און די אידעאָלאָגיע פון פאַשיזם האָט זיך אָנגעהאנגען אין ניטשעס איבערמענטש און אין פּלאַטאָס רעגירונג פון פילאָזאָפן און געהאַלטן, אַז דער שטאַט איז איבער אַלעס. דער ציל האָט אויסגעזען בייביידע איז אַ רעגירונג, וואָס פאַר־לאָזט זיך ניט אויף דעם פרייען ווילן פון די מאַסן, אַ רעגירונג אָן אויטאָ־קראַטישע. די היטלער רעגירונג דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן באַזונדער, ווי אַ מערדער רעגירונג פון אַ פאָלק, וואָס האָט זיך נאָך ניט באַפרייט פון זייער פּאַגאַניסטישער איינגעוואָרצלטקייט.

דער סוף איז געווען, אַז אונטער קאָמוניזם און פאַשיזם, וואָס האָבן געזאָלט מאַכן דאָס לעבן זיכער פאַר דעם פרייז פון פרייהייט און דעמאָ־קראַטיע, איז דאָס לעבן געוואָרן ווייניקער זיכער. ווען די ביידע סיס־טעמען, דער קאָמוניסטיש־סאָציאַליסטישער און דער פאַשיסטישער, האָבן אָנגעהויבן עקזיסטירן האָט יעדער אינדיווידיאום אין די לענדער פאַרלוירן זיין סטאַבילקייט. דער כוח פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז אין דער אמתן דער כוח פון אַ סך איינצלנע, איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון אינדיווידיאום און איז געוואָרן אַן אומרעאַלער און ממילא אַן אומקאָנטראָלירנדער און פאַטאַלער כוח. און עס איז מעגלעך געוואָרן דער אַבסורד, אַז דער אידעאַל וואָס דאַרף ראַטעווען דעם מענטש, זאָל אויסהרגענען דעם מענטש. קעגן אַ רעגירונג מיט אַ געזעלשאַפטלעך אייגנטימלעכער און אינדיווידועל פאַרלייקנדער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט אין אירע הענט, איז דער איינצלנער ווי שטויב; בלויז דער גע־דאַנק פון קאַמף ווערט אים פרעמד. דער כוח פון אַזאַ רעגירונג איז אַזוי שטאַרק, אַז בלויז טראַכטן זי צו באַקעמפן איז אַ משוגעת. דאָס קאָן אפשר געבן אַ שליסל צו די ווידוים פון סטאַלינס קעגנער; זיי האָבן דערנאָך

איינגעזען ווי קינדיש און אומזיניק זייער קאַמף איז געווען אין פאַרגלייך מיט דער רעגירונגס־מאַכט.

יעדע רעגירונג קאָן זינדיקן קעגן פאָלק, אויך אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, אָבער קעמפן קעגן אַ זינדיקער רעגירונג, וואָס האָט אַלע מיט־לען פון פּראָדוקציע אין אירע הענט וועט מען ניט קאָנען, פּונקט ווי מען קאָן איצט ניט קעמפן קעגן דער קאָמוניסטישער רעגירונג.

פון דעם גאַנצן געראַנגל פון געזעלשאַפט און אינדיווידיאום ווערט אַ פאַרכשופט ראָד פון וועלכן עס איז שווער זיך אַרויסצודרייען. דאָס פאַר־כשופטע ראָד באַשטייט אין דעם ,וואָס אַ געזעלשאַפט אַלס פאַראייניקטער אין זיך קערפּערשאַפטלעכער כוח איז ניט מער ווי אַ פיקציע, עס איז אַ מיראַזש וואָס נאַרט אָפּ. אמת, עס איז דאָ אַן אייגנשאַפטלעכער כוח אין דער געזעלשאַפט, וואָס קאָן פירן צו אַקציע, אַזוי איז אויך דאָ אַ כוח אין אַ מיראַזש, אין רעליגיע, אין פאַנטאַזיעס; מענטשן קאָנען צוליב פאַנ־טאַזיעס און איינרעדענישן טאָן פאַרשידענע זאַכן אַפילו גיין אין געפאַר; דאָס מיינט ניט, אַז די פאַנטאַזיעס ווערן צוליב דעם אויס פאַנטאַזיעס. די געזעלשאַפט איז אין דער ווירקלעכקייט אַ צוזאַמענקום פון כוחות; ווען עס קומט צו פּאַקטישער באַוואוסטזיניקער האַנדלונג האָט די געזעל־שאַפט אַ נייגונג זיך צו באַפרייען פון דער צוזאַמענקייט און שיילט אַרויס פון זיך איינצלנע טוער און אָנפירער, ווייל וואָס מער די צאָל אַלץ פלאַ־כער און אומזיכער ווערט איר באַוואוסטזיין. פאַר אַ גרויסער צאָל מענטשן איז אוממעגלעך אַליין אָנצופירן מיט דער אַרבעט, וואָס איז נויטיק פאַר איר צו טאָן, ברענגט עס צוריק דעם כוח פון איינצלנעם פון וועלכן די געזעלשאַפט האָט זיך געוואָלט באַפרייען.

6.

אַ קאָלעקטיווער וועג פון לעבן איז אין תוך אַ פּרימיטיווער וועג און מוז פירן צו ווייניקער פרייהייט. הייַנט, אין אונזער טעכניש אַנטוויקלטער, קאָמפּליצירטער עקאָנאָמיע, קאָן דער סאָציאַליסטישער סיסטעם, דאָס וואָס אַלץ וועט באַטראַכט ווערן פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט צע־שטויבן דעם איינצלנעם מענטש. דער מענטש אין אַ קאָלעקטיווער ראַם איז אַ קליינער אומבאַדייטנדער טייל. די געזעלשאַפט וואָס רעגירט איבער דעם יחיד איז ניט מער ווי אַ יחיד מיט אַן אייזערנעם שטעקן, ווייל די געזעלשאַפט רעגירט דאָך ניט אַלס אַזעלכע, נאָר מוז אויסקלייבן אַ יחיד ער זאָל רעגירן. דערפאַר איז בעסער די געזעלשאַפט זאָל רעגירן וואָס ווייניקער.

די צרה מיט די סאָציאַליסטן איז, וואָס זיי איגנאָרירן אָדער זעען

ניט דעם שלעכטן מענטש. יעדער פֿאַרשטייט, אַז ניט דאָס פֿאָלק, נאָר פירער רעגירן אין נאָמען פֿון פֿאָלק. פירער זיינען דאָ גוטע און שלעכטע. אמת, מען קאָן די שלעכטע פירער אַראָפּוואַרפן און אויסקלייבן נייע, בעסערע, אָבער פֿאַרוואָס זאָל אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג זיין לייכ־טער אַראָפּצוואַרפן אַ פירער ווי עס איז היינט, לאָמיר זאָגן, אין אַ יוניאָן? אַ יוניאָן איז אַן אָרגאַניזאַציע פֿון אַרבעטער, פֿון איין קלאַס מענטשן, אַ דעמאָקראַטישע געזעלשאַפֿט וואָס האָט איין ציל, צו פֿאַר־בעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע. על פּי שכל וואָלט זיך אין אַ יוניאָן, וואָס איז דורכאויס דעמאָקראַטיש און נאָר פֿון איין קלאַס, פֿון אַרבעטער, זיך ניט באַדאַרפֿט קאָנען אַריינכאַפּן אַ שלעכטער באַאַמטער, וואָס מען זאָל ניט קאָנען פֿון אים פּטור ווערן. אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט וועט ניט זיין מער דעמאָקראַטיש און מער איינהייטלעך ווי אַ יוניאָן איז, אויפֿן פּאַפּיר מיין איך, פֿונדעסטוועגן כאַפּן זיך אָפּטמאָל אַריין אין די יוניאָנס שלעכ־טע, גענגסטערישע עלעמענטן, וואָס עס איז שווער פֿון זיי פּטור צו ווערן. פֿאַרוואָס איז דאָס אַזוי אוממעגלעך צו דענקען וועגן אַזעלכע פֿאַלן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט? ווער קאָן דען זיין אַזוי נאַאיוו צו דער־וואַרטן, אַז אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט וועלן אַלע פירער זיין הייליקע? פֿאַרוואָס איז אַזוי שווער פּטור צו ווערן פֿון אַ שלעכטן באַאַמטן אין אַ יוניאָן? אויס מורא! דער אַרבעטער האָט מער מורא פֿאַר זיין יוניאָן באַאַמטן ווי פֿאַר זיין בעל הבית. דער בעל הבית קאָן אים בלויז דערוויטערן פֿון זיין פֿאַבריק; דער יוניאָן־באַאַמטער קאָן אים מאַכן ברויטלאָז. אָפּטמאָל מוז דער אַרבעטער אָנקומען צום זעלביקן באַאַמטן, ער זאָל אים געבן אַ פּלאַץ צו אַרבעטן. אחוץ דעם קאָן אַ יוניאָן־באַאַמטער שטילערהייט גיין צום בעל־הבית, פֿאַרלאַנגען ער זאָל אַרויסוואַרפֿן דעם אַרבעטער פֿון פֿאַבריק. אַ בעל־הבית וויל זיך ניט איינרייסן מיט אַ יוניאָן־באַאַמטן, און ער וועט עס טאָן. אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט וועט אַ באַאַמטער האָבן פֿיל מער מאַכט; אַלס אַ טייל פֿון דער רעגירונג קאָן ער האָבן מאַכט איבער דעם אַרבעטערס לעבן. אַ טעאָרעטיש אויסגע־פֿאַנטאַזירט בילד פֿון אַ צוקונפֿט לעבן קאָן ניט זען די אַלע נעגאַטיווע זייטן. מען געפֿינט זיי געוויינטלעך אויס ווען עס איז שוין צו שפּעט.

דער מענטש איז אַן אינדיווידואַליסט. ער איז אויף אַזויפֿיל געזעל־שאַפֿטלעך אויף וויפֿיל דאָס געזעלשאַפֿטלעכקייט העלפֿט אים אויסברייטערן זיין אינדיווידועלקייט. ווען דער מענטש וואָלט ניט געווען קיין אינדיווידואַליסט, נאָר איינער פֿון אַ סטאַדע, וואָלט ער נאָך היינט געלעבט אַ לעבן ווי אַ חיה. דער אויפֿטוער און דערפֿינדער איז דער איינצלנער, ניט דער כלל. דער מענטש קאָן זיך, נאַטירלעך, אַריינפֿאַנטאַזירן אין אַ

געזעלשאַפטלעכן מיראַזש, וואו ער זאָל זען בלויז די געזעלשאַפט. ווען דער מענטש הערט אויף צו זען דעם יחיד, ער זעט נאָר אַ מאַסע, קאָן ער ווערן שעדלעך סיי פאַר דעם יחיד, סיי פאַר דער מאַסע. דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע חיה, איז אמת דערמיט, וואָס ווען דער מענטש ווערט אַריינגעשלעפּט אין דעם טראַנס פון בלויז געזעלשאַפטלעכקייט קאָן ער ווערן ווי אַ חיה און פאַרצוקן מענטשן אָן אַן אָפּהאַלט. מערדערייען אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט זיינען דערלויבט, ווערן אָפּט באַגאַנגען. אַ מאָרד אין אייגענעם נאָמען פירט צו דער תליה און צו שאַנד פאַר דורות. אין נאָמען פון רעליגיע האָט מען געברענט מענטש אויפן פייער מיט תפילות אויף די ליפּן. אין נאָמען פון פאָלק האָבן די דייטשן פאַר־ברענט זעקס מיליאָן יידן און די טערקן האָבן אויסגעשאָכטן די אַרמע־ניער. אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט האָט מען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויסגעהרגעט ווער ווייסט וויפיל מענטשן. פאַר דעם ווילן פון דער געזעל־שאַפט, וואָס קאָן אַמאָל זיין אַ פאַלשע, קראַנקע איינרעדעניש, האָט מען שוין געברענגט אַ סך קרבנות.

אַ פרייער, דעמאָקראַטישער וועג איז דער, וואָס פאַרטרעט און היט אָפּ דעם יחיד. דער פרייער דעמאָקראַטישער וועג גיט דעם איינצלנעם אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אַזוי גוט ווי ער קאָן. ער קאָן אויספירן זיינע משוגעתן. קיינער וועט אים ניט שטערן, אויב ער טוט נאָר ניט קיין שאָדן צו אַנדערע.

אַ מענטש קאָן האָבן אין זיך אַ סך שעפערישקייט, אַ סך אונטער־נעמונגס־גייסט און אַ ווילן עפּעס אויפצוטאָן, ער וויל זיין אַנדערש פון אַנדערע. די געזעלשאַפט בכלל איז קאָנסערוואַטיוו, וויל ניט אַזוי לייכט אָנערקענען אַ נייעם געדאַנק אָדער אַ נייעם וועג, וואָס קוקט ביי איר אויס פרעמד. ניט נאָר וויל מען ניט אנערקענען, מען האָט שוין מענטשן פאַרברענט פאַר זאָגן אַ נייעם, אמתן געדאַנק. ניט נאָר די מאַסע, אויך די פירער און אויטאָריטעטן זיינען קאָנסערוואַטיוו. מיר וואָלטן היינט געווען אַ סך אָרימער ווען אַ נייער געדאַנק, אַ ניי בוך אָדער קונסט־בילד וואָלט געווען אָפּהענגיק אין דער געזעלשאַפט, אין די אָנפירער און אויטאָריטעטן פון דער געזעלשאַפט. כמעט יעדער געניאַלער קינסטלער קאָן אייך דער־ציילן, ווי שווער עס איז אים געווען דער אָנהויב, ווי מען האָט אים ניט געוואָלט אָנערקענען און וואָס פאַר אַ ביטערן קאַמף ער האָט געהאַט מיט די אָנערקענטע אויטאָריטעטן. אַ סך פון די קינסטלער און שרייבער וואָלטן אונטערגעגאַנגען, ווען ניט די פרייע מעגלעכקייט זיך אַליין אַרויסצורייסן צו דער עפנטלעכקייט. אַ שרייבער קאָן אין אַ פרייער פריוואַט אייגנטום געזעלשאַפט קומען מיט זיין בוך און דער קינסטלער מיט זיין בילד, אויף

אייגענער אחריות. אַ שרייבער קאָן אָנשרייבן פינף ביכער און ניט ציען קיין אויפמערקזאַמקייט. ביים זעקסטן בוך ווערט ער באַרימט. אַ מאָלער קאָן מאָלן בילדער און קריגן פאַר זיי פעניס, דערנאָך ווערט ער באַרימט און מען צאָלט טויזנטער דאָלער פאַר זיינס אַ בילד. די געזעלשאַפט האָט ניט אַזוי פיל געדולד מיט איינעם, ווי דער איינער קאָן האָבן מיט זיך אַלייך. דער פרייער דעמאָקראַטישער פּריוואַט אייגנטום וועג, וואָס מיינט די אינדיווידועלע מעגלעכקייט פריי צו טאָן וואָס איינער וויל אָן דער געזעלשאַפטלעכער דערלויבעניש, איז דער בעסטער וועג, ווי אַזוי אַרויס־צוקריגן פון מענטשן דאָס בעסטע וואָס ער קאָן. אַלע שוועריקייטן, וואָס אַ מענטש האָט היינט, ווען ער וויל עפּעס טאָן און האָט ניט די מיטלען, זיינען ניט קיין פאַרגלייך מיט יענער צייט, ווען אַ מענטש וועט, פאַר יעדער זאַך וואָס ער וועט וועלן טאָן, דאַרפן אַ דערלויבעניש פון דער געזעלשאַפט, וואָס אין דער אמתן וועט עס מיינען אָנקומען צו אַ פּאָליטישן.

אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס וועט האָבן אַלע מיטלען פון פּראָדוקציע אין אירע הענט וועט ניט זיין אַנדערש.

סאָציאַליזם, וואָס וועט ניט קאָנען זיין דורכאויס דעמאָקראַטיש, כדי ניט צו ריזיקירן, אַז עפּעס אַן אויפגעהעצטע מערהייט זאָל ענדערן דעם סיסטעם; און וועט מוזן איינצאַמען פרייהייט, ווייל צופיל פרייהייט וועט שטערן די פּלאַנירונג; סאָציאַליזם, וואָס וועט מוזן רעאַגירן מיט אַ שטאַר־קער האַנט, ווייל ניט אַלע מענטשן זיינען אַזעלכע צדיקים, וואָס קאָנען זיך אַריינפּאַסן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט — דאָס גילט סיי פאַר די מאַסן, סיי פאַר די פירער — קאָן אַמאָל ניט שאַפן אַ בעסערע וועלט, נאָר אַן ערגערע.

דער קאַמף צווישן דעם לאַנד פון קאַפּיטאַליזם, טראַסטס, וואָל־סטריט שווינדלער און רעקעטירס, און דעם לאַנד פון קאָמוניזם און געזעל־שאַפטלעך אייגנטום, וואָס האָט זיך באַפרייט פון עקספּלואַטאַציע, האָט געשאַפן אַ נייעם אייגנאַרטיקן סימבאָל. דער סימבאָל איז: דער פּרייז פאַר אַ פּאָר שיך. וויפיל דאַרף מען אַרבעטן פאַר אַ פּאָר שיך אין דעם לאַנד פון קאַפּיטאַליזם, און וויפיל אין לאַנד, וואָס האָט זיך באַפרייט פון קאַפּיטאַליזם?

סימבאָליש גערעדט, דאַרף מען אין לאַנד, וואָס האָט זיך באַפרייט פון קאַפּיטאַליזם, אַרבעטן צען מאָל אַזוי פיל פאַר אַ פּאָר שיך, ווי אין לאַנד פון קאַפּיטאַליזם.

כ י נ ע

I

די זעלביקע עקאָנאָמישע מאָטיוון, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט רוסלאַנד זאָל ווערן קאָמוניסטיש און קאָמוניזם זאָל דאָרט האָבן אַ קיום, האָבן אויך געווירקט אויף כינע זי זאָל ווערן קאָמוניסטיש.

לענין האָט ניט געוואוסט און ניט געקאָנט וויסן גענוי, וואָס קאָמוניזם איז, ער האָט אַזאַ סיסטעם אין ערגעץ ניט געזען. טעאָרעטיש האָט ער עס זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט. עס קאָן זיין, ווען לענין וואָלט געוואוסט וואָס עס וועט ווערן פון דער רעוואָלוציע, וואָלט ער די רעוואָלוציע ניט געמאַכט. לענין האָט ריזיקירט.

מאַאָ טסע טאַנג, דער פירער פון די כינעזישע קאָמוניסטן, ריזיקירט ניט. ער האָט אָפענע אויגן און זעט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד. ער זעט, וואָס קאָמוניזם איז אין דער ווירקלעכקייט, און ער דענקט, אַז אַזאַ סיסטעם איז גוט פאַר כינע.

מעגלעך, ער איז גערעכט!

עס איז ניט אַזוי לייכט צו באַנעמען, וואָס עס איז געשען פלוצים מיט כינע. עס איז ניט אַזוי לאַנג צוריק ווי טשאַנג קאַי שעק איז געווען דער אַנערקענטער פאָרשטייער פון גאַנץ כינע; אַנערקענט אויך פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער איז געווען דער העלד פון טאָג, דער גרויסער מיליטערישער פירער, וואָס האָט פאַראייניקט כינע. ווען דער בירגער־קריג אין כינע, צווישן די קאָמוניסטן און טשאַנג קאַי שעק, האָט זיך אָנגעהויבן, איז טשאַנג געווען אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער פון די קאָמוניסטן. ער איז געווען מאָראַליש שטאַרקער, ווייל דער אַנערקענטסטער, פעאיקסטער נאָכפאָלגער פון דעם גרויסן, לעגענדאַרישן, רעוואָלוציאָנער און פירער סאַן יאַט־סען, וואָס איז געווען דער גרינדער פון קאָמינטאַנג, דער שאַפער פון דער רעפובליק. ער איז געווען מיליטעריש שטאַרקער; אַחוץ דעם וואָס ער איז אַליין אַ גרויסער מיליטערישער פירער: דער גענעראַליסימאָ, און האָט געהאַט די גאַנצע כינעזישע אַרמיי מיט זיך, האָט ער געהאַט דאָס בעסטע און מאָדערנסטע געווער צוגעשיקט פון אַמעריקע.

די קאָמוניסטן אין כינע האָבן גאָרניט געהאַט. ניט קיין מיליטער, ניט קיין געווער, ניט קיין מיליטערישע פירער. זיי האָבן זיך געשלאָגן ווי גערילאַס, מיט אַלטפּרענקיש געווער, מיט דעם וואָס זיי האָבן צוגעכאַפּט אָדער אָפּ־געקויפט פון טשאַנגס מיליטער. פינאַנציעל האָט טשאַנג געהאַט שטיצע פון אַמעריקע, וואָס האָט ניט געזשאַלעוועט קיין מיליאָנען. דיפּלאָמאַטיש איז כינע נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געשטאַנען אַזוי הויך, זי איז געווען איינע פון די גרויסע פיר: אַמעריקע, ענגלאַנד, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און כינע, וואָס האָבן באַדאַרפט מאַכן אָרדנונג אין דער נאָך־מלחמהדיקער רואינירטער וועלט. טשאַנג קאַי שעק איז געווען דער פאָרשטייער פון דער גרויסער כינע, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין קאָנפערענצן מיט די פאָר־שטייער פון די אַנדערע גרויסע לענדער. פלוצים, אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז געוואָרן אויס טשאַנג קאַי שעק. ער האָט געמוזט אַנט־לויפן מיט אַ קליין רעשטל פון זיין אַרמיי אויף אַן אינזל, וואָס האַלט זיך מיט דער הילף פון דער אַמעריקאַנער פלאָטע. די קאָמוניסטן האָבן פאַר־כאַפּט גאַנץ כינע. קיינמאָל אין דער געשיכטע איז אונטער אַזעלכע אומ־שטענדן ניט פאָרגעקומען אַזאַ שנעלע דראַמאַטישע איבערקערעניש. די היסטאָריקער אין דער צוקונפט וועלן זיך דאַרפן אַ סך באַמיען צו דער־קלערן די סיבות פון אָט דער גרויסער געשעעניש. ניט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, נאָר די רעוואָלוציע אין כינע וועט זיין דער ווענד־פונקט, וואָס וועט האָבן געענדערט אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון די אַזיאַ־טישע פעלקער.

וואָס איז פלוצים געשען אין כינע?

די לאַגע ווערט נאָך מער פאַרפּלאָנטערט פון די פאַרשידענע שליחים וואָס זיינען געשיקט געוואָרן קיין כינע; מיט די באַריכטן וואָס זיי האָבן געברענגט. אַ טייל פון די וואָס זיינען דאָרט געווען און געזען וואָס עס קומט פאָר, האָבן געפילט, אַז אין כינע קומט פאָר אַ גרויסע ענדערונג, און עס איז פיל מער ווי אַ קאַמף צווישן פּאַרטייען און אַרמייען. ווען גענע־ראַל מאַרשאַל, איינער פון די וויכטיקסטע מיליטערישע פירער אין אַמע־ריקע, איז אַליין געפאָרן קיין כינע אויסגעפינען וואָס דאָרט קומט פאָר, האָט ער רעקאָמענדירט, אַז טשאַנג זאָל מאַכן שלום מיט די קאָמוניסטן, זיי אַריינגעמען אין דער רעגירונג און צוזאַמען אַרבעטן אויפצובויען דאָס לאַנד. טשאַנג קאַי שעק איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. מאַרשאַל איז צוריקגעקומען קיין אַמעריקע און רעקאָמענדירט מען זאָל מער ניט שיקן קיין הילף צו כינע. אָן אַמעריקעס הילף איז טשאַנג געווען הילפלאָז. דאָס כינעזישע פאָלק איז וווייזט אויס מער ניט געווען מיט אים, ווייל עס האָט ניט געגומען לאַנג און ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון כינע מיט אַ רעשטל

פון דער צעבראָכענער אַרמיי, וואָס איז אים נאָך געבליבן. ווען אַפילו אַ באַדייטנדער טייל פון פאָלק וואָלט געווען מיט אים וואָלט ער ניט געקאָנט פאַרלירן אין אַזאַ קורצער צייט.

פאַרוואָס האָט עס מאַרשאַל געטאָן? פאַרוואָס האָט ער ניט געהייסן מער שטיצן טשאַנג קאַי שעקן? האָט מאַרשאַל סימפּאַטיזירט מיט די קאָמוניסטן? זיכער ניט! ער האָט מסתמא געזען, אַז אין כינע קומט פאָר מער ווי אַ געוויינלעכער קאַמף צווישן פּאַרטייען. ער האָט אויך געוואוסט אויף וועלכער זייט דאָס כינעזישע פאָלק איז, אַז טשאַנג וועט מוזן פאַרלירן און אונזער שטיצע איז אַרויסגעוואָרפן.

וואָס קומט ווירקלעך פאָר אין כינע?

אין כינע קומט פאָר אַ רעוואָלוציע, אָבער ניט אַ רעוואָלוציע קעגן די רייכע אָדער לאַנד־אייגנטימער, ווי עס קאָן זיך דאַכטן, עס איז אַ רעוואָ־לוציע קעגן דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט.

כינע איז אַן אַלט לאַנד, וואָס האָט שוין געהאַט אַן אייגענע קולטור, ווען אייראָפּע איז נאָך געווען ווילד און פּרימיטיוו. די כינעזער זיינען אַ גרויס פאָלק, דאָס גרעסטע פאָלק אין דער וועלט, אַ פאָלק פון פיר הונדערט און פופציק מיליאָן מענטשן. כינע איז אַ לאַנד מיט גרויסע מעגלעכקייטן; אַ סך אוצרות ליגן באַהאַלטן אויף דעם שטח וואָס כינע פאַרנעמט. דאָס כינעזישע פאָלק איז אָרים, כמעט דאָס אָרימסטע אין דער וועלט; דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון די מאַסן איז אויסערגעוויינלעך נידעריק. ניט נאָר אָרים איז דאָס פאָלק, נאָר אויך דערנידעריקט. די רעגירונגען פון דער וועלט האָבן געקוקט אויף די כינעזער מיט חוזק. זיי האָבן אָפּגעטאָן אַזעל־כעס, וואָס זיי וואָלטן ניט געוואַגט צו טאָן צו אַנדערע, קלענערע און אומ־באַדייטנדע פעלקער. דאָס אַמאָליקע צאַרישע רוסלאַנד האָט פון כינע גע־ריסן שטיקער, צוגענומען דעם בעסטן טייל — מאַנדזשוריע. יאַפּאַן האָט דערנאָך גענומען רייסן שטיקער פון כינע, וויפיל זי האָט גענומען איז איר אַלץ געווען ווייניק, זי האָט געוואָלט באַהערשן גאַנץ כינע. ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן אין כינע געהאַט זייערע אייגענע „סעטלמענטס". זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט ווי ביי זיך אין דער היים; זיי האָבן זיך גאָרניט גע־רעכנט מיט דער כינעזישער רעגירונג און מיט אירע געזעצן. אין זייער אייגן לאַנד זיינען די כינעזער געוואָרן פאַראַכטעט פון פרעמדע. ווען די פאַראייניקטע שטאַטן האָט נאָך געהאַלטן אָפן די טירן פאַר אַלע פעלקער, זענען זיי געווען פאַרמאַכט פאַר דער געלער ראַסע, וואָס האָט געמיינט די כינעזער, ווייל די יאַפּאַנעזער האָבן דעמאָלט ניט עמיגרירט. אַלע פעלקער האָבן אַרויסגעוויזן אָפענע פאַראַכטונג צו די כינעזער.

פאַרוואָס? פאַרוואָס אַזאַ פאַראַכטונג צו אַזאַ גרויס, אַלט און היסטאָריש

פאָלק ווי כינע? עס איז דערפאַר, וואָס דער כינעזער איז געווען נאַכלעסיק און זיך ניט צוגעגרייט מיט מאָדערנע געווער. וואָלטן די כינעזער זיך גע־האָט צוגעגרייט מיט מאָדערנע געווער, וואָלטן זיי, מיט דער צאָל מענטשן וואָס זיי האָבן, געוואָרן דאָס שטאַרקסטע לאַנד אין דער וועלט. אָן אַזאַ געווער זיינען זיי דאָס שוואַכסטע לאַנד אין דער וועלט.

פאַרוואָס האָבן די כינעזער ניט קיין מאָדערנע געווער? עס קאָן זיין עס איז דערפאַר, ווייל די כינעזער זיינען אַן אַלט, איינגעזעסן, פרידלעך פאָלק; זיי האָבן ניט געטראַכט צו באַפאַלן אַנדערע פעלקער. אויס מורא, מען זאָל זיי ניט באַפאַלן האָבן זיי אויפגעבויט די באַרימטע, אַלטע כינע־זישע וואַנט. די אַלטע וואַנט איז שוין ניטאָ, עס איז בלויז געבליבן אַ זכר פאַר טוריסטן, אָבער אַ וואַנט צווישן די כינעזער און די אַנדערע פעלקער איז יאָ געבליבן; די כינעזער האָבן געלעבט אין זיך, ניט געוואָלט זיך מישן מיט אַנדערע; די וואַנט האָט געהאַלטן די כינעזער אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פעלקער. די אַנדערע פעלקער האָבן אָבער די כינעזער ניט צורו געלאָזט, זיי האָבן זיך יאָ געוואָלט מישן אין כינע; און זיי האָבן זיך געמישט.

די כינעזער האָבן פאַרשלאָפן די וויכטיקסטע צייט, זיי האָבן פאַר־שלאָפן די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע. ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען צו שפּעט, דעריאָגן די אינדוסטריעל אַנטוויקלטע לענדער האָבן זיי ניט געקאָנט. כינע איז געווען אָרים און הילפלאָז. די איינציקע וואָס האָבן געקאָנט אויפבויען כינע אינדוסטריעל זיינען געווען די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן.. און די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן האָבן בעסער געוואָלט אַ צוריקגעשטאַנענע כינע, אַ מאַכטלאָזע כינע. דאָס האָט זיי געגעבן אַ פרייע האַנט אַרויסצוקוועטשן פון כינע אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט. קיין עצה דערצו האָבן די כינעזער ניט געהאַט; אויף אַ לאַנד מיט אַ פרייער פּריוואַט־אייגנטום עקאָנאָמיע קאָן מען ניט אַרויפצווינגען קיין אינדוסטריע־לע אַנטוויקלונג; עס קומט אַליין פון זיך; פון די אומשטענדן אין לאַנד, פון מענטשן מאַטעריאַל, פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען און פון אָנגעזאַמלטן קאַפּיטאַל. אין אַ פרייער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיע קאָן אַן אָרים לאַנד זיך ניט פאַרגינען צו מיליטאַריזירן דאָס לאַנד. די פאַבריקאַנטן און די אַרבעטער, וואָס מאַכן געווער, דאַרף מען באַצאָלן. אויב ניט, וועלן זיי ניט וועלן אַרבעטן. אין אַן אָרים לאַנד האָט די רעגירונג ניט די מיטלען אַליין צו באַצאָלן און האָט אויך ניט ביי וועמען צו נעמען. די לאַגע האָט אויס־געקוקט צו זיין הילפלאָז; עס איז געווען ווי אַ ראָד וואָס האָט ניט קיין סוף; דאָס לאַנד איז אָרים, ווייל עס איז ניט אינדוסטריעל אַנטוויקלט, און עס איז ניט אינדוסטריעל אַנטוויקלט, ווייל עס איז אָרים.. אונטער די אומ־

שטענדן, אונטער דעם סיסטעם אין וועלכן די כינעזער האָבן געלעבט, האָבן זיי קיין שום אויסוועג ניט געהאַט.

.2

דורך דער צייט איז פאָרגעקומען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די קאָמוניסטן האָבן דאָרט פאַרכאַפּט די מאַכט און איינגעפירט קאָמוניזם. געניי וואָס קאָמוניזם איז האָט מען ניט געוואוסט. די ערשטע יאָרן זיינען כמעט אַלע ראַדיקאַלן געווען אויף דער זייט פון די קאָמוניסטן. לינקע עלעמענטן פון אַלע לענדער, אַפּילו פון אַמעריקע, זיינען באַגייסטערטע געפאָרן קיין רוסלאַנד זיך באַזעצן אין לאַנד פון סאָציאַליזם. מיט דער צייט איז די גרויסע באַגייסטערונג צום קאָמוניסטישן פאָטערלאַנד געוואָרן אָפּ־געשוואַכט, טיילוויז צוליב דער עקאָנאָמישער לאַגע דאָרט, וואָס איז ניט געווען אַזוי ווי מען האָט דערוואַרט, טיילוויז צוליב די נייע שטרענגע איינפירונגען, וואָס זיינען ניט געווען לויט דעם קאָמוניסטיש־סאָציאַליסטישן גייסט, וואָס די אַריבערגעקומענע האָבן דערוואַרט. מענטשן וואָס זיינען דאָרט געווען און האָבן געזען, ווי אַזוי קאָמוניזם אַרבעט אין דער ווירק־לעכקייט, זיינען צוריקגעקומען אַנטוישטע. זיי האָבן דערציילט אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן אינגאַנצן אָפּגעקילט דעם ענטוזיאַזם פאַר דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד. ניט אַלע פון זיי האָט מען געקאָנט פאַרשרייען פאַר ליגנער און פאַררעטער.

פאַר דער אייראָפּעאישער וועלט, איבערהויפּט פאַר אונז אַמעריקאַנער, איז געוואָרן קלאָר, אַז קאָמוניזם קאָן אונז קיין גרויסע גליקן ניט ברענגען. די אינדוסטריעלע דערגרייכונגען, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט גע־פּלאַנט צו דערגרייכן מיט די פינף־יאָריקע פּלענער, און דאָס אַפּילו וואָס זיי האָבן דערגרייכט, האָט אויף אונז קיין גרויסן איינדרוק ניט געמאַכט, פּשוט דערפאַר, ווייל מיר זיינען אַליין אַזוי הויך אינדוסטריעל אַנטוויקלט, דאָס מיר האָבן ניט געקאָנט ווערן איבערראַשט פון דעם. מיר קוקן אויף דעם ווי אויף אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער זאַך. אַחוץ דעם זיינען מיר ווייט און מיר זעען ניט די אויפטואונגען און דערגרייכונגען, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט שוין יאָ דערגרייכט. אַ טייל צווייפלען אין דעם און אַ טייל, די שטאַרקע קעגנער, לייקענען עס אינגאַנצן אָפּ. זיי גלויבן ניט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אַנטוויקלט, זיי גלויבן ניט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַן אַטאָמישע באָמבע, זיי גלויבן בכלל ניט, אַז דער רוס איז צו עפּעס פּעאיק.

אַנדערש האָבן געקוקט אויף דעם די כינעזער. די כינעזער זיינען שכנים צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. ווי פּעסט עס זאָל זיין פאַרמאַכט די סאָוועטן־

טישע טיר, דערוויסט זיך אָבער אַ שכן, וואָס דאָרט טוט זיך. די כינעזער האָבן געוואוסט, אַז אין 1917 איז רוסלאַנד געווען איינע פון די אָפּגע־שטאַנענסטע לענדער אין דער וועלט, אין אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג איז רוסלאַנד געשטאַנען ניט פיל העכער פון כינע. עס זיינען אַוועק בלויז דריי צענדליק יאָר און רוסלאַנד איז געוואָרן דאָס צווייטע לאַנד אין דער וועלט אין אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. רוסלאַנד איז מיליטעריש געוואָרן דאָס שטאַרקסטע לאַנד אין דער וועלט. נאָכדעם ווי דייטשלאַנד האָט פאַרלוירן דעם קריג, געוואָרן אויס מיליטערישע מאַכט, איז ניטאָ קיין לאַנד אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך קאָנען אונטערנעמען אַליין צו באַזיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן אין ווייניקער ווי דריי צענדליק יאָר. ווי אַזוי האָט רוסלאַנד געקאָנט באַווייזן זיך אַזוי הויך צו אַנטוויקלען אין אַזאַ קורצער צייט? קיין אויסלענדישער קאַפּיטאַל איז נאָך דער רע־וואָלוציע ניט אַריינגעקומען, קיין אייגן קאַפּיטאַל האָבן זיי אויך ניט געהאַט, אַ לאַנגן בירגער־קריג, צוויי מלחמות מיט חרוב געמאַכטע שטעט און רואי־נירטע פאַבריקן האָבן זיי יאָ געהאַט.

וואו ליגט דאָ דער סוד?

עס איז ניט קיין סוד, עס איז גאַנץ איינפאַך. זיי האָבן עס געקאָנט באַווייזן, ווי געזאָגט, דערפאַר ווייל זיי האָבן געהאַט הונדערט און אַכציק מיליאָן, כמעט אומזיסטע, אַרבעטער.

אויב רוסלאַנד האָט געקאָנט מיט ליידיקע הענט, בלויז מיט אַ מענטשן־מאַטעריאַל פון הונדערט און אַכציק מיליאָן, דערגרייכן אַזאַ ריזיקע מאַכט אין אַ קורצער צייט, פאַרוואָס זאָל עס כינע ניט קאָנען מיט צוויי און אַ האַלב מאָל אַזוי פיל מענטשן, מיט פיר הונדערט און פופציק מיליאָן? אויף אַ פרייען קאַפּיטאַליסטישן וועג קאָן זי עס טאַקע ניט דערגרייכן, ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל באַצאָלן דערפאַר; די רעגירונג און די באַפעלקערונג זיינען זייער אָרים. אָבער אויף אַ קאָמוניסטישן אופן, ווען די רעגירונג וועט זיין דער אונטערנעמער און די אַרבעטער וועלן ניט האָבן ביי וועמען צו פאַרלאַנגען געלט, ווייל זיי וועלן אַרבעטן פאַר זיך, איז שוין אַזאַ זאַך יאָ מעגלעך.

עס קאָנען דערביי אויך ווירקן נאַציאָנאַלע און אידעאַלע מאָטיוון, וואָס וואַכן אויף ביי אַן אונטערדריקט פאָלק. דער פּראָטעסט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי די כינעזער קעגן די פעלקער, וואָס האָבן געטראָטן אויף זיי, האָט אויך געווירקט. דער כינעזער טראַכט, אויב עס איז דאָ אַזאַ סיסטעם, וואָס קאָן מאַכן זיין פויסט שטאַרק, ער זאָל קאָנען צוריקגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ צו די, וואָס האָבן אים ביז איצט פאַראַכטעט, לוינט זיך אַפילו צו הונגערן צוליב דעם, איבערהויפּט ווען ער וועט גאָרניט פאַרלירן,

ווייל ער הונגערט סיי ווי. דער נאַציאָנאַלער שטאַלץ צו רעוואָלטירן קעגן דער אונטערדריקונג און פאַראַכטונג פון די שטאַרקע פעלקער; דער געפיל פון די כינעזער, אַז זיי קאָנען האָבן דעם כוח ניט נאָר ניט צו לאָזן טרעטן אויף זיך, נאָר צו ווערן איינע פון די מעכטיקסטע פעלקער אין דער וועלט. קאָן ווי אַ פייער אַרומכאַפּן אַן אַלט, איינגעשלאָפן פאָלק און אויפוועקן אין זיי אַ דינאַמישן כוח, וואָס זאָל איבערראַשן די וועלט. דער קאָמוניסטישער וועג איז גראָד פאַר די כינעזער, ווייל זיי זיינען אַזוי פרימיטיוו, מער צוגעפּאַסט ווי פאַר אַנדערע מער אַנטוויקלטע פעלקער. קאָמוניזם איז בכלל צוגעפּאַסט צו פרימיטיווע פעלקער.

טשאַנג קאַי שעק, דער מיליטערישער העלד פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, דער נאָכפאָלגער פון סאָן יאַט־סען, דער פירער פון קאָמינ־טאַנג, די פּאַרטיי וואָס האָט געמאַכט די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע אין כינע, אַראָפּגעוואָרפן די מאַנטשו דינאַסטיע, געגעבן דאָס כינעזישע פאָלק פריי־הייט און זעלבסטשטענדיקייט, האָט פאַרהערט דעם רוף פון דער צייט, וואָס האָט געוואָרענט: אַז דאָס וואָס ער טוט איז ניט גענוג, ער מוז טאָן מער, ער מוז רעפאָרמירן דעם גאַנצן סיסטעם. און ער האָט פאַרלוירן.

ווען מיר פאַרגלייכן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון רוסישן אַרבעטער מיט אונזער לעבנס־סטאַנדאַרט, איז נאַטירלעך, אַז מיר האָבן ניט וואָס מקנא צו זיין דעם רוסישן אַרבעטער. אונזער לעבנס־סטאַנדאַרט שטייט אַ סך העכער און קאָמוניזם איז פאַר אונז אַ דעגראַדאַציע. ווען אָבער דער כינעזער פאַרגלייכט זיין לעבנס־סטאַנדאַרט מיט דעם סאָוועטישן, זעט ער דאָס פאַרקערטע. ער זעט, אַז זיין לעבנס־סטאַנדאַרט שטייט פיל נידעריקער, פאַר אים מיינט דער סאָוועטישער סיסטעם אַ דערהויבנוג. די אורזאַכן וואָס ווירקן אויף אונז קעגן קאָמוניזם, ווי דאָס אָפּשאַפן פרייהייט און דעמאָ־קראַטיע, מיינט פאַר דעם כינעזער גאָרניט, אָדער זייער ווייניק, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געניסן פון פרייהייט און ער ווייסט ווייניק דעם טעם פון דעמאָקראַטיע. דאָס עלטסטע, דאָס גרעסטע און דאָס דערנידעריקסטע פאָלק אין דער וועלט האָט דערוואַכט צו שפּילן אַ ראָלע אין דער וועלט. דער קאָמוניזם איז דאָס מיטל, דאָס בעסטע מיטל אונטער די אומשטענדן, צו דערגרייכן דעם ציל. מיט דעם אַלטן לעבנס־וועג, וואָס דער כינעזער האָט געלעבט ביז איצט, איז ער ווייט ניט געגאַנגען. עס האָט אים געפירט צו אָרימקייט, שוואַכקייט און דערנידערונג. ער האָט געזוכט אַ נייעם וועג, וואָס זאָל אין אים אויפוועקן די גרויסע כוחות, וואָס ער פאַרמאָגט. ער האָט דעם וועג געפונען אין קאָמוניזם, וואָס די כינעזער האָבן אויף זייער שטייגער צוגעפּאַסט צו די כינעזישע אומשטענדן.

ניט טשאַנג קאַי שעק און זיכער ניט זיינע גענעראַלן האָבן פאַרשטאַ־

נעז דעם רוף פון דער נייער צייט אין כינע, דעם רוף צו נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם רעוואָלט פון די כינעזער קעגן זייער אייגענער פאַראַנגעגנהייט, קעגן דער פאַרשלאָפענער צייט, אַז די רעוואָלוציע איז מער אַ נאַציאָנאַלע ווי אַ סאָציאַלע. דערפאַר האָט דער גרויסער העלד פון קאָמינטאַנג, דער גרעסטער מיליטערישער פירער פון כינע, דער גענעראַליסימאָ, מיט דער בעסטער אַרמיי וואָס כינע האָט ווען עס איז געהאַט, פאַרלוירן צום גערילאַ קעמפער מאַאָ־טסע־טאַנג מיט זיינע באָרוועסע מיטקעמפער, וואָס האָבן גאָרניט געהאַט, ניט קיין אָרגאַניזירטע אַרמיי, ניט קיין געשולטע מיליטערישע פירער און ניט קיין געלט. זיי האָבן אָבער געהאַט אַן אידייע, וואָס פאַסט זיך אַריין צו דער איצטיקער לאַגע אין כינע. און די אידייע האָט געוואונען. די אידייע האָט אויך געווירקט אויף טשאַנגס אַרמיי, וואָס האָט פאַרקויפט דאָס געווער, וואָס אַמעריקע האָט געשיקט און אַריבערגעלאָפן צו די קאָמוניסטן. ווען ניט דאָס, וואָס טשאַנגס אַרמיי איז זיך צעלאָפן, וואָלט ער ניט געקאָנט אין אַזאַ קורצער צייט פאַרלירן די מלחמה.

ניט אַלע כינעזער, וואָס גייען מיט מאַאָ טסע טאַנג, זיינען אַזעלכע איבערגעגעבענע קאָמוניסטן, זיי ווייסן אַפילו ניט גענוי וואָס קאָמוניזם מיינט. זיי זיינען אָבער איבערגעגעבענע כינעזער און האָבן די באַגייס־טערונג פון אַן אויפדערוואַכט פאָלק.

אַן אידייע איז שווער צו באַקעמפן, סיידן מיט אַ בעסערער אידייע. מיר האָבן געהאַט פאַר זיי שיינע ווערטער וועגן פרייהייט און דעמאָקראַטיע; פאַר די כינעזער, וואָס זיינען געווען נאַקעט און באָרוועס, דערנידעריקט און פאַראַכטעט האָבן די שיינע ווערטער געקלונגען ווי חוזק. זיי זיינען מיד געוואָרן פון שלאָגן איינער דעם אַנדערן; אויב יאָ שלאָגן, איז אַ פרעמדן שונא.

פונקט ווי קערענסקי אין רוסלאַנד האָט ניט פאַרשטאַנען די גורל־דיקע צייט, ווען ער איז געווען דער הויפט פון דער רעגירונג אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע; ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז דער פויער וויל זיך מער ניט שלאָגן און די ערד מוז צעטיילט ווערן, אַזוי האָט טשאַנג ניט פאַרשטאַנען דעם גורל פון די כינעזער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאָלק האָט דערוואַכט צו אַ רעוואָלוציע קעגן זיין אייגענער פאַר־גאַנגענהייט, קעגן זיין אייגענער צוריקגעשטאַנענקייט און אַפּאַטיע. די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט באַוויזן די כינעזער, וואָס פאַר אַ גרויסער כוח עס ליגט אין זייער צאָל, אין די פיר הונדערט און פופציק מיליאָן, און זיי האָבן געוואָלט דעם כוח נוצן. דאָס איז אין כינע נאָר געווען מעגלעך

דורך אַ פּאַראייניקטן קאָלעקטיוון כּוח, וואָס וואַרפט זיך אונטער אַן אויטאָ־קראַטישער רעגירונג.

ווי מאָדנע עס איז די אַמעריקאַנער פּאָליטיק, וואָס וויל ניט אַנער־קענען כינע, נאָר אַנערקענט טשאַנג קאַי שעק, וואָס איז אַנטלאָפן און ליגט ווי באַהאַלטן אויף אַן אינזל, אַלס דעם פאָרשטייער פון גאַנץ כינע, אין דער צייט וואָס ענגלאַנד און די אַנדערע לענדער האָבן יאָ אַנערקענט די קאָמוניסטישע כינע. אויב מיר אַנערקענען ניט כינע, ווייל זי איז קאָמוניסטיש, טאָ פאַרוואָס האָבן מיר אַנערקענט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, יוגאָסלאַוויע און די אַנדערע סאַטעליטן? זיי זיינען דאָך אויך קאָמוניסטיש! פאַר די כינעזער מיינט דאָס ניט אַנערקענונג, אַז מיר זיינען קעגן זייערע אינטערעסן און אַז מיר ווילן, מיט דער הילף פון טשאַנג קאַי שעק, צוריק איינעמען כינע און אַראָפּוואַרפן זייער רעגירונג, וואָס אַלע פּאָליטיקער און „קאָמענטאַטאָרס" גיבן צו, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך.

דאָס איז נאָך ניט דער סוף; עס איז איצט דער אָנהויב. העכסט וואַרשיינלעך וועלן די אַנדערע אַזיאַטישע פעלקער נאָכפאָלגן כינע. אינדיע האָט אויך ניט קיין אַנדער אויסוועג. אויף דעם געוויינטלעכן קאַפּיטאַליסטישן וועג וועט אינדיע בלייבן אין דעם זעלביקן פּרימיטיוון צושטאַנד נאָך הונ־דערטער יאָרן. אינדיע איז אין דער זעלביקער לאַגע וואָס כינע איז געווען. אינדיע איז דאָס צווייטע גרעסטע לאַנד אין דער וועלט אין מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס לעבט אין אַן אויסערגעוויינלעך אָרעמען מאַטעריעלן צושטאַנד. דאָס לאַנד איז צו אָרעם זיך צו קאָנען קאַפּיטאַליסטיש אַנט־וויקלען; קאַפּיטאַליזם דאַרף קאַפּיטאַל, און אינדיע האָט עס ניט. אויס־לענדישער קאַפּיטאַל איז ניט פאַראינטערעסירט צו אַנטוויקלען אינדיע אינדוסטריעל און וועט אויך ניט וועלן ריזיקירן. היינט וועט קיין רעגירונג ניט גיין אין אַ מלחמה אַפילו מיט דעם קלענסטן לאַנד, דערפאַר וואָס זי וויל ניט צאָלן קיין חובות. די קאַפּיטאַליסטן, וואָס ווילן אינוועסטירן געלט אין אַנדערע לענדער, מוזן עס טאָן אויף זייער אייגענער אחריות.

אויב אונזער אויסלענדישע פּאָליטיק זאָל ווייטער געפירט ווערן ווי ביז איצט, וואָס מיינט, אַז יעדעס לאַנד, וואָס איר רעגירונג איז גע־צוואונגען אַליין צו בויען די אינדוסטריעס איז אַ קאָמוניסטיש לאַנד און אונזער שונא, וועלן מיר שטויסן די לענדער זיך אַנצושליסן אין סאָוועטישן בלאָק. מיר דאַרפן אַזוי ניט האַנדלען; פּונקט ווי מיר האָבן געקאָנט אַריינעמען יוגאָסלאַוויע, וואָס איז אַ קאָמוניסטיש לאַנד, אין אונזערע רייען, קאָנען מיר אויך אַזוי האַנדלען מיט אַנדערע לענדער. אַ לאַנד, וואָס נעמט אָן דעם סאָוועטישן סיסטעם, מוזן ניט דווקא אירע עקאָנאָמישע אינטערעסן זיין פאַרבונדן מיט די סאָוועטן, פאַר איר קאָן זיך אַמאָל

בעסער לוינען צו זיין פאַרבונדן מיט אַמעריקע, ווי עס איז געווען מיט יוגאָסלאַוויע. ווען מיר זאָלן אַזוי פירן אונזער פּאָליטיק, דאָס אַלע אומ־אַנטוויקלטע לענדער וועלן זיך פילן באַקוועמער אַריבערצוגיין אויף דער סאָוועטישער זייט, וועלן מיר ווערן אַ סך שוואַכער פון זיי. אויב מאַכט זאָל זיין דער דאָמינירנדער פאַקטאָר, זיינען מיר פאַרלוירן.

ס'איז ניט מאַכט וואָס וועט זיין דאָמינירנד; מיט אַטאָם און הידראָזשען באָמבעס וועלן די שוואַכערע פעלקער קאָנען פאַרניכטן די שטאַרקערע, פּונקט ווי די שטאַרקע וועלן קאָנען פאַרניכטן די שוואַכע; עס איז דער סיסטעם, וואָס וועט געבן אַ בעסער לעבן, אַ העכערן „סטאַנדאַרט", מער פרייהייט, מער דעמאָקראַטיע וואָס וועט זיגן. אין דער געשיכטע זיגט אַלע מאָל דער בעסערער סיסטעם, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו דער צייט.

די קאָמוניסטן האָבן ניט באַדאַרפט אַנווענדן אַזוי פיל כוחות אומזיסט, צו באַזיגן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם; זיי האָבן בלויז באַדאַרפט שאַפן אַ בעסערן סיסטעם, וואָלטן די אַנדערע לענדער נאָכגעפּאָגט אָן שום קאַמף.

אין אונזער צייט פון טעלעגראַף, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, מיט אַ וויט פאַרשפּרייטער פּרעסע, קאָן מען זיך ניט באַהאַלטן, מען געפינט אַלץ אויס. וויפיל ניט געשטויגענע מעשיות מען דערציילט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וועגן אַמעריקע ווייסט מען דאָרט, אַז אין אַמעריקע לעבט זיך דעם אַרבע־טער בעסער ווי אומעטום. וויפיל מען זאָל אונז דערציילן וועגן קאָמוניס־טישן גן עדן, ווייסן מיר די צרות וואָס זיי האָבן.

דער בעסטער סיסטעם האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין: דער דעמאָ־קראַטישער, רעפאָרמירטער פּריוואַט־אייגנטום סיסטעם. דער סיסטעם נעמט פון יעדן איינעם דאָס בעסטע וואָס ער קאָן געבן פאַר דער געזעלשאַפט, מען דאַרף קיינעם ניט צווינגען; און האָט אויך דעם בעסטן וועג צו קאָנטראָלירן דעם סיסטעם. יעדער פּריוואַט־אייגנטימער, וואָס אַרבעט פאַר זיך, אַרבעט אויך פאַר דעם לאַנד, ווייל ער אַרבעט דאָך אויס פּראָדוקטן, וואָס אַנדערע וועלן קויפן. ער איז אונטער דעם איינדרוק, אַז ער אַרבעט בלויז פאַר זיך און היט אַלץ זייער שטאַרק אָפּ, אַזוי אַז דער קאָנטראָל איבער דעם סיסטעם ווערט, ווי ווייט מעגלעך, גוט אָפּגעהיטן. די גרעסערע פּראָבלעמען, ווי פאַרזיכערונג, קריזיסן און מלחמות, ווערן איבערגעלאָזט צו די רעגירונגען צו קאָנטראָלירן.

דער סיסטעם איז אַ דינאַמישער, וואָס אַנטוויקלט זיך און קאָן זיך כסדר פאַרבעסערן. אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער־קלאַס קאָן אין אַ דע־מאָקראַטישער אָרדנונג דערגרייכן אַלץ וואָס עס איז מעגלעך. די קאָלעק־טיוויסטיש־קאָמוניסטישע סיסטעמען וועלן מיט דער צייט מוזן דאָס איינ־זען און וועלן אין זייערע סיסטעמען לאָזן אַ פרייען וועג צו פּריוואַט־

אייגנטום, וואָס וועט אין אָנהויב זיין זייער שמאָל, אָבער מיט דער צייט זיך קאָנען אויסברייטערן.

דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך ניט אין אַלע לענדער גלייך אַנטוויקלט. די לענדער וואָס זיינען געבליבן הינטערשטעליק קאָנען ניט, מיט אַ פרייען, דעמאָקראַטישן וועג, דעריאָגן די הויך אַנטוויקלטע לענדער; ווייל זיי האָבן ניט קיין געלט און ניט זיי קאָנען קריגן געלט געבאָרגט. זיי מוזן אַנטוויקלען זייער לאַנד מיט אייגענער שווערער אַרבעט וואָס מען קאָן ניט דערגרייכן ביי פולער פרייהייט.

כינע האָט זיך געפונען אין אַזאַ לאַגע און זי האָט געמוזט איינפירן אַזאַ סיסטעם, וואָס זאָל איר געבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען און אינ־דוסטריאַליזירן דאָס לאַנד.

די ענדערונגען

I

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז ניט היינט די זעלביקע, וואָס מיט דרייסיק יאָר צוריק; זי האָט זיך אַ סך געענדערט. די קאָמוניסטישע וועלט איז אויך ניט די זעלביקע, וואָס מיט דרייסיק יאָר צוריק; זי האָט זיך אויך אַ סך געענדערט. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט זיך אין די לעצטע דרייסיק יאָר רעפאָרמירט, ניט געוואָרן סאָציאַליסטיש, אָבער געגעבן אַ סך וואָס די סאָציאַליסטן האָבן צוגעזאָגט. די קאָמוניסטישע וועלט, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט זיך אויך רעפאָרמירט, ניט געוואָרן קאַפּיטאַליסטיש, געגאַנגען אָבער אויף קאַפּיטאַליסטישע וועגן. מיט דרייסיק יאָר צוריק זיינען אין אַמעריקע ניט געווען די אַלע פאַרבעסערונגען, וואָס מיר האָבן היינט. די סאָציאַליסטן האָבן דאַן געחלומט וועגן אַן אַלגעמיינעם אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. היינט איז אַן אַכט שעהדיקער אַרבעטס־טאָג אַ געזעץ. מען רעדט און מען אַגיטירט שוין וועגן נאָך מער פאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג. היינט האָבן מיר אַ מינימום לוין געזעץ פון אַ דאָלער אַ שעה, אַרבעטסלאָזע פאַרזיכערונג, סאָציאַלע פאַרזיכערונג און נאָך אַ סך אויסבעסערונגען, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן אַמאָל געחלומט וועגן דעם. די סאָציאַליסטן האָבן דעמאָלט געזאָגט, אַז ביי אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם וועט זיין אוממעגלעך פאַר די אַרבעטער עס צו קריגן.

איבער דריי צענדליק יאָר צוריק איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט געווען דאָס וואָס עס איז היינט. עס איז ניט געווען קיין שטיק אַרבעט, ניט געווען אַ טייל מענטשן וואָס פאַרדינען אַ סך און אַנדערע ווייניק, עס איז ניט געווען קיין אונטערשיד צווישן אַ פּראָסטן סאָלדאַט און אַ העכערן מיליטערישן באַאַמטן. אַלע זיינען געווען גלייך, אַלע זיינען געווען קאַמעראַדן. דער שווערער יאָך פון פאַמיליען לעבן איז געוואָרן אַרונטערגענומען. מען האָט באַקעמפט רעליגיע, געוואָלט דעם מענטשן באַפרייען פון רעליגיעזע פליכטן. נאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלע סענטימענטן האָט מען ניט געדולדעט; אינטערנאַציאָנאַליזם איז געווען דער ציל. היינט האָט זיך דאָס אַלץ געענדערט, און האַלט זיך אין ענדערן אויף צוריק, צוריק ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ביי דער אַרבעט איז איינגע־

פירט געוואָרן שטיק־אַרבעט; דער וואָס אַרבעט אויס מער פאַרדינט מער. די וואָס פאַרנעמען העכערע, פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן פאַרדינען זייער אַ סך און לעבן אַ רייך לעבן. דער אונטערשיד פון אַן איינפאַכן אַרבעטער ביז אַ הויכן באַאַמטן איז היינט פונקט אַזוי גרויס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי פון אַן אַרבעטער און אַ קאַפּיטאַליסט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין דער אַרמיי האָט מען צוריק איינגעפירט די זעלביקע אונטערשידן און די זעלביקע טיטולן ווי אַמאָל ביים צאַר. דאָס פאַמיליען לעבן איז צוריק געוואָרן אַ יאָך פון וועלכן עס איז שווער זיך צו באַפרייען. רעליגיע ווערט ניט מער פאַרפאָלגט, מען פאַסט די רעליגיע צו צום נייעם סיסטעם. דער נאַציאָנאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד היינט ווערט טיילמאָל לעכערלעך שאָוויניסטיש. עס קומט אויס, אַז די רוסן זיינען איבערמענטשן, אַלע וויכטיקע דערפינדונגען שטאַמען פון זיי. נאָך אַ סך זאַכן האָבן זיך געענדערט אויף צוריק, צוריק צו דעם אופן ווי אַזוי מען לעבט אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער. איצט מוז מען שטייערן אויך צאָלן. מען וואָלט עס ניט באַדאַרפט, ווייל די רעגירונג האָט אַלע אינדוסטריעס אין אירע הענט, קאָן זי דאָך נעמען פאַר זיך מער פּראָפיט, ווען זי נויטיקט זיך אין געלט; צוליב וואָס געבן געלט די אַרבעטער מיט איין האַנט און צוריק נעמען מיט דער אַנדערער? פאַקטיש פילט דער אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי ער וואָלט געאַרבעט אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, נאָר דער קאַפּיטאַליסט איז די רעגירונג. דער כוח פון געלט שפּילט דאָרט פונקט אַזאַ ראָלע ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער אונטערשיד איז, וואָס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וויל מען זיך אַרויפאַרבעטן און ווערן אַ גרויסער ביזנעסמאַן, דאָרט וויל מען ווערן אַ הויכער באַאַמטער. ווי דאָ אַזוי דאָרט איז די גרעסערע סומע געלט, וואָס מען קאָן פאַרדינען, דאָס בעסערע לעבן וואָס מען קאָן האָבן, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, דער הויפּט אינסענטיוו.

קורץ, אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער גייט מען פאָראויס צו פאַר־בעסערן די לאַגע פון אַרבעטער, אים אַוועקשטעלן אויף אַ העכערער שטופע; אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז מען געגאַנגען צוריק אַראָפּצונידערן דעם אַרבעטער. ער פאַרנעמט היינט פיל ווייניקער אָנזען ווי ער האָט געהאַט באַלד נאָך דער רעוואָלוציע.

דער קאָמוניזם האָט זיך געענדערט און האַלט זיך אין ענדערן; פון אַלע הויכע ווערטער, שיינע פראַזן און אַפּעלירנדע „סלאָגאַנס“, מיט וועלכע קאָמוניזם איז געוועזן אַזוי רייך, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. די קאַ־פּיטאַליסטן זיינען געווען גערעכט, ווען זיי האָבן ניט געגלויבט אין די אַלע שיינע פראַזן, געהאַלטן עס פאַר איינרעדענישן און פאַנטאַזיעס. סוף

כל סוף, ווען עס איז געקומען צו דערווירקלעכקייט, האָט דער קאָמוניס־טישער שטאַט, וואָס האָט געוואָלט עקזיסטירן, זיך געמוזט אָפּזאָגן פון די אַלע פאַנטאַזיעס. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געבליבן דאָס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע טעאָרעטיקער האָבן פאָראויסגעזאָגט: ער וועט בלייבן אַ שטאַטס־קאַפּיטאַליזם. אַלע צרות, וואָס עקזיסטירן אין אַ קאַפּיטאַליסטישן שטאַט, ווי אָרים און רייך, גנבה און גזלה, מורא פאַר דעם בעל הבית, שטייערן און אַנדערע צאָלונגען, עקזיסטירן אויך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אין אַ פיל גרעסערער מאָס. דער קאַפּיטאַליסט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס איז די רעגירונג, האָט אָן אַ שיער מער מאַכט, ער קאָן צעטרעטן יעדן איינצלנעם אַרבעטער ווי מען צעטרעט אַ וואָרים. דאָס אָפּשאַפן אַרבעטסלאָזיקייט האָט ניט קיין ווערט, ווייל דער לוין איז זייער נידעריק. אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער האָט מער פון זיין אַרבעטסלאָזער פאַרזיכערונג ווי אַ סאָוועטישער אַרבעטער פון זיין אַרבעט. פון די גרויסע גליקן וואָס די אַרבעטער האָבן זיך איינגערעדט, זיי וועלן האָבן, ווען מען וועט אָפּשאַפן דעם פריוואַטן בעל הבית, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך.

2.

וואָלט דער קאָמוניזם ניט געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־אידייע און ניט געזוכט זיך צו פאַרשפרייטן, נאָר געבליבן איינגעקלאָמערט אין די גרענעצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט עס קיינעם ניט געאַרט. דער סיסטעם האָט אַזוי געקאָנט עקזיסטירן לאַנגע יאָרן. עס וואָלט זיך איינ־געשטעלט אַזאַ לעבן, צו וועלכן די רוסן זיינען פון לאַנג שוין צוגעוואוינט. דאָס פאָלק וואָלט געווען אומצופרידן און געשכורט, די ביוראָקראַטיע וואָלט געגנבעט און געלעבט אַ גוטן טאָג. מיט דער אַנטוויקלונג פון די איינ־דוסטריעס וואָלט נאַטירלעך דאָס לעבן פון די מאַסן אויך געוואָרן בעסער. דאָס פאָלק, זייענדיק אָפּגעשלאָסן פון אַלע אַנדערע פעלקער, האָט מען געקאָנט איינרעדן, אַז זיי לעבן אין אַ גן־עדן, ווייל אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אַ סך ערגער. דאָס אָבער וואָס דער קאָמוניזם איז אַן אינטער־נאַציאָנאַלע אידייע, דאָס וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וויל פאַרשפרייטן די אידייע איבער דער גאַנצער וועלט און האָט פאַרנומען לענדער אונטער זיין איינפלוס, דאָס מאַכט די לאַגע אינגאַנצן אַנדערש. ווען אַ מענטש האָט עפּעס פאַר זיך אַליין, קאָן ער זיך מיט דעם האַלטן ווי לאַנג ער וויל. ווען ער וויל אָבער די זעלביקע זאַך פאַרקויפן צו אַנדערע, דאַרף עס שוין האָבן אַ ווערט פאַר די אַנדערע, זיי זאָלן עס וועלן קויפן. סאָציאַליזם איז געווען אַ גוט אַרטיקל פאַר דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. מען האָט עס געקאָנט פאַרקויפן צו יעדן אָנשטענדיקן מענטש. היינט, נאָך דעם עקס־

פּערימענט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זעענדיק ווי אַזוי סאָציאַליזם אַרבעט אין דער פּראַקטיק, איז סאָציאַליזם געוואָרן אויס קראַנט אַרטיקל; מיט גוטן וויל מען עס ניט אָננעמען. פריער האָט מען זיך געקאָנט איינרעדן, אַז קאַפּיטאַליזם איז אַ שלעכטער סיסטעם, דער ערגסטער אין דער וועלט. איינמאָל איז קאַפּיטאַליזם אין אָנהויב געוועזן זייער ברוטאַל און אומ־מענטשלעך; קאַפּיטאַליזם איז געוועזן צו פריי, ניט געהאַט קיין שום צוים אַרום זיך. היינט, ווען מיר האָבן שוין די זכיה צו זען, וואָס פאַר אַ גליק סאָציאַליזם קאָן ברענגען, האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן און זען, אַז קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַ היפּש ביסעל אויסגעבעסערט די לעצטע צייט, און איז ניט אַזוי שלעכט ווי מיר האָבן געמיינט און ווי מען האָט אונז איינגערעדט. עס איז געוואָרן שווערער פאַר סאָציאַליזם און קאָמוניזם זיך צו פאַרשפּרייטן אין פרייע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

מיט איין זאַך איז מען געגאַנגען פאָראויס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. פאַר דער רעוואָלוציע, אין צאַרס צייטן, איז רוסלאַנד געווען איינע פון די צוריקגעשטאַנענסטע לענדער אין דער וועלט. היינט איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דאָס צווייטע לאַנד אין דער וועלט, אין אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, נאָך די פאַראייניקטע שטאַטן. קאָמוניזם האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ סיסטעם, וואָס קאָן אַזוי שטאַרק עקספּלואַטירן דעם אַרבעטער, וואָס קיין פרייער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם וואָלט ניט געקאָנט. ווען אין רוסלאַנד וואָלט געווען אַ פרייער קאַפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם, וואָלט זיך דאָס לאַנד ניט געקאָנט אַזוי גרויס אַנט־וויקלען אינדוסטריעל אין אַזאַ קורצער צייט, אָן דער הילף פון אויס־לענדישן קאַפּיטאַל. ווען מען וואָלט דעם רוסישן אַרבעטער ניט געקאָנט ווי געהעריק באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט, וואָלט דאָס לאַנד נאָך אַ לאַנגע צייט געבליבן אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד. קאָמוניזם, אָדער ריכטיגער סטאַליניזם, האָט באַוויזן דעם קונץ, אינדוסטריעל אויפצובויען דאָס לאַנד אויף אַזאַ ריזיקן פאַרנעם אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט, אָן געלט פון אויסלאַנד און אָן אייגן געלט.

ווי אַזוי האָט מען עס געטאָן? גאַנץ איינפאַך: מיט אומזיסטער אָדער כמעט אומזיסטער אַרבעט. אַרבעט איז געלט — אויב דער סאָוועטן־פאַר־באַנד האָט געקאָנט מאַכן צענדליקער מיליאָנען מענטשן צו אַרבעטן כמעט אומזיסט, דאַרף מען שוין ניט קיין געלט.

קאָמוניזם האָט גאָרניט וואָס צו געבן צו אַ פריי דעמאָקראַטיש, אינדוסטריעל אַנטוויקלט לאַנד. דער אַרבעטער האָט גאָרניט וואָס צו געווי־נען, ווען דער בעל הבית פון גאַנצן אייגנטום פון לאַנד וועט ווערן די רעגירונג. קאָמוניזם האָט אויך ניט וואָס צו געבן צו זייער אַן אָרים לאַנד.

ווען אַ לאַנד איז טאָטאַל אָרים, האָט ניט קיין שום נאַטירלעכע רייכטימער צו אַנטוויקלען, וועט דאָס לאַנד, מיט קאָמוניזם אָדער סאָציאַליזם, ניט רייכער ווערן. קאָמוניזם האָט אָבער יאָ וואָס צו געבן אַ לאַנד, וואָס איז אינדוסטריעל ניט אַנטוויקלט איז אָבער פאָטענציעל רייך און קאָן זיך ניט, אָדער וויל זיך ניט, באַנוצן מיט אויסלענדישן קאַפיטאַל; אין אַזאַ לאַנד קאָן דער קאָמוניזם געבן צו דער רעגירונג אַ בייטש אין האַנט, וואָס זאָל צווינגען דאָס פאָלק מיט געוואַלט צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד.

אַזאַ בייטש איז ניט אַ געוויינלעכע בייטש, ווי עס האָבן אַמאָל גענוצט די הערשער צו זייערע שקלאַפן. עס איז אַ בייטש, וואָס אַ פאָלק קאָן אַמאָל אָננעמען באהבה, ווייל מען צווינגט דאָך דאָס פאָלק צו אַנטוויקלען זיין אייגן לאַנד. עס ווערט דאָך ניט פאַרשקלאָפט ערגעץ אין דער פרעמד, נאָר אין זיין אייגענער היים, צו בויען זיין אייגן לאַנד. אויב עס איז מעגלעך פאַר אַ ייד, ער זאָל אַוועקוואַרפן האָב און גוטס, אַוועקפאָרן ווייט, זיך אַליין פאַרשקלאַפן, כדי אויפצובויען אַ לאַנד פון וועלכן ער איז שוין צוויי טויזנט יאָר אַוועק, פאַרוואָס זאָל עס ניט זיין מעגלעך פאַר אַ רוס אָדער כינעזער אַזוי צו טאָן? מעגלעך ,אַז די פאַרשקלאַפטע פעלקער פילן ניט די פאַרשקלאַפונג אין אַזאַ מאָס ווי מיר שטעלן זיך פאָר. מיר פאַרקוקן דעם נאַציאָנאַלן סענטימענט.

קאָמוניזם איז אויף אַזאַ אופן ניט קיין ציל, נאָר אַ מיטל. מען קאָן זאָגן, אַ צוואַנגס־מיטל צו אַנטוויקלען אַ לאַנד. איז דערפון געדרונגען, אַז ווען דער ציל ווערט דערגרייכט, דאָס לאַנד ווערט שוין אַנטוויקלט, דאַרף מען ניט מער דאָס מיטל — די קאָמוניסטישע ווירטשאַפט; דאַן וועט אַ פריוואַטע ווירטשאַפט אַ סך מער אויפטאָן פאַר דעם לאַנד; דאַן אָבער וויל זיך די קאָמוניסטישע רעגירונג, וואָס האָט שוין אַן איינגעפונדעוועטע ביוראָ־קראַטיע זיך אַליין ניט באַזייטיקן. דאַן הויבן זיך אָן די צרות. אמת, מאַרקס האָט געזאָגט, אַז די רעגירונג וועט זיך אַליין באַזייטיקן, ווען מען וועט זי מער ניט דאַרפן. וואָס טוט מען אָבער, ווען די רעגירונגס־מענטשן זיינען ניט אַזעלכע אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן און מיט דעם לעצטן געדאַנק פון מאַרקסן זיינען זיי ניט איינשטימיק? אַחוץ דעם ווערט עס שווער, כמעט אוממעגלעך פאַר אַ לאַנד, וואָס האָט טאָטאַל אָפגעשאַפט פריוואַט אייגנטום, צוריק עס איינצופירן. עס זעט אויס ניט יושרדיק, ווייל ווער איז דען באַרעכטיקט צו קריגן אייגנטום, וואָס איז קאָלעקטיוו אויפגעבויט געוואָרן? מען קאָן אָפשאַפן פריוואַט אייגנטום אין איין טאָג, אויפבויען פריוואַט אייגנטום דאַרף נעמען יאָרן.

ווען אַ לאַנד איז אינדוסטריעל אַנטוויקלט קאָן עס געבן אַ בעסער לעבן פאַר דער באַפעלקערונג. עס איז זיכער, אויב דער סאָוועטן־פאַרבאַנד

וואָלט ניט אויסגעגעבן אַזוי פיל אויף מיליטערישע צוועקן, וואָלטן די מאַסן געקאָנט לעבן פיל בעסער. קאָמוניזם האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ דערפּאָלג גראָד אין אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד וואָס איז פּאָטענציעל רייך און האָט אַ גרויסע באַפעלקערונג. מען דאַרף בלויז פאַרגעסן די הומאַני־טאַרע זייט, די שיינע פראַזן וועגן פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלעכ־קייט און געדענקען, אַז קאָמוניזם איז אין תוך אַ מאַטעריאַליסטיש־קאָלעק־טיוויסטישע טעאָריע.

דער עקאָנאָמישער הינטערגרונד פאַרוואָס רוסלאַנד איז, פאַרהעלט־ניסמעסיק, אַזוי לייכט איבערגעגאַנגען צו קאָמוניזם, פאַרוואָס דער סיסטעם עקזיסטירט אַזוי לאַנג און האָט זיך דאָרט אַזוי גרינטלעך איינגעפונדעוועט איז דערפאַר, ווייל רוסלאַנד איז געווען אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד, איז געווען זייער ווייניק אינדוסטריעל אַנטוויקלט, ניט געהאַט גענוג געלט און געהאַט אַ גרויסע באַפעלקערונג וואָס האָט געקאָנט זייער גוט אויסגע־נוצט ווערן דורך אַ דיקטאַטאָרישן סיסטעם, וואָס האָט דורך צוואַנג געקאָנט אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד.

עס איז פונקט פאַרקערט ווי מאַרקס האָט געזאָגט: אַז אַ לאַנד וואָס וועט זיין אינדוסטריעל אַנטוויקלט, וועט זיין גרייט פאַר קאָמוניזם און אַ לאַנד וואָס וועט ניט זיין אַנטוויקלט, וועט ניט זיין גרייט פאַר קאָמוניזם, גראָד די לענדער וואָס זיינען ניט אַנטוויקלט זיינען גרייט פאַר קאָמוניזם.

3.

היינט, ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד הערשט איבער די אַלע „סאַטעלייט" לענדער, דאַרף מען ניט מיינען, אַז אין די אַלע לענדער איז דאָ דער זעל־ביקער סיסטעם וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ווייט פון דעם. עס זיינען דאָ דאָרט קאָמוניסטישע רעגירונגען אָבער ניט קיין אַבסאָלוט קאָמוניסטישער סיסטעם. עס איז ווי עס איז געווען אין ענגלאַנד, ווען די לייבאָר־פּאַרטיי האָט געוואונען אין די וואַלן. עס איז געווען אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, אָבער ניט קיין סאָציאַליסטישער סיסטעם. דער אונטערשייד איז בלויז, וואָס אין ענגלאַנד איז דאָ אַ ריכטיקע דעמאָקראַטיע, ניט קיין „פאָלקס־דעמאָקראַטיע"; האָט מען געקאָנט ביי די קומענדיקע וואַלן אַראָפּוואַרפן די סאָציאַליסטישע רעגירונג און אין די „סאַטעלייט"־לענדער, אונטער די סאָוועטן קאָן מען די קאָמוניסטישע רעגירונגען ניט אַראָפּוואַרפן. אַזאַ ענדערונג אָבער וואָס די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אין רוסלאַנד אין 1917 איז אין די סאַטעלייט־לענדער ניט געמאַכט געוואָרן. דער סיסטעם אין די שכנישע לענדער וואָס געהערן צום אייזערנעם פאַרהאַנג איז אין תוך אַ קאַפּיטאַליסטישער. די ערד, דער וויכטיקסטער טייל אין אַ לאַנד, איבער־

הויפּט אין אַן אַגריקולטור לאַנד איז, אין גרעסטן טייל, ניט אין די הענט פון דער רעגירונג, ניט קאָלעקטיוויזירט, נאָר אין פּריוואַטע פּויערישע הענט. די קליינע פאַבריקן און געשעפטן געהערן צו פּריוואַטע אייגנטימער. בלויז די מאַינס, אייזנבאַנען און די גאָר גרויסע אינדוסטריעס געהערן צו דער רעגירונג. אַ סך פון די גרויסע אינדוסטריעס זיינען געוואָרן צעשטערט, די בעלי־בתים זיינען פאַרשוואונדן אַזוי, אַז עס איז סיי ווי ניט געווען ווער עס זאָל אָנגיין מיט זיי. אַפילו אַ קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג וואָלט זיי אויך ניט געקאָנט איבערלאָזן, אונטער די אומשטענדן, אין פּריוואַטע הענט. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען אויך דאָ אונטערנעמונגען וואָס די רעגירונג פירט אָן מיט זיי.

די „סאַטעליט"־לענדער וואָס זיינען אין זייער סיסטעם אַנדערש ווי דער סאָוועטישער, זיינען אָבער פּאָליטיש און עקאָנאָמיש צוגעבונדן צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און בילדן איין אימפּעריע. דאָס איז איצט דערווירקלע־כער צוועק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד: ניט קאָמוניזם איז היינט די אישו נאָר אימפּעריאַליזם אָדער „קאָמענוועלטיזם".

אימפּעריאַליזם מיינט ניט היינט דאָס זעלביקע וואָס אַמאָל. אויך אין דעם איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. עס מיינט ניט מען פאַרכאַפּט לענדער, מען פאַרשקלאַפט זיי און מען מאַכט זיי פאַר קאָלאָניעס, וואָס מיינט, אַז די אַלטע איינוואוינער, די „נייטיווס", האָבן גאָרניט וואָס צו זאָגן, דער פאַרכאַפּער האָט די גאַנצע דעה איבער דעם לאַנד. אימפּעריאַליזם היינט מיינט, צוזאַמענבונדן פעלקער וואָס זאָלן פירן צווישן זיך אַ געמיינשאַפט־לעכן האַנדל פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן און אויך פאַר די אינטערעסן פון דעם לאַנד וואָס צווינגט אַרויף דעם צוזאַמענבונד. נאָכדעם ווי זיי זיינען צוזאַמען אַ לענגערע צייט ווערן די לענדער אַזוי איינגעגלידערט אין דער אימפּעריע, אַז עס ווערט זיי שווער זיך אָפּצושיידן, ווייל עס וואָלט צע־שטערט זייער עקאָנאָמישן גלייכגעוויכט. ענגלאַנד האָט היינט ניט מער דעם כוח אָנצוהאַלטן מיט געוואַלט איר ענגלישע אימפּעריע, פונדעסטוועגן איז די ענגלישע אימפּעריע ניט צעפאַלן. אַפילו אינדיע האָט זיך ניט אין גאַנצן אָפּגעריסן. פּאָליטיש איז אינדיע זעלבסטשטענדיק, אָבער עקאָנאָמיש איז זי נאָך אַלץ צוגעבונדן צו ענגלאַנד, זי געהערט צום סטערלינג בלאָק.

יעדעס לאַנד וואָס איז ניט רייך גענוג זיך אַליין צו קאָנען אויסהאַלטן מיט אַלעם וואָס דאָס לאַנד באַדאַרפט, איז עקאָנאָמיש געצוואונגען אָנצו־פירן אַן אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. אויב ניט וועט עס בלייבן אָרעם און אומבאַדייטנד. ענגלאַנד אָן די אימפּעריע וואָלט געווען אָרעמער און אומ־באַדייטנדיקער פון פּוילן. ענגלאַנד, וועילס, סקאָטלאַנד און נאָרד אירלאַנד האָט אין גאַנצן 94 טויזנט און 78 סקווער מייל. פּוילן האָט געהאַט איבער

150 טויזנט סקווער מייל, מיט אַ העלפט מער פון ענגלאַנד. אַלע פעלקער פון די ענגלישע אינדזלען האָבן ניט מיט קיין צען טויזנט מענטשן מער ווי פוילן האָט געהאַט, און וואָס פאַר אַ פאַרגלייך ?! פוילן איז געווען שוואַך, אָרעם, צוריקגעשטאַנען, ניט געקאָנט אָנהאַלטן איר זעלבסטשטענדיקייט און ענגלאַנד האָט געהערשט איבער אַ דריטל פון דער וועלט. ענגלאַנד האָט ניט געהאַלטן די אַלע לענדער בלויז מיט כוח. פונקט ווי די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך געקאָנט אָפּרייסן פון ענגלאַנד האָבן זיך אַנדערע אויך געקאָנט אָפּרייסן. עס איז געווען די עקאָנאָמישע איינהייט וואָס די אימפּעריע האָט געשאַפן. עס איז געווען דער געמיינשאַפטלעכער האַנדל און אויסטויש פון פּראָדוקטן, וואָס האָט צוגעבונדן די אַלע לענדער און וואָס האַלט זיי נאָך צוזאַמען. עס איז דאָס וואָס מען רופט דער סטערלינג בלאָק. אַ לאַנד וואָס זאָל זיך אָפּרייסן פון דער איינהייט וועט צעטרייסלען איר אייגענער עקאָנאָמישער גלייכגעוויכט.

די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס קאָן זיך כמעט אַליין אויסהאַלטן און איז ניט אָפּהענגיק פון אַנדערע לענדער, איז ניט געווען געצוואונגען צו פירן אַן אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. וואָלטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויסגעפעלט אַרטיקלען וואָס זי וואָלט אַנדערש ניט געקאָנט באַקומען נאָר דורך אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, וואָלט זי אַזאַ פּאָליטיק געפירט.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד ניטיקט זיך אין די אַלע לענדער אַרום איר, ניט ווייל עס גייט איר היינט אַזוי אין לעבן איינצופירן אין די לענדער קאָמוניזם, נאָר ווייל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פעלן אויס אַרטיקלען וואָס זי קאָן קריגן אין די „סאַטעלייט"־לענדער. זי קאָן די אַלע אַרטיקלען ניט קויפן אין ענגלאַנד אָדער אַמעריקע, אויב מען וועט איר ניט וועלן פאַרקויפן און אַלעמאָל איז דאָ אַזאַ געפאַר. פאַרשטייט זיך, אַז דער מיליטערישער כוח, צו האָבן די אַלע לענדער אויף איר זייט, שפּילט אויך אַ וויכטיקע ראָלע. זי וויל אָבער אַזוי פאַרבינדן די אַלע לענדער אין איין עקאָנאָמישער איינהייט, אַז עס זאָל אויך זיין אין די אינטערעסן פון די לענדער צו זיין עקאָנאָמיש פאַרבונדן מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איצט ווערן די לענדער געצוואונגען צו זיין פאַרבונדן מיט די סאָוועטן. מיט יאָרן שפּעטער קאָנען זיי ווערן עקאָנאָמיש אַזוי איינגעגלידערט, דאָס עס וועט זיך זיי ניט לוינען אָפּצורייסן.

די אַלע לענדער וואָס פאַלן אַרונטער אונטער דעם סאָוועטישן בלאָק ווערן עקאָנאָמיש אָפּגעריסן פון די מערב־לענדער. דער האַנדל מיט זיי ווערט רעדוצירט צו אַ מינימום.

4.

פאַרוואָס האַנדלען ניט די קאָמוניסטן און די סאַטעליט־לענדער ווי זיי האָבן געהאַנדלט אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע? פאַרוואָס נעמען זיי ניט צו אַלץ וואָס איז דאָ אין פּריוואַט קאַפּיטאַליסטישע הענט? פאַרוואָס קאָלעקטיוויזירן זיי ניט די ערד און שאַפן ניט אָפּ פּריוואַט־אייגנטום אין אַלע אינדוסטריעס? דער ענטפער איז, אַז אויך די קאָמוניסטן האָבן עפּעס געלערנט. זיי טוען עס ניט, ווייל ווען זיי וואָלטן אַזוי געהאַנדלט וואָלטן זיי געהאַט מיט זיך בלויז אַ קליינע צאָל אייגענע קאָמוניסטישע פּאָליטישנס. דאָס פאָלק וואָלט געווען קעגן זיי. עס וואָלט געפירט צו בלוט־פאַרגיסונגען און אומרוען, וואָס וואָלט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. מיט דעם וואָס זיי האָבן דעם אַלטן עקאָנאָמישן סיסטעם ניט טאָטאַל גע־ענדערט נאָר געמאַכט אַזעלכע ענדערונגען וואָס זיינען געווען נויטיק, ווי דאָס צעטיילן די ערד צו די פּויערים, און נאַציאָנאַליזירן די גרויסע אינ־דוסטריעס, האָבן זיי ניט פאַרשאַרפט נאָר איינגעשטילט די באַציאונגען צווישן די סאָוועטן און דעם פאָלק, וואָס איז אַריין אין זייער ספערע. וואָס די רעגירונג האָט איבערגענומען די גרויסע אינדוסטריעס האָט קיינעם ניט צופיל אָנגעגרירט, ווייל די אייגנטימער פון די אינדוסטריעס זיינען שוין ניט געווען, אָדער זיי זיינען ניט געווען אימשטאַנד אָנצופירן אַליין מיט די אינדוסטריעס. דערפאַר איז אין די לענדער וואָס אונטער דעם אייזערנעם פאַרהאַנג אַזוי רואיק. בלויז מיט מאַכט וואָלטן די קאָמוניסטן ניט געקאָנט אַזוי איינברעכן די פעלקער. היטלער האָט עס ניט געקאָנט. ביי היטלערן איז אין די איינגענומענע לענדער ניט געווען רואיק.

די הויפּט אורזאַך, פאַרוואָס אין די „סאַטעליט״־לענדער ווערט ניט אַזוי דראַסטיש אַרויפגעצוואונגען דער זעלביקער סיסטעם, וואָס אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד איז, ווייל די קאָמוניסטן זיינען מער ניט אַזוי זיכער, אַז זייער סיסטעם איז דער בעסטער, ווי זיי זיינען עס געווען אין 1917, ווען זיי האָבן געמאַכט די רעוואָלוציע. לענין איז אין יאָר 1921 ניט געווען מער אַזוי זיכער. ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען און איינגעפירט דעם „נעפּ״. סטאַלין האָט אויך געמוזט צווייפלען. אויב נאָך אַזאַ לאַנגן וואַרטן אויף דעם קריזיס אין אַמעריקע און אויף דעם אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם איז היינט דאָס קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע עקאָנאָמיש דאָס שטאַרקסטע לאַנד אין דער וועלט, טאָ ווי אַזוי קאָן מען ניט צווייפלען. דער סוף איז, אַז שוין באַלד פערציק יאָר פון קאָמוניסטישער ווירטשאַפט קומען איצט, אין 1955, סאָוועטישע ספּעציאַליסטן זיך לערנען ביי די אַמעריקאַנער קאַפּי־טאַליסטן ווי אַזוי בעסער אָנצופירן מיט זייער ווירטשאַפט.

וואָלטן די קאָמוניסטן געהאַט די געלעגנהייט באַלד נאָך דער רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד, צו פאַרכאַפּן די אַלע לענדער וואָס זיי האָבן היינט אונטער זייער איינפלוס, וואָלטן זיי זיכער געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס זיי האָבן געטאָן אין רוסלאַנד. זיי וואָלטן פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע אייגנטום, אויסגעשאָסן אַלע קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און איינגעפירט קאָמוניזם, ווי מאַרקס און לענין האָבן געבאָטן. היינט קאָנען די קאָמוניסטן דאָס ניט טאָן, ניט ווייל זיי האָבן ניט דעם כוח, די סאָוועטן זיינען היינט אומפאַר־גלייכלעך שטאַרקער — נאָר זיי האָבן ניט דעם גייסטיקן כוח. זיי האָבן מער ניט די זיכערקייט, אַז זייער סיסטעם איז דער בעסטער. מען קאָן אָפּנאַרן די פעלקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דערציילן ווי שלעכט מען לעבט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מען קאָן פאַרמאַכן די טירן, ניט אַריינלאָזן און ניט אַרויסלאָזן, מען זאָל ניט קאָנען אויסגעפונען ווי אַזוי מען לעבט ערגעץ אַנדערשוואו. זיך אַליין קאָן מען ניט נאַרן. זיי אַליין, די פירער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג זיינען ניט אַזוי אומוויסנד, ניט צו וויסן, ווי אַזוי אַרבעטער לעבן אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איבער־הויפּט אין קאַפּיטאַליסטישן אַמעריקע. צוליב די אורזאַכן האָט מען אין די לענדער וואָס זיינען אַרונטער דעם קאָמוניסטישן איינפלוס געהאַנדלט זייער פאַרזיכטיק.

עס זיינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען אַ סך צווייפלער, וואָס האָבן געצווייפלט צי קאָמוניזם איז אַזאַ געוואַלדיק גליק. ווי אַ סך אַנדערע האָבן זיי פריער יאָ געגלויבט, אַז קאָמוניזם וועט באַפרייען די וועלט פון אַלע צרות; ווי אַ סך אַנדערע האָבן זיי דערנאָך געצווייפלט און אויפגעהערט גלויבן. די וואָס זיינען ניט געווען פאַרזיכטיק און האָבן אויסגעדריקט זייער צווייפל האָבן טייער באַצאָלט און האָבן מער ניט געקאָנט צווייפלען. זיי האָבן אין זייערע לעצטע מינוטן פאַרשטאַנען, אַז קאָמוניזם האָט ניט אָפּגעשאַפט אַלע צרות, נאָר געברענגט אַ סך צרות אויף דער וועלט. איצט איז געקומען די צייט אויף די וואָס האָבן פאַרניכטעט די צווייפלער, זיי זאָלן אַליין אָנהייבן צווייפלען.

5.

די וועלט מוז גיין פאָרווערטס. קיין זאַך קאָן ניט פאַרהאַלטן דעם פּראָגרעס פון דער וועלט. דער פאָרטשריט קאָן זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווייל צוליב אַ פאַלשער אידעע וואָס זאָגט עפּעס צו און נאַרט אָפּ. לאַנג קאָן אָבער אַ פאַלשע אידעע ניט עקזיסטירן. אַרויפצוויגען מיט מאַכט אַ פאַלשע אידעע קאָן מען נאָר, ווען עס איז דאָ אַ גרויסע גרופּע, אַ קלאַס מענטשן וואָס קאָנען האָבן נוצן פון דער פאַלשער אידעע. דאַן אָבער איז די אידעע

ניט דורכאויס פאַלש. דאָס איז די מאָס: אַן אמתע אידעע ברענגט נוצן פאַר אַלע, אַ פאַלשע אידעע ברענגט קיינעם ניט קיין נוצן. אויב אַן אידעע ברענגט נוצן צו אַ טייל מענטשן קאָן זי ניט זיין דורכאויס פאַלש.

מען רעדט וועגן אַ דיקטאַטאָר ווי וועגן אַ מענטש וואָס איז דער איינציקער הערשער און קאָן טאָן וואָס ער וויל. דאָס איז ניט ריכטיק. עס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן דער מענטש וואָס זאָל אַליין, מיט זיינע איי־גענע כוחות קאָנען באַהערשן אַ לאַנד. אַ מענטש אַליין איז שוואַך און הילפ־לאָז. מען קאָן דעם שטאַרקסטן דיקטאַטאָר אויפהענגען מיט די פיס אַרויף, ווי מען האָט עס געטאָן צו מוסאָליניען. אַ דיקטאַטאָר איז שטאַרק, ווייל ער האָט אונטער זיך אַ גרופּע וואָס איז פאַראינטערעסירט אין אים. זיי גיבן אים כוח און קאָנען אים באַשיצן. וואָס גרעסער די גרופּע אַלץ גרעסער איז זיין כוח. סיי אונטער מוסאָליניען און סיי אונטער היטלערן זיינען געשטאַנען די בורזשואַזע עלעמענטן וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר קאָ־מוניזם. מוסאָליני וואָלט ניט געקאָנט באַפאַלן עטיאָפּיע, היטלער וואָלט געבראָכן דעם קאָפּ ביי זיין ערשטן שריט צום רהיין געביט, ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט די שטיצע פון די בורזשואַזיע אין אַנדערע לענדער אויסער איטאַליע און דייטשלאַנד. סטאַלין איז טאַקע געווען דער גרעסטער דיק־טאַטאָר און האָט געהאַט מער מאַכט ווי וועלכער עס איז קעניג האָט ווען געהאַט, אָבער אַ קויל אין סטאַלינס קאָפּ וואָלט געווירקט פּונקט אַזוי גוט ווי אַ קויל אין אַ קאָפּ פון אַ געוויינטלעכן מענטש. דער כוח פון דעם דיקטאַטאָר איז אַזוי גרויס ווי גרויס עס איז דער כוח פון די וואָס שטייען מיט אים, ניט ווי דער כוח וואָס איז אין אים. ווען מוסאָליני האָט גע־מוזט אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן איז ער געווען פּונקט אַזאַ נישטיק, שוואַך מענטשל, ווי יעדער מענטש וואָס מוז אַנטלויפן פון געפאַר. שטאַרק איז ער געווען, ווען ער האָט אין רוים גערעדט צו די איטאַליענישע מאַסן און זיי זיינען געווען באַגייסטערט פאַר אים. אויב מען גיט צו, אַז סטאַלין איז געווען דער מעכטיקסטער דיקטאַטאָר גיט מען שוין ניט ווילנדיק צו, דאָס אונטער סטאַלינען איז געשטאַנען אַ מעכטיקע גרופּע וואָס האָט אים געשטיצט און געגעבן כוח. דער כוח אונטער סטאַלינען אָדער איבער אים איז געווען דער כוח פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער כוח פון דער ביוראָקראַטיע, ספּעציאַליסטן, פּראָפעסיאָנאַלן און סטאַכאַנאָוועצעס וואָס לעבן ניט שלעכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען האָט, באַוואוסטזיניק, אויפגעבויט סטאַלינען ווי אַ געטשקע כדי דאָס פאָלק וואָס איז געווען אומצופרידן זאָל גלויבן און האָבן צוטרוי.

איז דער סיסטעם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ גוטער, געזונטער, שע־פערישער כוח אָדער איז ער אַ שלעכטער, פאַרדאַרבענער, פאַרניכטנדיקער

כוח? אַמאָל האָבן די ראַדיקאַלן געמיינט אַז דאָרט איז בלויז גוטס, דער בעסטער סיסטעם וואָס די וועלט קאָן האָפן צו האָבן. היינט מיינט מען אין אַ סך קרייזן, אַז דער סיסטעם דאָרט איז דער ערגסטער וואָס קאָן זיין. עס איז ניט קיין מענטשלעכער נאָר אַ טיוולאָנישער סיסטעם.

וואָס איז דער סיסטעם דאָרט אין דער אמתן?

מען קאָן אויף דער פראַגע ענטפערן: ווי פאַר וועמען. אויב ער וואָלט געווען בלויז שלעכט, בלויז נעגאַטיוו אָן איין האָר גוטס, וואָלט דער סיסטעם ניט נאָר קיין פערציק יאָר ניט עקזיסטירט נאָר אַפילו ניט קיין פערציק וואָכן. עס וואָלט געפירט צו כאַאָס און אונטערגאַנג. וואָלט דער סיסטעם געווען בלויז גוטס ווי די קאָמוניסטן ווילן האָבן, וואָלטן אַלע אַנ־דערע לענדער שוין לאַנג געווען אָנגענומען דעם סיסטעם מיט פאַרגעניגן. ווען קאָמוניזם וואָלט נאָר געהאָט די קעגנערשאַפט פון די גאָר גרויסע אינדוסטריאַליסטן, וואָלט זייער קעגנערשאַפט ניט געהאַט קיין באַדייטונג; מען וואָלט ניט באַדאַרפט צופיל קעמפן קעגן זיי; זיי זיינען אַזוי קליין אין צאָל, דאָס זיי וואָלטן אין אַ קאַמף באַלד פאַרניכטעט געוואָרן. ווען דער סיסטעם וואָלט געווען בלויז גוטס וואָלט מען אין סאָוועט־פאַרבאַנד, וואו עס זיינען שוין לאַנג נישטאָ קיין קאַפּיטאַליסטן ניט באַדאַרפט אַזאַ שטרענגע דיקטאַטור; מען וואָלט ניט אַזוי מורא געהאַט פאַר אַ קעגנער, אַז ער קאָן אומברענגען דעם סיסטעם. די שטרענגע דיקטאַטור און די מורא פאַר יעדן פרייען וואָרט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דער בעסטער סימן, אַז ניט אַלע זיינען דאָרט באַגייסטערט פאַר דעם סיסטעם. די שטרענגע דיקטאַטור קאָן נאָר מיינען, אַז גאָר אַ גרויסע צאָל, וואָס קאָן ווערן געפערלעך, איז קעגן דעם סיסטעם. ווי עס ווייזט אויס איז דער סיסטעם דאָרט ווי דער קאַפּיטאַליסטישער, ניט פאַר אַלע גוט און ניט פאַר אַלע שלעכט. מערק־ווירדיק, די צעטיילונג איז אויך ווי ביי די קאַפּיטאַליסטן: די פירער פון די אינדוסטריעס, די רעגירונגס־מענטשן, די פּראָפעסיאָנאַלן און די בעסער־קוואַליפיצירטע אַרבעטער איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בעסער ווי דעם גע־ווינטלעכן אַרבעטער.

פאַר אַ פריי דעמאָקראַטיש אינדוסטריעל אַנטוויקלט לאַנד, וואו עס איז דאָ אַ הויכער לעבנס־סטאַנדאַרט און אַרבעטער־פאַרזיכערונג איז דער סאָ־וועטישער סיסטעם שעדלעך, עס וואָלט רעדוצירט דעם לעבנס־סטאַנדאַרט. מיט די ערלעכע קאָמוניסטן אין אַמעריקע, וואָס זען ווי אַזוי אַרבעטער לעבן דאָ און זיינען פונדעסטוועגן געוואַלדיק פאַראינטערעסירט, אַז מען מוז אונזער סיסטעם פאַרניכטן, איז עפּעס ניט אין אָרדנונג.

אַ לאַנד אָבער וואָס איז ניט אינדוסטריעל אַנטוויקלט, האָט ניט קיין אויסלענדישן קאַפּיטאַל; אַזאַ לאַנד קאָן דער קאָמוניזם ברענגען נוצן.

די שווערע אַרבעט וואָס דאָס לאַנד דאַרף האָבן קאָן עס אַנדערש ניט קריגן ווי דורך קאָמוניזם, ווייל קאָמוניזם איז אַ סיסטעם, וואָס קאָן צווינגען צו אַרבעטן אין נאָמען פון אַן אידעאַל. פאַרשטייט זיך, עס זיינען דאָ אַ סך וואָס מען דאַרף ניט צווינגען, זיי זיינען אַליין באַגייסטערט פאַר דעם אידעאַל. איז אַרבעט אונטער קאָמוניזם שקלאַפעריי אָדער ניט? איז אַ פּסיכאָלאָגישע פראַגע. פאַר די וואָס זיינען אַליין באַגייסטערט פאַר דער קאָמוניסטישער טעאָריע און זיינען אויך פאַראינטערעסירט אין דעם אויפבוי פון לאַנד איז זייער אַרבעט נישט שקלאַפעריי. פאַר די קעגנערס און די וואָס זיינען ניט פאַראינטערעסירט אינעם אויפבוי פון לאַנד איז די שווערע און געצוואונגענע אַרבעט זיכער שקלאַפעריי.

צי מיט שקלאַפן־אַרבעט, צי אָן שקלאַפן־אַרבעט, דאָס לאַנד ווערט אויפגעבויט און אינדוסטריעל אַנטוויקלט. די קומענדיקע דורות, וואָס וועלן געניסן פון דעם אינדוסטריעל־אַנטוויקלטן לאַנד, וועלן ניט טראַכטן פון די שקלאַפן, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן צו בויען דאָס לאַנד. זיי וועלן טראַכטן וועגן דעם גרויסן פירער, וואָס האָט געהאַט דעם געניאַלן קאָפּ און דעם גוטן ווילן אויפצובויען דאָס לאַנד. דער פאַקט איז, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס צווייטע אינדוסטריעל־אַנטוויקלט לאַנד אין דער וועלט. געקומען צו דער שטופע איז עס ניט מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער פּריוואַט־אייגנטום עקאָנאָמיע און ניט מיט אַ פרייע סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיע נאָר מיט אַ געצוואונגענער קאָמוניסטישער. מוז מען צוגעבן, אַז אויך אונטער אַ קאָמוניסטישן סיסטעם קאָן מען אויפבויען אַ לאַנד. פּונקט אַזוי מוזן די קאָמוניסטן איינזען, אַז דער קאַפּיטאַליזם האַלט ניט ביים אונטערגיין. עס דאַרף ווערן קלאָר, אַזביידע עקאָנאָמיעס קאָנען עקזיסטירן און לעבן צוזאַמען.

עס דאַרף אויך קלאָר ווערן, אַז ווען די ענדערונגען וועלן ווייטער אַזוי אָנהאַלטן, דער קאַפּיטאַליזם וועט העכערן דעם לעבנס־ניוואָ פון די מאַסן און די קאָמוניסטן וועלן מאַכן ענדערונגען אין דער זעלביקער ריכטונג, קאָן עס פירן צו דעם, אַז דער גרויסער אָפּגרונט, וואָס מען האָט געמיינט, עס ליגט צווישן קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם וועט ביסלעכוויין פאַרשווינדן. מיט דער פּראָדוקטיוויקייט פון די רייך־אַנטוויקלטע לענדער, וואָס וועלן פּראָדוצירן גענוג פאַר אַלע, און נאָך מער, וועט אָפּגעשאַפט ווערן אָרעמקייט און דער קאַמף פון די קלאַסן וועט ווערן איינגעשטילט.

6.

גרויסע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און נאָך גרעסערע וועלן פאָרקומען. מיט דער גרויסער אינדוסטריעלער אַנט־

וויקלונג האָט דאָס לעבן דאָרט זיך געמוזט ענדערן, געוואָרן לייכטער. די ענדערונגען קומען פאַר ביסלעכווייז, זיי אַנטוויקלען זיך לאַנגזאַם; דערפאַר מאַכן זיי ניט קיין גרויסן איינדרוק.

איין ענדערונג איז אָבער פאָרגעקומען אַזוי אומדערוואַרטעט — אומדערוואַרטעט פאַר די וואָס פאַרשטייען ניט גענוי די לאַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַז עס האָט געמוזט מאַכן אַ גרויסן רושם איבער דער וועלט. דאָס איז די נייע טאַקטיק וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אָנגענומען אויף דעם צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין מאָסקווע: אַן אַנטי־סטאַלין טאַקטיק.

די געשעעניש איז ניט אַזוי אויסטערליש ווי מען שטעלט זיך פאָר. די טאַקטיק האָט זיך געענדערט, ווייל די לאַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך געענדערט.

ווען אין לאַנד האָט מען געהונגערט, אַלץ האָט אויסגעפעלט, מען איז געגאַנגען אָן שיך און אָפּגעריסן, דאָס לעבן איז ניט געווען זיכער, מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ מלחמה און מען האָט נאָך קיין אַטאָם־באָמבע ניט געהאַט האָט מען באַדאַרפט איבערנאַטירעלעכע כוחות איבערצוצייגן די מאַסן אַז דאָס לאַנד ווערט גוט געפירט און וועט זיך אַרויסדרייען פון אַלע צרות. דעמאָלט האָט מען באַדאַרפט אויפבויען סטאַלינען, וואָס איז געווען דער וויכטיקסטער פירער אין לאַנד, צו אַזאַ מין סאָרט געטלעכן מענטש, וואָס ווייסט מער פון אַלע אַנדערע וואָס צו טאָן. די זעלביקע מענטשן, וואָס זאָגן היינט, אַז קאָלעקטיווע פירערשאַפט איז פיל בעסער ווי די פירערשאַפט פון איין מענטש און מאַכן צו נישט סטאַלינס פירערשאַפט: כרושטשעוו, בולגאַנין, מיקאַיאַן, מאָלאָטאָוו און אַנדערע, זיינען געווען די, וואָס האָבן אויפגעבויט און פאַרגעטערט סטאַלינען.

אַ היינטיקער דיקטאַטאָר מאַכט זיך ניט אַליין. עס זיינען דאָ פאַר־אינטערעסירטע וואָס דאַרפן אים האָבן און זיי בויען אים אויף. אין איטאַליע האָבן די זיץ־סטרייקס פון די אַרבעטער, וואָס האָבן געשטערט דעם אָנגאַנג פון דער אַרבעט און אַליין גאָרנישט געקאָנט טאָן, געווירקט, אַז די רעגי־רונג, די גרויס־בורזשואַזיע און דער מיטלקלאַס האָבן זיך גענויטיקט אין אַ דיקטאַטור וואָס זאָל ברענגען אָרדנונג אין לאַנד. זיי האָבן געברענגט מוסאָלינין קיין רוים און אים געמאַכט פאַר דעם דיקטאַטאָר. מוסאָליניס מאַרש נאָך רוים איז געווען מער אַ טעאַטראַלישער אַקט, ווי אַ קאַמף פאַר מאַכט.

גרויס־קאַפּיטאַל אין דייטשלאַנד און איבער דער וועלט, אויס מורא פאַר קאָמוניזם, האָט געברענגט היטלערן צו דער מאַכט. היטלער, אַן עם־הארץ, אַ קרענק, אַ לונאַטיק מיט שנאה צו יידן און צו דער גאַנצער

וועלט, וואָס האָט זיך גיכער געפּאַסט צו זיין אין אַן אַנשטאַלט מען זאָל אויף אים אַכטונג געבן, איז געוואָרן דער פירער פון קולטורעלן דייטשלאַנד. פאַרוואָס? ווייל היטלער, דער היסטעריקער, האָט זיך גראָד אַריינגעפּאַסט צו די דייטשן, וואָס זיינען נאָך דער פאַרלוירענער מלחמה אַריינגעפאַלן אין אַ היסטעריקע פון וועלכער זיי האָבן זיך ניט געקאָנט באַפרייען, און די פירער אין דייטשלאַנד האָבן געדענקט, אַז זיי וועלן קאָנען מיט אַזאַ נישטיק מענטשל, ווי היטלער, טאָן וואָס זיי וועלן נאָר וועלן.

ווען מוסאָליני האָט ניט געקאָנט מער ברענגען קיין נוצן האָט מען אים אויפגעהאָנגען מיט די פיס אַרויף. ווען היטלער וואָלט זיך ניט געוועזן גענומען דאָס לעבן וואָלט ער געהאָנגען צוזאַמען מיט די אַנדערע נאַצישע פירער. סטאַלין האָט געוואונען, דערפאַר איז ער געשטאָרבן מיט כבוד. ווען סטאַלין וואָלט פאַרלוירן די מלחמה וואָלט אים ניט געווען וואָס מקנא צו זיין.

היינט איז די לאַגע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גאָר אַן אַנדערע: מען הונגערט ניט מער. פאַר געלט קאָן מען אַלץ באַקומען צו קויפן. מען האָט ניט מורא פאַר קיין מלחמה, אַ היטלער וואָס זאָל זיך גרייטן צו באַפאַלן דאָס לאַנד איז מער נישטאָ. עס איז דאָ איין לאַנד וואָס קאָן זיך פאַרמעסטן מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז עס זייער ווייט, און אַמעריקע איז אַ לאַנד וואָס וויל ניט קיין קריג. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַטאָם־ און הידרידזשען־באָמבעס און איז שוין אַזוי הויך אינדוסטריעל אַנטוויקלט, אַז די סאָוועטישע רעגירונג איז גרייט צו העלפן אַנדערע לענדער. זיי זיינען גרייט צו העלפן עגיפּטן און די אַנדערע אַראַבישע לענדער, זיי האָבן אויך צוגעזאָגט הילף צו אינדיע. ניט אומזיסט ווילן זיי העלפן, זיי זיינען אויסן צו קריגן אין די לענדער פּאָליטישן איינפלוס, זיי ווילן די אַלע לענדער אַריינציען אין זייער „בלאָק".

עס איז איצט ניטאָ קיין אורזאַך דאָס דער סאָוועטישער בירגער זאָל זיין אומצופרידן מיט דער רעגירונג, מען זאָל אים דאַרפן איינרעדן דאָס די פירער זיינען געטלעכע מענטשן, און כאָטש עס איז שלעכט, ווייסן זיי וואָס זיי טאָן. אויף ווי ווייט די וועלט ווייסט, זיינען די רוסישע פירער און דיפּלאָמאַטן ניט אָפּגענאַרט געוואָרן, גיכער קאָן מען זאָגן, אַז זיי האָבן אַנדערע אָפּגענאַרט.

אמת, דעם רוסישן אַרבעטער לעבט זיך ניט אַזוי גוט, ווי עס לעבן די אַרבעטער אין די אַנטוויקלטע, קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ער ווייסט אָבער ניט וועגן דעם. ער גלויבט, ווי מען האָט אים איינגערעדט, אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער לעבן די אַרבעטער ערגער און, אַז דער קאַ־פּיטאַליסטישער סיסטעם גייט באַרג־אַראָפּ און מוז פאַלן און צוזאַמענברעכן.

די סאָוועטישע עקאָנאָמיע, פאַרזיכערט מען אים, איז אַ סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיע וואָס וועט זיך אַנטוויקלען און שטייגן.

עס איז ניט שווער צו מאַכן גלויבן די רוסישע אַרבעטער אין אַזאַ זאַך. אויב עס איז מעגלעך איינצורײדן אַן אַרבעטער אין אַמעריקע, וואָס האָט אַפילו אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, אַן אייגן הויז און לעבט אַ לעבן פון לוקסוס, אַז דער סיסטעם טויג נישט און מען מוז ניט אַנדערש ווי אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם און איינפירן אַ קאָמוניסטישן, פאַרוואָס זאָל מען ניט קאָנען די רוסישע אַרבעטער איינרײדן, אַז זייער סיסטעם איז דער בעסטער. קיין קולאַקעס זיינען מער נישטאָ, קיין קאַפּי־טאַליסטן זיינען ניטאָ, די אַמאָליקע קעגנער זיינען אויסגעשטאָרבן אָדער אומגעבראַכט. עס זיינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מער ניטאָ קיין עלעמענטן פאַר וועלכע די רעגירונג זאָל דאַרפן מורא האָבן, איז שוין דערפאַר ניט נויטיק צו האָבן אַ געטלעכן פירער. מען דאַרף ניט מער קיין איינצלנעם פירער; דאָס לאַנד קאָן געפירט ווערן פון אַ קאָלעקטיוו. ווען סטאַלין וואָלט געלעבט, וואָלט עס געווען שווער צו מאַכן אַזאַ ענדערונג, דער איינגע־פונדעוועטער דיקטאַטאָר האָט געהאַט אַ סך מאַכט און מען האָט פאַר אים מורא געהאַט. מיט סטאַלינס טויט איז געוואָרן לייכטער צו מאַכן די נויטיקע ענדערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מאַרקס איז געווען גערעכט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט, אַז די פּאָליטישע לאַגע דאַרף זיך צופּאַסן צו דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון אַ לאַנד. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דער עקאָנאָמישער צושטאַנד איצט אַזעל־כער, דאָס עס איז ניט נויטיק צו האָבן אַן אַלהעכסטן פירער, וואָס זאָל אָנ־פירן מיט דער פּאָליטיק אין לאַנד.

די נייע טאַקטיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קעגן אַ פאַרגעטערטן דיקטאַ־טאָר און פאַר קאָלעקטיווער צוזאַמענאַרבעט, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פעברואַר 1956 איז געקומען אין צייט און פּאַסט זיך צו צו דער נייער לאַגע. דאָס לאַנד דאַרף ניט מער קיין שטרענגע דיקטאַטור, מען דאַרף ניט מער צווינגען מענטשן צו אַרבעטן כמעט אומזיסט. דער אַרבעטער קריגט ניט באַצאָלט אַ סך פאַר זיין אַרבעט אָבער מער וויפיל ער האָט באַקומען. זיין סטאַנדאַרט איז געוואָרן אַ ביסל העכער.

די לעצטע ענדערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — פון אַ לאַנד וואָס האָט געהונגערט און געבעטן הילף ביז אַ לאַנד וואָס איז רייך גענוג צו קאָנען העלפן אַנדערע לענדער — וועט פירן צו נאָך גרעסערע ענדערונגען אין דעם סיסטעם פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי קאָנען דערפירן צו אַ דער־לויבעניש פון פּריוואַט־אייגנטום אין די קלענערע אינדוסטריעס.

דאָס קאָן מיינען אַ שריט צוריק צו קאַפּיטאַליזם, אָבער אין דער אמתן וועט עס זיין אַ שריט פאָרווערטס.

7.

די סטאַלין פּעריאָדע האָט עקזיסטירט פון 1924, ווען לענין איז געשטאָרבן ביז 1945 ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד צוזאַמען מיט ענגלאַנד און אַמעריקע זיינען אַרויס די זיגער — איבער צוויי צענדליק יאָר. קיינמאָל אין דער געשיכטע האָט אַ לאַנד אין אַזאַ קורצע צייט, דערגרייכט אַזוי פיל ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אונטער סטאַלינען.

נאָך דער מלחמה, ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מער ניט מורא געהאַט, ניט פאַר דייטשלאַנד און ניט פאַר יאַפּאַן, און זיכער ניט פאַר די אַנדערע פעלקער אין איראָפּע; ווען אין לאַנד זיינען מער ניט געווען קיין קעגנער וואָס זאָלן קאָנען ברענגען שאָדן, האָט על־פּי־שכל די דיקטאַטור באַדאַרפט פאַרלייכטערט ווערן. מען האָט געקאָנט דערלויבן מענטשן פרייער אויסדרוקן זייערע מיינונגען. בכלל געבן דער באַפעלקערונג גענוג פרייהייט און זען זיי וועלן טאָן מיט איר. אויב נאָכדעם ווי עס איז אַוועק באַלד פערציק יאָר, אַז עס עקזיסטירט אַ קאָמוניסטישער סיסטעם וואָלט די באַפעלקערונג נאָך אַלץ געהאַט אַ נייגונג צו וועלן פּטור ווערן פון דעם סיסטעם, וואָלטן זיך די קאָמוניסטן באַדאַרפט פאַרטראַכטן וועגן דעם. פערציק יאָר דאַרף זיין גענוג צייט צו וועלן באַווייזן ווי גוט אַ סיסטעם אַרבעט. אויב די פערציק יאָר האָבן עס ניט באַוויזן און די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז נאָך אַלץ קעגן דעם סיסטעם, איז עס די העכסטע צייט אַ טראַכט צו טאָן, אפשר איז דער סיסטעם גאָרניט אַזוי גוט, ווי די קאָמוניסטן האָבן געדענקט ער וועט זיין.

כאָטש דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט נאָך ניט געהאַט קיין אַטאָמישע באָמבעס און די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן עס יאָ געהאַט, איז אָבער ווי לאַנג פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען הערי ס. טרומאַן ניט רפאל אַבראַמאָוויטש האָבן זיי ניט באַדאַרפט מורא צו האָבן, אַז מען וועט אויף זיי וואַרפן אַטאָמישע באָמבעס. טרומאַן איז קיינמאָל קיין סאָציאַליסט ניט געווען, איז אים ניט איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף וואַרפן אַטאָמישע באָמבעס און פאַרניכטן אַ לאַנד מיט אירע מענטשן דערפאַר, וואָס זיי האָבן איינגעפירט אַן אַנדערן סיסטעם, ווען אַפילו זיי זאָגן, אַז זיי ווילן אַזאַ סיסטעם אויף דער גאַנצער וועלט. טרומאַן ווי אַ מענטש וואָס איז ניט באַהאַוונט אין דיאַלעקטיק האָט געהאַט אַ מער פּשוטע עצה. ער האָט

געזאָגט: מען דאַרף אונזער קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אַזוי אויסבעסערן, אַז מען זאָל אים ניט װעלן ענדערן.

שפּעטער, װען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט שוין אויך געהאַט אַן אַטאָמישע באָמבע און עס איז געוואָרן קלאָר, אַז קיין פאָלק װעט ניט זיין משוגע אָנצוהויבן אַ מלחמה מיט אַטאָמישע באָמבעס, װען דער אַנדערער צד האָט אויך די זעלביקע וואָפן, האָט באַדאַרפט ווערן זיכער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז זיי האָבן ניט מער פאַר וועמען מורא צו האָבן און עס איז ניט נויטיק זיך אַזוי פיל אָנצושטרענגען און אַזוי פיל אַרבעט אַוועקגעבן פאַר מלחמה צוועקן צו ווערן נאָך שטאַרקער און נאָך שטאַרקער. אויב מען איז גענוג שטאַרק צו פאַרניכטן דעם שונא דאַרף מען ניט ווערן נאָך שטאַרקער.

עס איז געקומען די צייט פאַר אַ גרויסע ענדערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד: פאַרלייכטערן די דיקטאַטור אָדער זי אינגאַנצן אָפּשאַפן. אָפּשאַפן דעם קאָנטראָל איבער דער עקאָנאָמיע. אויב עס איז נאָך אַלץ דאָ ביים פאָלק אַ נייגונג צו פּריוואַט־אייגנטום — לאָזן עס צום גורל פון די צוויי עקאָנאָמיעס. אויב נאָך פערציק יאָר קאָמוניזם איז נאָך אַלץ דאָ אַ מעג־לעכקייט, אַז די פּריוואַט־אייגנטום עקאָנאָמיע זאָל אַרויסשטויסן די קאָ־מוניסטישע עקאָנאָמיע, איז דאָס דער בעסטער סימן, אַז קאָמוניזם איז אַ דורכפאַל און קאָן ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון פּריוואַט־אייגנטום.

סטאַלין האָט די ענדערונגען ניט געקאָנט מאַכן. ער איז שוין געווען אַלט און קראַנק. ער האָט געהאַט אַ קראַנק האַרץ און די דאָקטוירים האָבן אים געוואָרנט, ער זאָל זיך ניט אָנשטרענגען. אַ חוץ דעם איז עס ניט די טבע פון אַ דיקטאַטאָר ער זאָל אַליין, פרייוויליק, אַוועקגעבן די מאַכט פון זיינע הענט. אויב סטאַלין אַליין וואָלט עס ניט געטאָן האָט די ענדערונג ניט געקאָנט געמאַכט ווערן. די אַנדערע סאָוועטישע פירער האָבן עס ניט געקאָנט טאָן, ווען סטאַלין וואָלט ניט איינגעשטימט צו דעם. די באַפעלקערונג איינגעוואוינט צו דער דיקטאַטור האָט ניט דערוואַרט קיין ענדערונג. דאָס לאַנד אָבער אונטער די נייע באַדינגונגען מיט אַ הויכער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, מיט אַ פּראָדוקציע וואָס האָט שוין געהאַט אַ מעגלעכקייט צו העלפן אַנדערע, נאָך ניט־אַנטוויקלטע לענדער, איז שוין געווען גרייט פאַר אַן ענדערונג אין יאָר 1945 ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט.

די גרויסע ענדערונג איז נאָך ניט געקומען אין יאָר 1956 אָבער אָנדייטונגען פאַר אַן ענדערונג זיינען דאָ. די ערשטע אָנדייטונג איז געווען, וואָס מען האָט אַראָפּגעזעצט מאַלענקאָוון, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרנומען סטאַלינס פּלאַץ און אים ניט דערהרגעט. דאָס האָט באַוויזן, אַז דער קאַמף

פאַר קאָנטראָל און פירערשאַפט איז ניט מער אַזוי טויטלעך־שאַרף. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַרן די העכסטע באַאַמטע פון לאַנד אַרום איבער אַזיע און אייראָפּע, צו פאַרבינדן פריינטשאַפט מיט די פעלקער. זיי ווערן אומעטום אויפגענומען מיט דער גרעסטער באַ־גייסטערונג. דאָס באַווייזט, אַז די פעלקער זיינען מער באַגייסטערט צו לעבן אין פריינטשאַפט מיט די סאָוועטן איידער אין אַ קאַלטער מלחמה.

די גרעסטע אַנדייטונג פאַר אַן ענדערונג איז דאָס וואָס די זעלביקע מענטשן וואָס האָבן סטאַלינען פאַרגעטערט און אים געמאַכט פאַר אַ הייליקן, וואָס האָבן געהאָלפן סטאַלינען אין אַלע זיינע מעשים קומען איצט דריי יאָר נאָך זיין טויט און טרעטן אַרויס קעגן אים.

דאָס איז די סאַמע אומדערוואַרטעסטע, אומלאָגישסטע און אומגע־רעכטסטע האַנדלונג. עס איז די סאַמע אומדערוואַרטעסטע האַנדלונג, ווייל עס איז עטוואָס וואָס האָט קיינעם קיינמאָל ניט געקאָנט איינפאַלן. עס איז אַ סך מענטשן איינגעפאַלן, אַז סטאַלין וועט אויסהרגענען זיינע קעגנערס, אַ טייל איז אַפילו איינגעפאַלן, אַז ער קאָן מאַכן אַ פאַקט מיט היטלערן; אָבער אַז די אייגענע מענטשן וואָס האָבן סטאַלינען געמאַכט פאַר אַ גאָט זאָלן אים דערנאָך מאַכן פאַר אַ מערדער און אַנטיסעמיט — דאָס האָט קיינעם ניט געקאָנט איינפאַלן.

עס איז די אומלאָגישסטע האַנדלונג, ווייל זי האָט היפּשלעך צעטרייסלט דעם קאָמוניסטישן בנין, זי האָט צעשטערט דעם צוטרוי אין אַ קאָמוניס־טישן פירער. אויב סטאַלין האָט געקאָנט זיין דאָס וואָס די קאָמוניסטן אַליין זאָגן אַז ער איז געווען, טאָ ווי קאָן מען האָבן צוטרוי צו אַ כרוש־טשעוו, אַ בולגאַנין, אַ מאַלענקאָוו. ווייל מיט אַלע זיינע חסרונות און פאַר־ברעכנס קוקן די היינטיקע פירער אויס ווי ליליפּוטן קעגן סטאַלינען.

עס איז די אומגערעכטסטע האַנדלונג, ווייל עס איז ניט אמת, אַז סטאַלין איז געווען מער שולדיק ווי די קאָמוניסטישע פירער וואָס באַשול־דיקן אים; זיי זיינען נאָך מער שולדיק, ווייל אַחוץ דעם וואָס זיי זיינען באַגאַנגען די זעלביקע פאַרברעכנס, זיינען זיי נאָך פייגלינגע אויך.

מען דאַרף זיך היטן ניט אַריינצופאַלן אין דער נעץ וואָס די קאָמו־ניסטן האָבן צוגעגרייט, צו מאַכן פון די פאַרברעכנס וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ פּערזענלעכע אישו — סטאַלין איז שולדיק. נאָכדעם ווי זיי האָבן געזען, וואָס פאַר אַ חורבן די סטאַלין באַשולדיקונג האָט געמאַכט איז בעריאַ געוואָרן דער קרבן. ניין, ניט סטאַלין איז שולדיק און ניט בעריאַ איז שולדיק. שולדיק איז דער סיסטעם!

אויב דער סיסטעם בלייבט ווי געווען, אַז דאָס פאָלק האָט ניט קיין

דעה איבער זייערע פירער, וועלן די זעלביקע פאַרברעכנס ווידער באַ־גאַנגען ווערן.

נאָר ווען די פירער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווילן מאַכן באַדייטנדיקע ענדערונגען, וואָס זיינען זייער נויטיק, קאָן די סטאַלין־איבערקערעניש האָבן אַ זין. נויטיק איז עס דערפאַר, ווייל אַלץ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אַזוי געענדערט פון דער צייט, וואָס סטאַלין האָט געלעבט, אַז דער גאַנצער סיסטעם מוז זיך אויך ענדערן.

עס קאָן קלינגען מאָדנע, אָבער דער טויטער סטאַלין איז דריי יאָר נאָך זיין טויט אַ סך לעבעדיקער און שטאַרקער פון אַלע לעבנגעבליבענע פירער. מען האָט דעם סטאַלין־קולט אויפגעבויט צו אַזאַ ריזן כוח דאָס עס איז געוואָרן אַ געפאַר, אַז אַלץ וואָס סטאַלין האָט געזאָגט אָדער געשריבן וועט ווערן ווי דאָגמעס פון וועלכע עס וועט זיין שווער זיך צו באַפרייען. די סאָוועטישע פעלקער, מזרחדיקע, מיט זייערע רעליגיעזע נייגונגען האָבן געקאָנט מאַכן פון סטאַלינען אַ צווייטן יעזוס אָדער אַ בודאַ. דאָס וואָלט זיך געלייגט שווער אויף די פירער צו קאָנען מאַכן ענדערונגען ווען נויטיק. דריי יאָר נאָך סטאַלינס טויט און דער סטאַלין־קולט איז ניט געוואָרן שוואַכער נאָר שטאַרקער, איז געוואַקסן. צו וואַרטן נאָך לענגער האָט גע־מיינט, דערפירן צו אַ געפאַר צו דאַרפן קעמפן קעגן אַ רעליגיע. די קאָ־מוניסטן ווייסן שוין, פון דערפאַרונג, ווי שווער עס איז צו קעמפן קעגן אַ רעליגיע. שוין באַלד פערציק יאָר ווי זיי קעמפן קעגן רעליגיע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיי האָבן רעליגיע ניט געקאָנט אָפּשאַפן.

אין דער איצטיקער דערפינדערישער אַטאָמישער צייט פון טעכניש־שנעלער אַנטוויקלונג און ענדערונג קאָן אַ קורצע צייט נאָך סטאַלינס טויט זיין תורה ווערן אַלט און אָפּגעלעבט און זיינע מיינונגען אַבסאָליט. דער פאַקט איז, אַז זיי זיינען שוין היינט אַלט און אָפּגעלעבט, מען טאָר היינט מער ניט אָנווענדן די סטאַלין־מעטאָדן ווייל זיי קאָנען רואינירן דאָס לאַנד.

דאָס קאָן זיין זיינען די אורזאַכן וואָס האָבן געפירט די איצטיקע פירער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַרויסצוגיין אין אַ קאַמף קעגן דעם סטאַלין־קולט. לויט דער אינטענסיווקייט און שטאַרקייט ווי אַזוי עס ווערט אָנ־געפירט דער קאַמף קעגן דעם טויטן סטאַלין קאָן מען פאַרשטיין ווי שטאַרק איינגעפונדעוועט דער סטאַלין־קולט איז שוין געווען.

דאָס וואָס כרושטשעוו איז דער הויפּט־קעמפער קעגן דעם סטאַלין־קולט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווייל כרושטשעוו זעט אויס צו זיין דער, וואָס וועט פאַרנעמען סטאַלינס פלאַץ, און עס איז שווער פאַר אַ געוויינט־לעכן בשר־ודם צו פאַרנעמען דאָס פלאַץ פון אַ האַלבן גאָט.

ענדערונגען מוזן געמאַכט ווערן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דער צושטאַנד אין לאַנד פאָדערט עס. וויפיל צייט עס וועט נעמען ביז ראַדיקאַלע ענדערונגען וועלן געמאַכט ווערן קאָן מען ניט וויסן.

אויב קיין ענדערונגען זאָלן ניט געמאַכט ווערן, נאָר אַלץ זאָל אַנגיין ווי געווען, איז דער קאַמף קעגן דעם טויטן סטאַלין אַן אומזין.

איינע פון די גרעסטע ענדערונגען וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַפּריל 1956 איז דאָס אָפּשאַפן פון קאָמינפאָרם. דאָס וועט פירן צו ווייט־גייענדיקע רעזולטאַטן.

דער גורל פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

1.

וואָס איז געשען מיט די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? און ווער איז שולדיק?

צו זאָגן אַז סטאַלין איז געווען אַן אַנטיסעמיט און ער איז שולדיק אין אַלעם, איז אַריינצושפּילן אין די הענט פון די קאָמוניסטן. זיי ווילן מען זאָל אַזוי זאָגן און אַזוי טראַכטן, ווייל אויב סטאַלין איז געווען אַן אַנטיסעמיט און איז אין אַלעם שולדיק איז דאָך סטאַלין שוין טויט און די קאָמוניסטן גיבן אַליין צו, אַז סטאַלין איז שולדיק. וואָס נאָך קאָן מען פון זיי פאַרלאַנגען.

די קאָמוניסטן זיינען רעאַליסטן. פאַר זיי איז דער טויטער סטאַלין ניט אַזוי וויכטיק ווי עס איז וויכטיק אָנצוהאַלטן דעם סיסטעם. אויב מען קאָן די גאַנצע שנאה און קעגנערשאַפט וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי דער וועלט קעגן די קאָמוניסטן אַרויפוואַרפן אויף דעם טויטן סטאַלין און דערמיט ריינוואַשן דעם סיסטעם וועלן זיי האָבן אויפגעטאָן זייער אַ סך.

דאָס ווייזט אויס איז זייער ציל.

זיי ווילן באַווייזן, אַז זייער סיסטעם איז אַ בעסערער, ווייל זיי זיינען זיך מודה אויף פעלערן וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, וואָס מען קאָן ניט דערוואַרטן, זאָגן זיי, פון קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען.

איינשטימען צו די קאָמוניסטן און אַרויפלייגן די שולד אויף סטאַלינען איז — אַריינפאַלן אין זייער נעץ.

דער טעות פון די קאָמוניסטן איז געווען, וואָס די נעץ וואָס זיי האָבן אויסגעשפּרייט פאַר אַנדערע האָט אויך זיי אַריינגעכאַפּט, ווייל, ווי פריער געזאָגט, פאַר דער וועלט שטייט צוגענאָגלט אַ סיסטעם וואָס האָט מעגלעך געמאַכט, אַז דרייסיק יאָר זאָל דער אָנפירער פון דעם סיסטעם האָבן געווען אַ מערדער, וואָס האָט געהרגעט אומשולדיקע מענטשן און אַן אַנטיסעמיט. וואָס פאַר אַ גרעסערע אָנקלאָגע קעגן אַ סיסטעם איז נויטיק? דערזעענדיק די געפאַר, האָבן זיך די קאָמוניסטן שנעל אַרויפגעכאַפּט אויף בעריאַן, אַז בעריאַ איז שולדיק אין אַלע צרות. דעם נאָמען סטאַלין האָט מען אָנגעהויבן אויסמיידן אַזוי ווייט ווי מעגלעך.

ניט סטאַלין איז שולדיק און ניט בעריאַ. שולדיק איז דער סיסטעם, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט מען זאָל הרגענען אומשולדיקע מענטשן און האַנדלען ווי אַנטיסעמיטן. דאָס האָט זיך ניט אָנגעהויבן מיט סטאַלינען, עס שטאַמט נאָך פון מאַרקסן. אויך מאַרקס האָט געשריבן קעגן יידן, וואָס אַ סך דרינגען דערפון, אַז ער איז געווען אַן אַנטיסעמיט, כאָטש דאָס איז ניט אמת און עס איז אַ משוגעת אַזוי צו טראַכטן. מאַרקס איז געווען אַ ייד, וואָס דער טאַטע האָט אים געשמדט, ער איז געווען אַ סאָציאַליסט און אינטערנאַציאָנאַליסט, אַ מענטש פאַר וועלכן עס איז געווען אוממעגלעך צו האָבן געווען אַן אַנטיסעמיט. די האַרבע ווערטער וואָס מאַרקס האָט געזאָגט וועגן יידן איז געווען דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ סאָציאַליסט. יידן זיינען ביי אים געווען קאַפּיטאַליסטן און פאַרשפּרייטער פון קאַפּיטאַ־ליזם — אין זיין צייט האָט עס זייער פיל געקלונגען מיט די יידישע באַנ־קירן — קיין יידישער פּראָלעטאַריאַט איז דעמאָלט ניט געווען, כאָטש עס זיינען געווען גענוג אָרעמע יידן. מאַרקס, דער סאָציאַליסט וואָס איז געווען קעגן קאַפּיטאַליסטן איז צוליב סאָציאַליסטישע מאָטיוון געווען קעגן יידן. דער סאָציאַליסטישער מיקראָב וואָס פירט אַמאָל צו זיין קעגן יידן, קאָן זיין ציט זיך פון מאַרקסן.

דאָס באַווייזט בלויז, אַז סאָציאַליזם ווי קאָמוניזם קאָן אומדירעקט פירן צו אַנטיסעמיטישע האַנדלונגען.

אַפילו אַזאַ לינק געשטימטער ווי ב. צ. גאָלדבערג שרייבט אין „טאָג" דעם 23סטן אַפּריל, 1956 „פענסטער זעט דעם גאַנצן אומגליק אין „סטאַלין קולט, בעריאַ געשפּענסט". איך בין נישט גרייט צו כאַפּן דעם טויטן סטאַלין און אים מאַכן פאַרן כפּרה־האָן; אָפּגערעדט פון בעריאַן. עס זיינען געווען „בעריאַס" פאַר בעריאַן. „איין מענטש מאַכט נישט קיין סטאַלין־סיסטעם און קיין סטאַלין־קולט — אַפילו נישט ווען ער איז סטאַלין. די איצטיקע טענדענץ צו מאַכן סטאַלינען אַליין שולדיק אין אַלץ איז געקנאָטן פון זעלבן טייג, וואָס האָט אים פריער געמאַכט פאַרן גאָט".

אין די ערשטע צייטן איז סאָציאַליזם בכלל געווען קעגן נאַציאָנאַליזם. זיי האָבן געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט אָפּצושאַפן נאַציאָנען, אָפּשאַפן באַזונדערע לענדער און באַזונדערע קולטורן. שפּעטער ווען די סאָציאַליסטן האָבן איינגעזען, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכקייט, האָבן זיי איינגעוויליקט צו דער עקזיסטענץ פון נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס מיט אַ תנאי, נאָר ווען עס שטערט ניט דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג. אויב נאַציאָנאַליזם איז אַ שטערונג צו סאָציאַליזם זיינען אַלע סאָציאַליסטן מודה, אַז אין אַזאַ פאַל איז נאַציאָנאַליזם אַ שטערונג צו פּראָגרעס און דאַרף פאַרניכטעט ווערן.

אַ סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישער שטאַט האָט ניט נאָר אַ דעה איבער

דעם אינדיווידואום נאָר אויך איבער פעלקער. די רעגירונג פון אַזאַ שטאַט פירט ניט נאָר אָן מיט דעם לעבן פון יעדן מענטש נאָר אויך מיט דעם לעבן פון יעדן פאָלק. די רעגירונג קאָן אַפילו באַשטימען וואָס עס מיינט אַ פאָלק, און וועלכעס פאָלק איז אין זייערע אויגן ניט קיין פאָלק און האָט ניט קיין רעכט אָנצופירן אַ באַזונדער נאַציאָנאַל לעבן.

אונטער אַ קאָמוניסטישן סיסטעם איז אַ פאָלק, וואָס געהערט צו די מינאָריטעטן, הילפלאָז פּונקט ווי יעדער אינדיווידואום איז הילפלאָז; ווייל יעדע זאַך וואָס אַ פאָלק וויל טאָן מוז עס אָנקומען צו דער רעגירונג. אַליין אַרויסגעבן ביכער, זיך בויען אַ שול אָדער אַ טעאַטער קאָן מען ניט. אַלץ מוז געטאָן ווערן דורך דער רעגירונג.

אויב עס איז אין די אינטערעסן פון קאָמוניזם צו זיין קעגן אַנטי־סעמיטיזם וועלן זיי זיין קעגן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מען די ערשטע יאָרן פאַרשיקט אַנטיסעמיטן קיין סיביר; פאַר רופן אַ ייד מיט דעם נאָמען „זשיד" איז מען געגאַנגען אין טורמע; אַנטיסעמיטיזם איז געווען און איז אַ פאַרברעכן. אין 1948 האָט די זעלביקע רעגירונג וואָס האָט געשאַפן געזעצן קעגן אַנטיסעמיטיזם דערשאָסן יידישע שרייבער, פאַרמאַכט יידישע שולן און טעאַטערס, אָפּגעשאַפט יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, עטוואָס וואָס די ערגסטע אַנטיסעמיטישע הערשער, אַחוץ היטלערן, האָבן ניט געוואָגט צו טאָן.

וואָס איז געשען? איז סטאַלין און אַלע קאָמוניסטן פּלוצים געוואָרן אַנטיסעמיטן?

לעכערלעך. מען האָט דאָרט די געזעצן ניט געענדערט. נאָך היינט קאָן מען לויטן סאָוועטישן געזעץ פאַרשיקן אַן אַנטיסעמיט קיין סיביר. נאָך היינט גייט אַרויס אַ יידישע צייטונג, עטלעכע טעג אַ וואָך, אין ביראָ־בידזשאַן און נאָך היינט איז אַ ייד, לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, איינער פון די העכסטע באַאַמטע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

געשען איז דאָס, וואָס דער יידישער פאַרשאַרפטער נאַציאָנאַליזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָך דער באַשאַפונג פון ישראל, האָט זיך ניט אַריינגע־פּאַסט אין דער רעגירונגס פּראָגראַם.

די קאָמוניסטן האָבן באַשטימט, ווי ערנבערג האָט עס אין יענער צייט דערקלערט, אין נאָמען פון דער רעגירונג: אַז נאָר אַזאַ פאָלק וואָס איז צוזאַמען אויף איין טעריטאָריע איז אַ פאָלק. אַ פאָלק וואָס איז צע־שפּרייט אויף פאַרשיידענע טעריטאָריעס קאָן ניט עקזיסטירן און מוז זיך סוף־כל־סוף אַסימילירן. דאָס איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכער גאַנג אין דער געשיכטע און די עקשנים וואָס ווילן דווקא אָנהאַלטן אַן איי־

גענע שפּראַך און אייגענע שולן אין די צעשפּרייטע טעריטאָריעס זיינען רעאַקציאָנערן און מען קאָן זיי באַהאַנדלען ווי אַזעלכע.

מיט דעם געדאַנק איז אויך פאַרבונדן די אידעע פון ביראָ־בידזשאַן. יידן ווילן עקזיסטירן ווי אַ פאָלק — „גוט — האָבן געזאָגט די פירער — מיר גיבן אייך ביראָ־בידזשאַן, אַנטוויקלט די טעריטאָריע און לעבט צוזאַמען ווי אַ פאָלק".

די יידן האָבן ניט געהאַט קיין חשק זיך צו באַזעצן אין דעם וויטן,ווילדן סיביר. עס איז ניט געווען קיין גרויסער כוח אין דעם סאָרט יידיש־נאַציאָנאַל לעבן, וואָס יידן האָבן געקאָנט פירן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים, וואָס זאָל זיי ברענגען קיין ביראָ־בידזשאַן, וואו דאָס לעבן האָט אין אַנהויב געמוזט זיין זייער שווער. עס קאָן זיין, אַז יידן האָבן אויך ניט געהאַט קיין צוטרוי צו דעם ביראָ־בידזשאַן פּראָיעקט, פאַר וועלכן זיי האָבן באַדאַרפט אַ סך אָפּפערן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי צו דעם קאָמוניסטישן רעזשים וואָס קאָן צו יעדער צייט ענדערן איר פּראָגראַם, לויט ווי זי געפונט פאַר נויטיק.

די רעגירער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז עס ניט געפעלן. זיי האָבן געדענקט זיי טאָן די יידן אַ גרויסע טובה, צום סוף זיינען גאָר יידן מוחל די טובה. דער באַשלוס אָבער, אַז אַ פאָלק איז נאָר דאָס פאָלק וואָס איז אויף אייגענער טעריטאָריע, דער באַשלוס איז געבליבן; פאַר אַ פאָלק אָנערקענען זיי נאָר די יידן אין ישראל, אָבער ניט די אַלע יידן וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דער וועלט און אויך ניט די יידן וואָס זיינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די ספּעציפיש־יידישע אייגנאַרטיקייט פון אַ פאָלק, וואָס לעבט שוין צוויי טויזנט יאָר אָן אַ לאַנד, מיט זייער לאַנגער געשיכטע פון פאַרפאָלגונגען וואָס האָט זיי צעמענטירט און אימונירט פאַר די כוחות וואָס קאָנען פאַרניכטן אַנדערע פעלקער, און וואָס קאָנען יאָ לעבן אַלס אַ פאָלק צעשפּרייט איבער דער וועלט, דאָס האָט זיי ניט אינטערעסירט.

עס קאָן זיין אונזער אַמעריקאַנער רעגירונג האַלט אויך, אַז די פעלקער דאַרפן זיך אַסימילירן, נאָר לעבנדיק אין אַ פרייער דעמאָקראַטיע קאָן די רעגירונג ניט שטערן ווען מיר ווילן האָבן אייגענע שולן, צייטונגען, ביכער און טעאַטערס אויף יידיש. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וואו קיין זאַך קאָן ניט געטאָן ווערן אָן דער רעגירונג איז שוין די זאַך אַנדערש. דאָרט איז אַ פאָלק הילפלאָז אויב די רעגירונג איז קעגן. דאָס גאַנצע יידיש־קולטורעלע לעבן איז דאָרט צוליב דעם צעשטערט געוואָרן.

די יידישע שרייבער און קולטור־טוער זיינען, נאַטירלעך, געווען קעגן אַזאַ טויט־אורטייל אויף דעם יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן, האָט מען געטאָן מיט זיי וואָס מען טוט מיט אַנדערע קעגנער. מען האָט זיי דערשאָסן, קיין

יחסנים זיינען דאָרט ניטאָ. פאַר אונז דאַרפן בערגעלסאָן, פעפער, מאַרקיש און די אַנדערע באַטראַכט ווערן ווי מאַרטירער וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פאַר קדוש־האומה.

עס איז ניט וויכטיק וואָס פאַר אַ זינד מען האָט אויסגעקלערט צו פאַראורטיילן די יידישע שרייבער, וויכטיק איז, אַז אַ קאָמוניסטיש־סאָציאַ־ ליסטיש לאַנד וואָס האָט אָפּגעשאַפט קאַפּיטאַליזם האָט דערשאָסן יידישע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער ווייל זיי האָבן געוואָלט לעבן ווי יידן, אַ סאָציאַליסטיש לאַנד וואָס איז ניט געוואָרן אַנטיסעמיטיש האָט געהאַנדלט אַנטיסעמיטיש.

אויב עס זיינען דאָ יידן וואָס ריידן זיך איין, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט בקרוב אָנהייבן אַרויסגעבן יידישע ביכער און צייטונגען און עפענען יידישע טעאַטערס מאַכן זיי אַ טעות. זייער האַנדלונג קעגן יידן קאָן טאַקע אויסזען ווי אַן אַנטיסעמיטישער אַקט, אין דער אמתן איז עס אָבער אַ פּאָליטישע האַנדלונג, וואָס דאַרף זיך אַריינפּאַסן אין זייער קאָמוניסטישן פּראָגראַם. עס איז דאָ נאָך איין אורזאַך פאַרוואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט זיך גאָרנישט ענדערן צום בעסערן פאַר יידן, ווייל דער איינציקער ממשותדיקער כוח וואָס איז געבליבן ביי יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דער רעליגיעזער כוח, דער יידיש־וועלטלעכער וואָס איז ניט געווען צו שטאַרק אַפילו פריער, וואָס איז געווען צופיל אויפגעבלאָזן, איז איצט, נאָכדעם ווי מען האָט דערשאָסן די וויכטיקסטע יידישע שרייבער און קולטור־טוער, אַזוי שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן דאָס ער קאָן ניט האָבן קיין ווירקונג אויף דער רעגירונג.

סאָציאַליסטן וואָס זיינען, נאַטירלעך, קעגן אַנטיסעמיטיזם קאָנען אַמאָל, צוליב סאָציאַליסטישע אורזאַכן, אַליין האַנדלען ווי אַנטיסעמיטן. פון דעם זיינען אַפילו יידישע סאָציאַליסטן ניט אויסגעשלאָסן...

קאָלעקטיוויזם

„קאָלעקטיוויזם" — ווי איך טייטש עס אויס — איז אַ סיסטעם וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו אונזער היינטיקער צייט. אַמאָל האָט מען אונטער קאָלעקטיוויזם געמיינט באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך געשטעלט די אויפ־גאַבע אָפּצושאַפן פּריוואַט־אייגנטום, ווי סאָציאַליזם, קאָמוניזם, און אַנאַר־כיזם. היינט, ווען דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם ווערט רעפאָרמירט און דעמאָקראַטיזירט קאָן אויך קאַפּיטאַליזם ווערן אַריינגענומען אונטער דעם באַגריף פון קאָלעקטיוויזם.

די צרה מיט סאָציאַליזם קאַפּיטאַליזם און פאַשיזם איז, וואָס זיי נעמען אָן, אַז נאָר זייער סיסטעם איז גוט און מוז איינגעפירט ווערן אויף דער גאַנצער וועלט. זיי קעמפן פאַר דעם און שאַפן אַ לאַגע וואָס קאָן פירן צו מלחמות אָדער רעוואָלוציעס. קאָלעקטיוויזם נעמט ניט אָן דעם אומזין פון איין וועלט און איין סיסטעם, וואָס איז פאַקטיש אַן אוממעגלעכקייט. קאָלעקטיוויזם איז אָפּאָרטוניסטיש און עלאַסטיש, שליסט ניט אויס די אַנדערע סיסטעמען. עס מוז ניט זיין איין סיסטעם אויף דער גאַנצער וועלט. יעדעס לאַנד פּאַסט זיך צו איר סיסטעם.

ניטאָ אַזאַ סיסטעם וואָס איז דורכאויס שלעכט. אַ סיסטעם וואָס איז דורכאויס שלעכט קאָן ניט עקזיסטירן. ווען אַ סיסטעם עקזיסטירט אַ לענ־גערע צייט, איז עס אַ באַווייז, אַז דער סיסטעם פאַרענטפערט געוויסע פאַרלאַנגען, וואָס זיינען אין דעם מאָמענט היסטאָריש נויטווענדיק. ווען די פאַראייניקטע פעלקער וואָלטן זיך גערעכנט מיט דער דייטשער היסטאָ־רישער נויטווענדיקייט באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָלט קיין היטלער ניט געווען. ווייל די פירער פון די פעלקער האָבן געהאַנדלט לויט זייערע מאָמענטאַלע אַספּיראַציעס איז אַ היטלער געוואָרן פאַר די דייטשן אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. די פאַראייניקטע פעלקער האָבן דערנאָך געקאָנט צאַמען די היטלער היסטעריע. ווען עס וואָלט געווען אַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע קאָלעקטיוו באַוועגונג וואָלט זי געצוואונגען די פאַראייניקטע פעלקער זיי זאָלן ניט דערלאָזן די היטלער־באַוועגונג וואַקסן צו אַזאַ גרויסן כוח. אַ קאָלעקטיוויסטישע באַוועגונג קאָן ווירקן אויף די פאַראייניקטע פעלקער צו רעגולירן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס וואַקסט אויס צו שעדלעכע דימענסיעס.

קאָלעקטיוויזם איז ניט קעגן סאָציאַליסטישן אידעאַל, קעגן סאָציאַליסטישן גלויבן. נעמט אָבער אָן, אַז סאָציאַליזם איז ניט נאָר אַ סיסטעם נאָר אויך אַ מדרגה צו וועלכער ניט יעדער איינער איז דערוואַקסן. סאָציאַליזם איז אַן אידעאַל וואָס קאָן נאָר קומען דורך אָפּפערוויליקייט: דער איינצלנער דאַרף זיך קאָנען איבערגעבן און אָפּפערן פאַר דער געזעלשאַפט. אויב דער איינצלנער וויל ניט אָדער קאָן ניט פאַרגייגן זיין אייגענעם איך, פאַסט ער זיך ניט אַריין אין קיין סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט; בלויז מיט דעם וואָס מען ברענגט אונטער פריוואַט־אייגנטום ווערט נאָך קיין סאָציאַליזם ניט געשאַפן.

ווען עס זאָל זיך געפונען אַ פאָלק פון סאָציאַליסטישע צדיקים, וואָס ווילן און קאָנען אויפבויען אַ לאַנד אויף אמתע — די אמתע איז וויכטיק — סאָציאַליסטישע יסודות, דאַרף מען ניט זיין קעגן דעם. מיר זאָגן, אַז ביז איצט האָט עס זיך ניט אַרויסגעוויזן צו זיין מעגלעך; דער מענטש האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו אַ סיסטעם אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אויב מען וועט בויען סאָציאַליזם אויפן יסוד פון אַ מאַרקסיסטיש־מאַטעריאַליסטישער איינשטעלונג, וועט עס פירן צו דעם, וואָס עס איז געשען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו סטאַליניזם. נאָר אַ לאַנד וואָס האָט ניט קיין אַנדער וועג ווי אַזוי זיך צו אַנטוויקלען אינדוסטריעל מוז אָננעמען אַזאַ וועג.

קאָלעקטיוויזם איז ניט קאָסמאָפּאָליטיש, נאָר האַלט, אַז דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין לעבן. אין אַ צייט פון נאַציאָנאַלער געפאַר מעג מען פאַרבייגן מיט פרייהייט און דעמאָקראַטיע. נאַציאָנאַלע געפאַר מיינט ניט נאָר מלחמה, עס קאָן אויך מיינען ווען אַ לאַנד איז אין געפאַר צו בלייבן צוריקגעשטאַנען אויף לאַנגע יאָרן; וואָס מיינט, אַז דער לעבנס־סטאַנדאַרט פון פאָלק מוז זיין אַ נידעריקער און אין פאַל פון אַ מלחמה, וואָס קאָן קומען, וועט דאָס לאַנד זיך ניט קאָנען באַשיצן.

קאָלעקטיוויזם איז פאַר דעמאָקראַטיע. ווען אָבער עס שאַפט זיך אַזאַ לאַגע אַז דעמאָקראַטיע ווערט אָפּגעשאַפט, דאַרף עס ווערן איבערגעלאָזט צום פאָלקס אייגענע כוחות זיך צו באַפרייען פון דער אויטאָקראַטיע. קעגן אַ דיקטאַטאָר, אַן אַריינדרינגער מוזן די די פאַראייניקטע פעלקער נעמען שריט.

קאָלעקטיוויזם האַלט, אַז יעדעס פאָלק האָט אַ רעכט אויף זיין אייגענעם סיסטעם. מעג עס זיין סאָציאַליזם, קאָמוניזם, פאַשיזם אָדער קאַפּיטאַליזם. אויב אָבער אַ רעגירונג פון אַ לאַנד ווערט אַזוי מערדעריש ווי עס איז געוואָרן די היטלער רעגירונג אין דייטשלאַנד, וואָס האָט אומגעברענגט מאַסן מענטשן צוליב אַן אומנאַרמאַלע שנאה, איז עס די פליכט פון די פאַראייניקטע פעלקער צו נעמען שריט קעגן אַזאַ פאָלק.

פראַפּאַגאַנדע וואָס קאָמוניסטן אָדער פאַשיסטן פירן אַז אין פאַרשיי־דענע לענדער זאָל, אין אַן אומרואיקער צייט, ווען דעמאָקראַטיע איז אין געפאַר, באַגרענעצט ווערן. דעמאָקראַטיע מוז אָפּגעהיטן ווערן, ווייל נאָר דורך אַ דעמאָקראַטישן וועג קאָן געפונען ווערן דער בעסטער וועג צו אַ בעסער לעבן.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז געווען אַ טעות. דעם פּרייז וואָס די פעלקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן באַצאָלט פאַר זייערע דערגרייכונגען האָט זיך ניט געלוינט. זיי וואָלטן מער דערגרייכט דורך אַ פרייען דעמאָ־קראַטישן פּריוואַט־אייגנטום סיסטעם. זיי וואָלטן זיך געקאָנט אַרויסהעלפן מיט אויסלענדישן קאַפּיטאַל, וואָס איז ניט אַזאַ אומגליק ווי די סאָציאַליסטן מיינען. דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל וואָלט אויפגעהויבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די מאַסן. דער פּראָצענט וואָס מען וואָלט באַדאַרפט באַצאָלן די אויסלענדישע באַנקירן וואָלט זיכער געלוינט. די אינדוסטריאַליזאַציע וואָלט אפשר גענומען מער צייט, אָבער עס וואָלט ווערט געווען. עס וואָלט געקאָסט זייער ווייניק קרבנות. ווען אַלעס וואָלט געגאַנגען נאָרמאַל, וואָלט עס גאָר קיין קרבנות ניט געקאָסט און עס וואָלט אויסגעמיטן אַ צווייטע וועלט־מלחמה. איצט אָבער דאַרף דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איבערגעלאָזט ווערן צו זיין אייגענעם גורל. אויב די סאָוועטישע פעלקער זיינען וויליק צו ליידן פאַר זייער סיסטעם איז עס זייער זאַך.

קאָלעקטיוויזם נעמט אָן דעם פּרינציפּ פון „קאָ־עקזיסטענץ", אַלע סיסטעמען קאָנען עקזיסטירן און לעבן האַרמאָניש. עס איז ניטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס אַ קאָמוניסטיש לאַנד זאָל ניט קאָנען האַנדלען מיט אַ קאַ־פּיטאַליסטיש לאַנד. די אינערלעכע פירונג פון לאַנד דאַרף ניט שטערן דעם אויסערלעכן האַנדל.

קאָלעקטיוויזם גיט צו, אַז די אַנטוויקלונג פון אַ לאַנד איז וויכטיקער ווי דער צייטווייליקער סיסטעם; ווייל די אַנטוויקלונג פון אַ לאַנד קאָן ברענגען פאַרבעסערונגען פאַר לאַנגע יאָרן. דער צייטווייליקער סיסטעם, ווען אַפילו שלעכט, איז נאָר פאַר אַ קורצער צייט.

אין אונזער היינטיקער צייט, ווען מען זעט קלאָר ווי אַזוי די פאַרשיי־דענע סיסטעמען אַרבעטן, איז ניטאָ קיין אורזאַך פאַר שנאה און קריג. יעדער באַוואוסטזיניקער מענטש, מעג ער אַפילו זיין אַ סאָציאַליסט, אָדער אַ קאָמוניסט, וואָס לעבט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און זעט וואָס די אַרבעטער האָבן דאָ דערגרייכט, מוז איינזען, אַז עס איז ניטאָ קיין אורזאַך פאַר די אַרבעטער צו רעוואָלטירן קעגן סיסטעם. עס איז אויך ניטאָ קיין אורזאַך צו דענקען, אַז דער קאַפּיטאַליזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועט צוזאַמענברעכן צוליב זיינע מכלומרשטע ווידערשפּרוכן. אַ טייל פון

די ווידערשפּרוכן עקזיסטירן ניט מער און די וואָס עקזיסטירן נאָך האָבן גוטע מעגלעכקייטן צו ווערן אויסגעגליכן. אַזוי אויך, מוז אַ מענטש וואָס איז אַפילו קעגנעריש צו סאָציאַליזם איינזען, אַז כינע קאָן ניט אויפגעבויט ווערן מיט אַ פּריוואַט־אייגנטום סיסטעם. דאָס זעלביקע קאָן מען זאָגן וועגן די אַנדערע צוריקגעשטאַנענע לענדער אין אַזיע. אינדיע פּונקט ווי כינע וועט זיך אַנדערש ניט קאָנען אַנטוויקלען. דאָס דאַרפן פאַרשטיין קעגנער פון סאָציאַליזם. דאָס האָבן פאַרשטאַנען גענעראַל מאַרשאַל און גענעראַל סטילוועל. מען האָט זיך צו זיי ניט צוגעהערט און פאַרלוירן.

פערציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע קאָנען די קאָמוניסטן ניט זיין אַזוי בלינד ניט איינצוזען, אַז דער אַרבעטער אין אַמעריקע אונטער קאַפּיטאַליזם לעבט אומפאַרגלייכלעך בעסער, ווי דער אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו מען האָט אָפּגעשאַפט קאַפּיטאַליזם. פערציק יאָר איז אַ לאַנגע צייט. אַלע תירוצים וואָס קאָמוניסטן גיבן אָן, ווי מלחמות, בירגער־קריג, זיינען צו קורץ צו פאַרדעקן אַזאַ לאַנגע צייט.

פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס איז עס אַזוי אַנדערש ווי די קאָמו־ניסטן און סאָציאַליסטן האָבן אויסגערעכנט?

עס איז דאָ אויף דעם איין תירוץ: די קאָמוניסטן ווי די סאָציאַליסטן האָבן געמאַכט אַ פאַלשן חשבון ווען זיי האָבן געדענקט, אַז אונטער סאָציאַ־ליזם וועט אַלץ, וואָס דער אַרבעטער אַרבעט אויס בלייבן ביי אים. אין דערווירקלעכקייט נעמט דער שטאַט צו דעם פּראָפיט וואָס איז פריער אַריינ־געפאַלן אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן. מיט דעם אונטערשייד, וואָס קאָלעקטיוו־אייגנטום איז ווייניקער פּראָדוקטיוו ווי פּריוואַט־אייגנטום — קומט ממילא אויס, אַז דער אַרבעטער פאַרדינט ווייניקער. די מאָדערנע קאָרפּאָראַציעס שוואַכן אָפּ דעם סאָציאַליסטישן מאָטיוו, אַז דער כוח פון די קאַפּיטאַליסטן ליגט אין די מיטלען פון פּראָדוקציע. אַרבעטער קאָנען דורך קאָרפּאָראַציע אויך קריגן די מיטלען פון פּראָדוקציע.

ניט סאָציאַליזם, ניט קאָמוניזם, ניט ליבעראַליזם נאָר קאָלעקטיוויזם דאַרף זיין דער אידעאַל פאַר דער צוקונפט. פאַר דעם אידעאַל דאַרף מען זיך אָרגאַניזירן און אַרבעטן.

אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל זיך אָרגאַניזירן צו אַרבעטן פאַר קאָ־לעקטיוויזם איז זייער נויטיק. קאָלעקטיוויזם דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַן אידעאַל וואָס וועט אויסמיידן מלחמות, וואָס וועט געבן אַ געלעגנהייט די פעלקער זיך צו אַנטוויקלען לויט זייערע מעגלעכקייטן. קאָלעקטיוויזם דאַרף זיין דער אידעאַל פון די מאַסן וואָס דאַרפן צוגעבן, אַז עס איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן די פעאיקייטן פון מענטשן, און על־פּי־יושר דאַרפן די פעאיקע באַצאָלט ווערן לויט זייערע פעאיקייטן. קאָלעקטיוויזם דאַרף

רעדוצירן דעם קאַמף פון די קלאַסן צו אַ מינימום. אַ דעמאָקראַטישע רע־גירונג מיט דער הילף פון די יוניאָנס דאַרף האָבן גענוג כוח איינצושטילן דעם קאַמף.

פריוואַט־אייגנטום איז דער בעסטער סיסטעם אַרויסצוברענגען די מאַקסימום כוחות פון מענטשן צו אַנטוויקלען און רייכער מאַכן אַ לאַנד. אין לענדער וואו דורך פאַרשיידענע אורזאַכן קאָן פריוואַטע איניציאַטיווע ניט קומען צום אויסדרוק, זאָל דער קאָלעקטיווער כוח, וואָס מען ווענדט אָן, מינימיזירט ווערן נאָר צום נויטיקסטן, זאָל ניט ווערן דער כוח וואָס דאַרף אויסוואַרצלען פריוואַטע איניציאַטיווע.

אַן איינגעפונדעוועטע קאָלעקטיווע באַציאונג צווישן פעלקער דאַרף אָפּשאַפן די אומגעהויערע אויסגאַבן פאַר מלחמה־צוועקן, דאָס געלט, קאָן פאַרווענדט ווערן צו שאַפן אַ בעסער לעבן פאַר די פעלקער.

אין אונזער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע, די אַטאָמישע עפּאָכע. ווען מען וועט נוצן אַטאָמישע ענערגיע פאַר אינדוסטריעלע צוועקן — דאָס וועט ניט נעמען לאַנג — וועט עס שאַפן רייכקייט פאַר אַלע. דאָס קאָן אַזוי ענדערן די לאַגע, דאָס רייכקייט וועט אויפהערן צו זיין אַן „אינסענטיוו". דעמאָלט קאָן זיין, אַז דער אונטערנעמער, דער וואָס וועט וועלן אַוועקגעבן זיין ענערגיע נאָך מער צו באַרייכערן און אַנטוויקלען דאָס לאַנד זאָל ווערן דער העלד פון טאָג. אַן אָנצייכעניש פון דעם איז געשען אָנהויב יאָר 1956, ווען האַרלאָו קוירטיס, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאָל־קאָרפּאָראַציע איז אויסגעקליבן געוואָרן פון „טיים־מאַגאַזין" אַלס „דער מאַן פון יאָר 1955". דאָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד פאַר זיין מי און אַרבעט אַלס הויפּט פון דער קאָרפּאָראַציע, כאָטש ער קריגט גוט באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט.

אפשר ווען ווייניק מענטשן וועט אינטערעסירן צו ווערן רייכער, ווייל אַלע וועלן זיין מער אָדער ווייניקער רייך, וועט מען קאָנען ריכטיק אָפּ־שאַצן די שעפערישע ראָלע פון קאַפּיטאַליסט.

די אידעאַלן פון סאָציאַליזם, קאָמוניזם, ליבעראַליזם און ראַדיקאַליזם וועלן אין אָנבליק פון די ניי־געשאַפענע אַטאָמישע אומשטענדן פאַרלירן זייער וויטאַליטעט. רייכקייט וואָס איז געווען בלויז פאַר געציילטע מענטשן וועט ווערן אַ דערגרייכונג פון מאַסן. דער ווילן רייך צו ווערן איז אין אונ־זער היינטיקער אָרדענונג אַן אַלגעמיינער — יעדער איינער וויל ווערן רייך. דאָס האָט געגעבן דעם קאַפּיטאַליזם אַ מאָביל־דינאַמישן כוח. אין אַן אַטאָמישער עפּאָכע ווען דער סטאַנדאַרט פון לעבן פון אַלע, וועט אויפ־געהויבן ווערן צו אַ העכערער, רייכערער שטופע, וועט דער לוסט רייכער צו ווערן ניט זיין אַזוי שטאַרק; דער גרעסטער טייל וועט ניט וועלן אַוועק־

געבן די כוחות פאַר מער לוקסוס, וועט זיין אַ געפאַר פון סטאַטישער איינשטעלונג, וואָס קאָן פירן צו צוריקגעשטאַנענקייט. עס וועט נויטיק זיין אינטענסיווער צו אַנטוויקלען די גלאָריע פון אויסנאַם און העלדישקייט, וואָס וועט העלפן שאַפן די איניציאַטיוו ביי אַגרעסיוו־אַמביציעזע כאַראַק־טערן אָנצוהאַלטן דעם דינאַמישן כוח פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. דער קאָלעקטיווער כוח פון דער רעגירונג וועט ממילא ווערן אַ גרויסער, שעפערישער כוח. דאָס אַליין וועט פירן דערצו, אַז קאָלעקטיוויזם, דער ווילן פון „כלל" וואָס וועט ווערן פריי דורכגעפירט פון איינצלנע און קאָלעקטיוו דורכגעפירט פון אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג, וואָס וועט קאָנטראָלירט ווערן פון פרייע באַוואוסטזיניקע יחידים, זאָל ווערן דער אידעאַלער סיסטעם.

זוכצעטל

אַבראַמאָוויטש, רפאל, 84, 93,
אוען, ראָבערט, 10, 19, 22,
אַזעוו, 43,
אַנאַרכיזם, 24,
אַפּאַטאָשו, 91,

באַבעף, 24,
באָהעם, באַווערק, 55,
באָוושאָווער, 20,
באַוער, ברונאָ, 37,
באַקונין, 12, 21, 41, 53, 158,
באָקל, 58,
בוכאַרין, 93, 110, 111, 163,
בולגאַנין, 154, 199, 204,
בונד, 91,
ביאַלין, 6,
ביסמאַרק, 17, 25,
בלאַנק, לואיס, 24,
בעבל, 64,
בערנשטיין, עדוואַרד, 47,
בעריאָ, 208,
בערגלסאָן, 211,

גאָדווין, 41,
גאָלדבערג, ב. צ., 208,
גאַלילעאָ, 59, 60,
גאָמפּערס, 18,
גלאַדסטאָן, 64,

דאַרווין, 59, 61, 96,
דובינסקי, דייוויד, 104,

דזשוגאַשווילי, וויסאַריאָן, 95,
דיאַלעקטישע מעטאָדע, 51,
דיזראַעלי, בענדזשאַמין, 125,
דעירינג, 55, 56,
דעלאַדיע, 115,
דזשאָרדזש, הענרי, 113,

האָופטמאַן, גערהאַרד, 20,
הואווער, עדגאַר, 167,
הוד, טהאָמאַס, 21,
הוגענאָטן, 59,
הוס, יאָהאַן, 58,
היטלער, 8, 17, 43, 114, 115,
116, 117, 118, 119, 120,
123, 125, 200, 204, 212,
היינע, 35,
העגעל, 24, 36, 39, 59, 108,
הענרי דער אַכטער, 22,
העס, משה, 21, 24,
הואווער, הערבערט, 125,

וואָלטעיר, 59,
וואָל־סטריט, 139, 140, 141, 143,
144, 145, 146, 149, 150,
וויליטש, אויגוסט, 22,
ווילקי, ווענדל, 152,
ווילסאָן, 123,

זינאָוויעוו, 14, 163,
זשעני, 35,

טאָמאַס, 140,
טהאָמאַס, נאָרמאַן, 9,
טראָצקי, 14, 19, 84, 93, 96, 97,
98, 102, 110, 163,
טשאַנג קאַי שעק, 175, 176, 181,
183,
טשוירטשיל, 118, 119, 128,
טרומאַן, 17, 133,
יוליוס צעזאַר, 108,

כינע, 17, 33, 130, 175, 176,
177, 178, 183,
כרושטשעוו, 154, 163, 166, 199,
204,

לאַסאַל, 39, 53,
לוטהער, 59,
ליבקנעכט, 64,
לייבניץ, 59,
לייוויק, ה., 91,
ליקארגוס, 22,
לענין, 9, 12, 17, 19, 83, 84, 85,
86, 87, 88, 89, 93, 94,
112, 172,

מאָאָ טסע טאַנג, 175, 182,
מאיר פון פּאַבואַ, 35,
מאַנטשעסטער שול, 47,
מאַלאַטאָוו, 163, 199,
מאַלענקאָוו, 166, 203, 204,
מאָר, טהאָמאַס, 22,
מאַרקיש, 211,
מאַרשאַל, 17, 151, 152, 153,
154, 176, 177, 215,
מוסאָליני, 125, 148, 168, 196,
199, 200,
מיקאָיאַן, 116, 199,

נאַדיר, משה, 91,
נאַפּאָלעאָן, 24, 117,
ניוטאָן, אייזיק, 59,
ניי, לאַנאַרק, 22, 23,
„נעפּ", 12, 13, 94, 194,

סאַן יאַט סען, 175
סאָמבאַרט ווערנער, 55
סטאַליניזם, 9, 14, 15, 16, 102,
107,
סטילוועל, 215,
סטראַוס, ד. פ. 36, 39,
סירקין, 24
סמיט אַדאַם, 38, 131,
סעינט סימאָן, 19, 23,
ספּינאָזע, 24.

עדעלשטאַט דייוויד, 20,
עטיאָפּיע, 148, 196,
ענגעלס, 19, 24, 36, 39, 56,
62, 63, 64,
ענציקלאָפּעדיסטן, 59,
עראַסמוס, 59,
ערנבערג, 209.

פּאָרווערטס, 128,
פּאָרד העברי, 30, 77,
פּאַשיזם, 125,
פּייערבאַך לודוויג, 36, 39, 59,
פוריע, 23,
פענסטער ב., 208,
פעפער איצעק, 211.

פּאָליט־ביוראָ, 12, 13, 111,
פּוילן, 9, 118, 192, 193,
פּלאַטאָ, 22,
פּעין טהאָמאַס, 59,
פּראָטעסטאַנטן, 59,

פּרודאָן, 24, 37, 41, 53, 158,
פּעטראָסיאַן טער, 96,

צביון, 91,

קאַאוטסקי, 64,
קאַגאַנאָוויטש לאַזאַר, 100, 209,
קאַגאַנאָוויטש ראָזע, 100,
קאַגלין, 116,
קאַלווין, 59,
קוירטיס האַרלאָו, 216,
קאָמוניסטישער מאַניפעסט, 42,
קאַנצלער פאָן וועסטפאַליען, 35,
„קאַפּיטאַל“, 38, 39, 53, 55, 56,
קאַפּלאַן ד., 94,
קופּערניק, 60,
קעינז לאָרד, 126,
קעפּלער, 59,
קערענסקי, 82, 83, 182,
קראָסבי בינג, 29, 30.

ראָטשילד, 161,
ריקנבאַקער גענעראַל, 107,
ראָגאָף ה., 91,
ראָדבערטוס קאַרל, 24, 39,
ראָדעק, 14,
ראָסל בערטראַנד, 51,
רוזוועלטיזם, 9, 16,
רוסאָ זשאַן זשאַק, 59,
ריקאָוו, 14,
ריקאַרדאָ דייוויד, 39,
רייזען אברהם, 91,
רעפאָרם־אַקט, 63,
ראָזענפעלד מאָריס, 20,
רוזוועלט, 123, 124, 126, 127,
128, 132, 133, 135, 136,
149, 156.

שטיינבערג י. נ., 84, 93,
שטירנער מאַקס, 41,
שעקספּיר, 109.

אינהאַלט

	זייט
פאָרוואָרט	5
אויך אידעען ווערן אַלט	11
סאָציאַליזם	18
מאַרקסיזם	35
סאָציאַליזם און די אינטעליגענץ	57
טרעיד יוניאָנס	62
פראָפיט	67
די רעוואָלוציע	82
דער סאָציאַליסטישער עקספערימענט	88
סטאַלין	95
סטאַליניזם: 1. טאָטאַלער כוח, 2. די פראָצעסן, 3. דער פויער און סאָציאַליזם, 4. דער פאַקט	102
רוזוועלטיזם	122
וואָל סטריט	139
מאַרשאַל־פלאַן	151
סאָציאַליזם קאָן פאַרגרעסערן עקספלואַטאַציע	155
כינע	175
די ענדערונגען	186
דער גורל פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד	207
קאָלעקטיוויזם	212

ביכער פון זעלבן מחבר:

„מאָריס שוואַרץ און דער יידישער קונסט טעאַטער"

„שטעט", מעשיות אין פערזן.

Printed in U.S.A.
by
Waldon Press, Inc.

341